STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06123

VARSHE FUN NEKHTN

Itzhak Borenstein

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ITZHAK BORENSTEIN

★

Varsóvia de Ontem

★

SÃO PAULO - BRASIL
1967

[illegible]

יצחק בערנשטיין

װאַרשע פֿון נעכטן

[illegible]

26/VII-67

אַ דאַנק מיין פריינט, ערן גענעראַל־קאָנסול פון ישראל אין בראַזיל, ה׳ לעאָן פעפער און זיין פרוי אַנטאָניעטאַ, פאַרן מיטהילף מיט פאַפיר פאַרן בוך.

י. ב.

אַ דאַנק די מיטגלידער פון

בוך־קאָמיטעט

פאַרן פאַרשפרייטן דעם בוך

י. ב.

דעם אָנדענק פון מיין טאַטן

מרדכי הענעך הלוי

אומגעבראַכט געוואָרן דעם 18־טן אויגוסט 1942,

אין אָטוואָצק, הינטער וואַרשע הי"ד;

מיין מאַמען **זלאַטע** און מיין ברודער **שמואל**

מאיר ע"ה

פון מחבר

פאמיליארע סיבות האבן גורם־געווען, אז איך האב פארלאזט דאס קאמוניסטישע פוילן זייער שפעט, ווען כמעט אלע יידישע שרייבער, נישט קאמוניסטן, האבן שוין לאנג געהאט פארלאזט די מדינה ביי דער ווייסל.

און, געשען איז עס אזוי :

חול־המועד סוכות פון יאר 1946 האט דער צענטראל ־ קאמיטעט פון די יידן אין פוילן, אין וועמענס שפיץ עס איז געשטאנען דער לינקער פועלי־ציוניסט (און איצטיקער מיטגליד פון דער קאמוניסטישער פארטיי אין ישראל), דר. א. בערמאן, ארויסגערופן קיין ווארשע, אלע יידישע שרייבער פון גאנצן לאנד.

אין א פלאם־פייערדיקער רעדע, האט דר. בערמאן גערופן די יידישע שרייבער, זיי זאלן זיך איינשפאנען אין וואגן פון „סאציאליסטישן רעאליזם" און העלפן בויען דאס „פאלקס־דעמאקראטישע" פוילן אין גייסט פון גרויסן פירער, סטאלין.

די שרייבער לעאָ פינקעלשטיין און אפרים קאַ־גאַנאָווסקי ע"ה, זענען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער חוצפהדיקער פאָדערונג פון פאָרזיצער און דאָס האָט דערפירט דערצו, אַז קיין שום רעזאָלוציע איז אויף יענער פאַרזאַמלונג נישט אָנגענומען געוואָרן.

דאַקעגן האָט יעדער שרייבער פאַר זיך אָנגענומען אַ „שטילע" רעזאָלוציע, אַז מען דאַרף וואָס שנעלער פאַרלאָזן פוילן.

ערב מיין אָפּפאָרן פון וואַרשע — דעם 20־טן מערץ 1950, האָבן מיך חברים געראָטן, אַז איך זאָל נישט מיטנעמען קיין שום יידישע מאַנוסקריפּטן, ווייל כ'קען צוליב דעם האָבן גרויסע צרות, ביי דער גרענעץ...

איך האָב געפאָלגט די ריכטיקע עצה פון מיינע חברים, אַזוי אַז איך בין געבליבן אינגאַנצן אָן מיין ליטעראַרישן אַרכיוו.

איך בין דעריבער זייער דאַנקבאַר דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון „איוואָ" אין ניו־יאָרק, דעם שרייבער פנחס שוואַרץ ע"ה; מיין עלטערן קאָלעגע פון אַמאָ־ליקן וואַרשעווער „מאָמענט"; דעם שרייבער און דיכ־טער אברהם זאַק און מיין יונגערן קאָלעגע פון זעלבן „מאָמענט", דעם שרייבער און פּובליציסט, לעאָן לענעמאַן, וועלכע האָבן מיר אַהער געשיקט עטלעכע פון מיינע זאַכן, וועלכע זענען אין יענער צייט פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אין אויסלאַנד.

דער ווייט־גרעסטער טייל פון מיין בוך „ווארשע פון נעכטן" איז געשריבן געוואָרן אין סאַן פּאַולאָ און אַליע — פון זכרון.

אַ ספּעציעלן דאַנק פאַר מיין פריינט, הערשל אַסטראָוויעצקי, דער געוועזענער ארויסגעבער פון „חער נייער מאָמענט", די פּאָפּולערע נאַציאָנאַל־יידישע צייטונג, וועלכע ווערט דורך מיר רעדאַגירט שוין איבער 14 יאָר.

י. באָרענשטיין

געזעצט און געדרוקט אין
טיפאָגראַפיע פראַנקענטהאַל
Rua Três Rios, 259
Tel. 32-8867 - São Paulo

הילע געצייכנט פון
בראַזיליאַנער צייכנער
מאַרסעלאָ לעמער
לויט די אידייען פון
ש ר י י ז

אַרויסגעגעבן דורכן מחבר
סאַן פּאולאָ, 1967 - תשכ"ז
I. BORENSTEIN
Al. Itú, 699
Tel. 31-1099 - São Paulo

אינהאַלט:

תלמידים פון ר' איטשעס ישיבה 11
אָסקאַר גרינזענבערג אין וואַרשע 14
גזירה קעגן כשרער שחיטה 19
כל נדרי אין טלאָמאַצקער סינאַגאָגע 34
„זשידוווקאַ" אין דער וואַרשעווער אָפּערע 38
פּוילישע יידן שפּילן אין שאַך 40
דער יידישער פּאַרלאַמענט אין וואַרשע 46
די שענסטע שיל אין פּוילן 51
אַ מעשה נורא מיט אַ יידישן באָקסער אין
לעמבערג 53
דער פּאָגראָם אין קעלץ 56
דער לעצטער בית־מדרש... 58
דער מאָרד איבער דר. אָרלאָזאָראָוו און
דאָס יונגע בחורל מנחם בעגין 63
דראַמאַטישע זיצונג מיט זשאַבאָטינסקין
אין „מאָמענט" 68
ר' הילל ז"ל 75
הרב ר' איטשע מאיר לעווין 80
ווי אַזוי דער „מאָמענט" האָט
אויפגענומען ז. שניאורן 83
נאָמבערג ציטערט פאַר מאָטקע גנב 85
דר. יצחק שיפּער 88
יעזשי באָריישאַ 89
אָפּאַטאָשו אין פּוילן 94

די קאַטאַסטראָפע 99

מ׳לויפט אויף מזרח 101

די מהומה אין הרוביעשאָוו 104

כ׳וויל שוין זען דעם ערשטן באָלשעוויק 106

די אַסיפה ביים לוצקער רב 109

חברים פון טלאָמאַצקע 13 ווילן מיך
נעמען קיין ווילנע 112

ניכטערע רייד פון אַ ביאַליסטאָקער ייד 113

זעלבסטמאָרד פון אַ יידישן גענעראַל 115

איך וויל שוואַרצן די רויטע גרענעץ
קיין ווילנע 117

אויף סאָוויעטישער קאַטאָרגע 120

מ׳לערנט דעם דף־יומי אין קוּבישעוו 122

וואָס איך בין אַלץ געוואויער געוואָרן
אין מאָסקווע 123

געטאָ ־ אויגן... 129

איידעלע פעלקער 132

מ׳פירט אונדז ווייזן מאַידאַנעק 136

דער טויטן־לאַגער אין אָשוויענטשים 138

אויבערשטורמבאַנפירער אַדאָלף אייכמאַן 145

דער קויפמאַן פון ברעמען 150

„דער שמיד פון דרעזדען" 156

צי זענען אויך געווען מענטשלעכע דייטשן? 163

חיים רומקאָווסקי — דער קעניג
פון לאָדזשער געטאָ 168

אַנטוישונג אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד 175

„מיין נאָמען איז... סנה" 179

„פירער פון רומענישן יידנטום" 180

מ׳וויל אונדז נישט פאַרגינען דעם כבוד
פון געטאָ־אויפשטאַנד 183

עמלק, צי אדום ? 187

אַרטור (שמואל) זיגעלבוים ז״ל 191
„וואַרשאַוויאַנקעס״ אין תל־אָביב 196
פאַקטן געפעלשטע און פאַקטן פאַרשוויגענע 203
אויף א באַנקעט אין פאַריז 207
טויטע גאַסן 211
ביים קבר פון אלחנן צייטלין ע״ה 216
וועגן אַ דראַמאַטישן משפט איבער אַ
יידישן שרייבער אין וואַרשע 221
קדיש נאָך אַ געטאָ פּאָליציאַנט 228

I

ווארשע פון נעכטן

תלמידים פון ר׳ איטשעס ישיבה

ווארשע, ווינטער 1913.

אין ר׳ איטשעס ישיבה אויף מוראנאָווסקי 22 הערשט אַ גרויסע אויפלעבונג: ס'איז געשען עפּעס אַ וויכטיקע נייעס! קיין צייטונג האָט קיינער פון די ישיבה־בחורים פארשטייט זיך נישט געלייענט. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט די מלמדים וועלכע זענען געווען יראים ושלמים.

אָבער מען איז געוואויער־געוואָרן אַז פון פּעטערבורג איז אראָפּגעקומען קיין ווארשע אַן אדוואָקאַט, אַ רוס, וואָס איז גע־ווען איינער פון די הויפּט־פּארטיידיקער אויפן עלילת־דם פּראָ־צעס, אין קיעוו בשעת מען האָט געמשפּט דעם ייד מענדל ביילים.

זיין נאָמען איז געווען קאראבטשעווסקי, אַ מאַן פון 60 יאָר, וועלכער איז באקאנט געווען פאר דעם גרעסטן אדוואָקאַט אין צאַ־רישן רוסלאַנד.

בייליסן האָבן פארטיידיקט 5 אדוואָקאַטן, דערונטער איין ייד, אָסקאר אָסיפּאָוויטש גרוזענבערג פון ריגע (זיינע ביינער האָט מען געבראַכט פון פּאריז קיין ישראל און קובר־געווען מיט גרויס פּאראַד). קאראבטשעווסקי האָט צוזאַמען מיט גרוזענבערגן געטראָגן די הויפּט־לאַסט פון פּראָצעס און וועגן זיין רעדע אויפן פּראָצעס האָט די גאַנצע וועלט־פּרעסע געשריבן אַז זי איז געווען אַ מייס־טערווערק און האָט מיט איר אייזערנער לאָגיק געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף די געשוואוירענע ריכטער.

קאראבטשעווסקי איז דעמאָלט געקומען קיין ווארשע אין שייכות מיטן פּראָצעס פון פּוילישן גראף אדאַם ראָניקער, וועלכער איז באַשולדיקט געוואָרן אין דערמאָרדן זיין שוואָגער כדי צו בלייַ־בן דער איינציקער יורש צום מיליאָנען־פאַרמעגן פון זיינע רייַ־כע שווינער־עלטערן.

ראָניקערס פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין דער סודעבנע פּאַ־לאַטע אויף קראַשינסקיס פּלאַץ און קאראבטשעווסקי, וועלכער איז

ארויסגעטרעטן מצד דער באשולדיקונג פלעגט פינקטלעך 2 אזייגער נאכדעם ווי די פארהאנדלונגען זענען פארענדיקט געווארן פארלאזן דעם בנין פון געריכט.

אזוי האט מען געשמועסט אין יידישן ווארשע און דאס האט זיך אויך דערטראגן אין ר׳ איטשעס ישיבה אויף מוראנאווסקע 22

כ׳געדענק אזוי ווי היינט ווי די טיר האט זיך לאנגזאם געעפנט בשעת דער משגיח ר׳ משה, א ליטווישער ייד איז אריינגעקומען צו אונדז אין דער זעקסטער כתה וואו ר׳ לייבל חריף (אזוי האט מען אים גערופן אין ווארשע) האט געהאלטן אינמיטן זאגן דעם „שיעור".

ר׳ לייבל חריף איז געווען א ייד פון א יאר 75. א תלמיד פון גרויסן גאון דער „תפארת יעקב". ער איז געווען בלויז הויט און ביין און א חוץ לערנען האט אים קיין שום זאך נישט אינטערעסירט. ער האט אויך כלל נישט באמערקט אז דער משגיח איז אריינגעקומען. שטייענדיק אזוי א היפשע צייט ביי דער טיר, האט זיך דער משגיח דערנענטערט צום טיש און אים פארזיכטיק געזאגט:

— רבי! איר וועט מוחל־זיין און היינט אפלאזן די תלמידים האלב 2 אזייגער.

ר׳ לייבל חריף האט ארויפגערוקט די ברילן אויף זיין הויכן לומדישן שטערן און געפרעגט כמעט מיט כעס:

— וואס איז דאס פאר א יום־טוב? כ׳האב שוין פון לאנג געזאגט, אז ס׳איז דא צופיל בטול־תורה!

— רבי! ס׳איז געקומען קיין ווארשע איינער פון די גרעסטע חסידי אומות העולם, דער וואס האט פארטיידיקט בייליסן פון די שונאי־ישראל.

— אזוי גאר? אזוי גאר? — האט דער חריף איבערגעחזרט עטלעכע מאל. — נו, מען דארף טאקע גיין — האט ער א זאג געטאן און זיין בלאס פנים האט געשטראלט פון שמחה.

כדי נישט צו „רייצן די גויים" זענען מיר געגאנגען נישט אלע מיט אמאל נאר גרופעסווייז. און ווען מיר זיינען צוגעקומען צו קראשינסקים פלאץ זענען שוין דארט געווען זייער א א סך מענטשן, לויטער יידן און אלץ אין לאנגע קאפאטעס. אויך פון אנדערע ישיבות, פון „אייזענהויף", פון געגער רבינס בית־המדרש זענען געקומען בחורים. אלע זענען געקומען אפגעבן כבוד, דעם גוי, וועלכער האט פארטיידיקט דאס יידישע פאלק פון א בלוט־בלבול,

וואָס די שונאים האָבן אויסגעטראַכט אַז מיר נוצן קריסטלעך בלוט צו די מצות.

קראַשינסקיס פּלאַץ איז געווען באַדעקט מיט אַ ווייסן שניי, וואָס האָט נאָך בולטער אָפּגעשלאָגן די שוואַרצע לאַנגע קאַפּאָטעס. דער טרוקענער פראָסט האָט אויף אונדז גאָרנישט געווירקט צוליב דער גרויסער עמאָציע אַז באַלד וועלן מיר זעען דעם אַדוואָקאַט, וואָס האָט פאַרטיידיקט ביילִיסן.

ס'איז שוין 2 אַזייגער. ס'הייבן שוין אָן אַרויסגיין פון גע־ריכט מענטשן מיט טעקעס אונטערן אָרעם. אַדוואָקאַטן מן־הסתם.

נעבן אונדז שטייען עטלעכע „דאַטשלעך":

— ס'איז נישט דער. ניין, ס'איז נישט קאַראַבטשעווסקי.

— ס'איז באַברישצעוו ־ פּושקין, (אַ גרויסער אַדוואָקאַט, וועלכער האָט פאַרטיידיקט ראַניקערן) און דאָ גייט קאַרווין ־ פּיאַ־טראַווסקי — זאָגט אונדז איינער פון די „דאַטשלעך".

אַ דראָשקע פאָרט שנעל צו און דער וואָס הייסט קאַר־ווין ־ פּיאַטראָווסקי שטייגט איין אין דער דראָשקע און פאָרט אַוועק. דאָס זעלבע געשעט אויך מיט דעם, וואָס הייסט באַבריש־צעוו פּושקין.

ס'איז שוין אַ היבשע צייט נאָך 2 אַזייגער. די שפּאַנונג ביי אונדז די ישיבה ־ בחורים וואַקסט פון מינוט ־ צו ־ מינוט. אַ שטיקל צייט ווי ס'גייט שוין קיינער נישט אַרויס פון דער סודעבנע פּאַלאַטע. מיר הייבן אָן ווערן נערוועז: אפשר איז קאַראַבטשעווסקי היינט אינגאַנצן נישט געקומען אין געריכט אפשר איז ער חלילה נישט געזונט...

פּלוצלונג באַווייזט זיך ביים אַרויסגאַנג אַ הויכער אָנ־געטאָן אין אַ פוטער און אויפן קאָפּ, אַ טיפּיש ־ רוסישן קאַלפּאַק. ער גייט מיט לאַנגזאַמע אָבער זיכערע טריט אַראָפּ פון די ברייטע טרעפּ.

— דאָס איז ער! דאָס איז קאַראַבטשעווסקי! מיר דער־נענטערן זיך צו אים. קיין רוסיש האָט קיינער פון אונדז נישט געקענט רעדן. און ווען אפילו יאָ, טאָ ווער וועט דאָס וואַגן צוצוגיין צו אַזאַ פּריץ און רעדן?

פון אונדזערע פרייליכע פּנימער און פון אונדזערע זשעס־טן האָט דער הויכער פּערזאָן מיטן פּאַטריאַרכאַלישן פּנים מיטן מאַ־נאַקאַל אויפן אויג, פאַרשטאַנען ווער מיר זענען און פאַרוואָס מיר

זענען דא געקומען.

ווען דער דראשקאזש האט זיך פאר אים פארנויגט און איינ־געלאדן אין דער דראשקע האט קאראבטשעווסקי א מאך־געטאן מיט דער האנט, אז ס'איז נישט נויטיק. ס'איז אים, דעם גרעסטן אדוואָ־קאט פון רוסלאנד געווען זייער ליב און אנגענעם צו גיין א היבש שטיקל וועגס צוזאמען מיט אונדז ישיבה־בחורים, וועלכע האבן גע־בילדעט א שפאלער און אים באגלייט. עטלעכע עלטערע יידן האבן אראפגענומען די היטלען כדי אים צו באגריסן און אזוי ארום האבן מיר אים באגלייט ביז צו דער מיאדאווע־גאס און ערשט דארט איז ער איינגעשטיגן אין דער דראשקע און אוועקגעפארן.

אומגעפער אין צוויי וואכן ארום איז א ענלעכע זאך געשען אין ווילנע אבער פון דער פארקערטער זייט. דארט האבן יידישע סטו־דענטן פון „בונד" ארגאניזירט א דעמאנסטראציע קעגן איינעם פון די שונאי־ישראל, וועלכע האבן באשולדיקט ביילי סן.

אסקאר גרוזענבערג אין ווארשע

מען דארף וויסן, אז די שונאי־ישראל, וואס האבן אנגע־פירט מיט דעם עלילת־דם פראצעס קעגן דעם ייד מענדל ביילים זענען געווען שטארק ארגאניזירט — אזוי, אז דער קאמף פון די פארטיידיקער איז געווען גארנישט קיין לייכטער.

קודם־כל איז דער אפיציעלער פארשטייער פון דער אנטיסעמי־טישער צארישער רעגירונג, דער פראקוראר וויפער געווען א פאר־ביסענער שונא־ישראל.

געשמועסט האט מען אז ער שטאמט פון דייטשן. ווי מאד־נע קומט אוים איצט, נאכן שרעקלעכן יידן־חורבן, וואס די דייט־טשן האבן געמאכט אין אייראפע דער פאקט וואס יידן האבן דעמאלט אין 1912 זיך געוואונדערט ווי קומט דאס עפעס אז א דייטש זאל זיין אזא אנטיסעמיט.

וויפער האט פון ערשטן טאג אן אוועקגעשטעלט די טעזע, אז דער 14־יעריקער יינגל אנדריי יושטשינסקי איז דערמארדעט גע־ווארן דורך דעם ייד מענדל ביילים אויפן געהיימען באפעל פון רבנים כדי צו באנוצן דאס בלוט פאר יידישע ריטועלע צוועקן. און פון אט

דער טעזע האָט ער נישט געוואָלט אָפּטרעטן ביז צו דער לעצטער מינוט. אפילו נאָכדעם ווי דער מאָסקווער הויפּט - ראַבינער מזא"ה ע"ה האָט מיט זיין גייסטרייכער רעדע אויפן קיעווער פּראָצעס פולשטענדיק צע־קלאַפּט די „וויסנשאַפטלעכע עקספּערטיזע" פון אַנטיסעמיטישן גלח פּראַנייטיס, האָט אויך דער פּראָקוראָר וויפער נישט געוואָלט רעזיגנירן פון זיין „ריטועלער" טעזע.

א חוץ וויפערן און דעם פריער - דערמאָנטן גלח פּראַנייטיס, וועלכן מען האָט אַלס „למדן" אַראָפּגעבראַכט אַזש פון טאַשקענט, זע־נען נאָך געווען צוויי אַדוואָקאַטן, צוויי פּאַרשוינען פון די ערגסטע שוואַרץ - מאַהניקעס פון אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד, שמאַקאָוו און זאַמ־יסלאָווסקי. דער ערשטער איז געווען אַ פאַנאַטישער שונא - ישראל, אַן אַלטער מאַן וועלכער האָט געגלויבט אין די ערגסטע בלבולים אויף יידן. זאַמיסלאָווסקי איז געווען יונגער פון אים און אויך „מאָדערנער" פון שמאַקאָוון. זאַמיסלאָווסקי איז געווען פּשוט אַ פּאָגראָמשטשיק און ווי מען האָט דעמאָלט דערציילט זאָל ער האָבן געשטאַמט פון פּאָליאַקן.

כ'געדענק אַ שמועס וועגן זאַמיסלאָווסקין, וואָס איז פאָרגעקומען שוין ווייט אין די צוואָנציקער יאָרן, ווען פון צאַר ניקאָליי איז שוין לאַנג קיין זכר נישט געבליבן און קיינער האָט אויך נישט געוואוסט וואו זאַ־מיסלאָווסקים געביין איז אהינגעקומען.

דער שמועס איז פאָרגעקומען ביי פאָלגנדיקע אומשטענדן: אָס־קאַר אָסיפּאָוויטש גרוזענבערג, דער איינציקער יידישער אַדוואָקאַט אויפן ביילים - פּראָצעס האָט נאָך לאַנגע באַמיאונגען באַקומען אַ דערלויבע־ניש פון די באָלשעוויקעס צו פאַרלאָזן רוסלאַנד. געפאָרן איז ער קיין פּאַריז און האָט זיך אויף אַ קורצער צייט אָפּגעשטעלט אין וואַרשע. ער איז געווען אין וואַרשע אינקאָגניטאָ און האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי נח פּרילוצקי הי"ד (דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס אין ווילנער גע־טאָ), וועלכער איז געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן - אַרויסגעבער פון וואַרשעווער „מאָמענט". אַז גרוזענבערג איז געווען ביי פּרילוצקין זע־נען מיר געוואויר געוואָרן ערשט ווען גרוזענבערג איז שוין געזעסן אין צוג קיין פּאַריז און מיר, די מיטאַרבעטער פון „מאָמענט" האָבן גע־האַט טענות הלמאי ער האָט אונדז נישט באַקענט מיטן דאָזיקן גרויסן יידישן אַדוואָקאַט און ליכטיקע פּערזענלעכקייט.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמועס וועגן דער חריפות און גאונות פון גרוזענבערגן און בכלל וועגן די אַדוואָקאַטן, וואָס האָבן זיך באַ־טייליקט אין קיעווער פּראָצעס.

נח פּרילוצקי, וועלכער איז אַלס קאָרעספּאָנדענט פון „מאָמענט"

געווען אויפן קיעווער פּראָצעס און איז אויך אַליין געווען אַנ׳־אַדוואָ־קאַט האָט גוט געקענט אַלע אַדוואָקאַטן און זיין מיינונג איז דעריבער געווען פאַר אונדז זייער אינטערעסאַנט.

דעם פּאַרטייאידיקער מאַקלאַקאָוו האָט ער געהאַלטן פאַר אַ וואונ־דערבאַרן רעדנער און וועגן קאַראַבטשעווסקין האָט ער געזאָגט, אַז ער איז געווען דער גרעסטער פון אַלע און איז געווען אַ מייסטער אויף שטעלן פראַגן.

פאַר אונדז איז געווען זייער איבעראַשנד זיין מיינונג וועגן דעם שונא־ישראל זאַמיסלאָווסקי. פּרילוצקי האָט געזאָגט, אַ דאָס איז אַ הויך־טאַלאַנטירטער אַדוואָקאַט, וועלכער קען מיט זיינע דעמאַגאָ־גישע שטיק צונויפּברענגען אַ וואַנט צו אַ וואַנט. נאָך זאַמיסלאָווסקיס באַשולדיקונגס־רעדע אויפן ביילים־פּראָצעס, וועלכע איז געווען פול מיט דעמאַגאָגישע שפּיצלעך און דריידלעך — האָט דערציילט פּרי־לוצקי — האָט אין זאַל געהערשט אַ שרעקלעכער קאָשמאַר.

זאַמיסלאָווסקי האָט געשאַפן אַ פּאָגראָם־שטימונג וועלכע מען האָט געפילט אין שטאָט. די שטימונג איז געווען ביי די יידן אַ געדריקטע ממש נישט איבערצוטראָגן. די דאָזיקע שטימונג האָט אָנגע־האַלטן עטלעכע טעג ביז נאָכדעם ווי קאַראַבטשעווסקי האָט געהאַלטן זיין באַרימטע רעדע און אין זאַל איז ווידער געוואָרן ליכטיק.

אין אָט יענעם ווינטער פון 1913 ווען אויף קראַשינסקים פּלאַץ אין וואַרשע איז פאָרגעקומען אַ ספּאָנטאַנישע מאַניפעסטאַציע פון ישיבה־בחורים און סתם פרומע יידן לטובת קאַראַבטשעווסקין איז קיין ווילנע אַראָפּגעקומען אַדוואָקאַט זאַמיסלאָווסקי.

ער איז געקומען אַלס דער גאַסט פון פאַרבאַנד פון די אָרטיקע שוואַרץ־מאַהניקעס און האָט געזאָלט אַרויסטרעטן מיט אַ רעפעראַט וועגן ביילים־פּראָצעס און וועגן יידן בכלל.

האָט די יידישע אַקאַדעמישע יוגנט, וועלכע איז געווען אָר־גאַניזירט ביים „בונד" באַשלאָסן אַז מען זאָל דעם צורר היהודים זאַמיסלאָווסקי נישט לאָזן האָבן קיין לייכט לעבן·

אפנים אָבער, אַז די אָרגאַניזאַטאָרן פון רעפעראַט האָבן זיך געריכט, אַז די יידן וועלן מאַכן אַ פיינטלעכע דעמאָנסטראַציע און האָבן געמאָלדן דער פּאָליציי.

ווען די יידישע סטודענטן האָבן זיך גענומען גרופּירן אין שכנות פון זאַל, וואו דער רעפעראַט האָט געזאָלט פאָרקומען, איז שוין דאָרט געווען פאַרזאַמלט אַ סך פּאָליציי מונדירטע און ציווילע. דאָס

האָט אָבער די יידישע סטודענטן נישט אָפּגעשראָקן און ווען זאַמיס־לאַווסקי איז געפאָרן אין דער דראָשקע האָט געגומען האָגלען מיט שטיינער.

די פּאָליציי האָט מיט דער גרעסטער ענערגיע גענומען פּור־נאַנדערטרייבן די דעמאָנסטראַנטן, וועלכע האָבן זיך פונדאַסניי גרו־פּירט אין זייטיקע געסלעך און דאָ איז געקומען צו אַ געשלעג צווישן יידן און... פּאָליאַקן, וועלכע האָבן זיך אָנגענומען פאַר זאַמיסלאַווסקין.

דער דאָזיקער פאַקט איז זייער כאַראַקטעריסטיש און ווייזט בולט, אַז אַ פּאָליאַק קען פשוט נישט לעבן אָן אַנטיסעמיטיזם, וועלכער ליגט ביי אים אין בלוט. ווייל מען דאַרף וויסן אַז אין יענער צייט איז פּוילן געווען אונטערן צאַרישן יאָך און צווישן די פּאָליאַקן און רוסן האָט געהערשט אַ שאַרפער אַנטאַגאָניזם. די פּאָליאַקן האָבן פיינט געהאַט די רוסן און זיי גערופן „מאָסקאַלע" אָבער ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן שלעכטס טאָן יידן זענען זיי געגאַנגען מיט זייערע אונטערדריקער.

אויך בעתן פּראָצעס גופא האָבן מיר געזען דאָס פּרצוף פון די פּאָליאַקן צווישן וועלכע ס'האָט זיך כמעט נישט געפונען קיין איינער (מיטן אויסנאָם פון פּראָפעסאָר באָדוען דע קורטנע, וועלכער האָט אַגב געשטאַמט פון פראַנצויזן...), וואָס זאָל עפנטלעך ארויסטרעטן און פאַרדאַמען דעם עלילת - דם מיטן ביילים - פּראָצעס.

אויך צווישן די רוסן האָבן ניט געפעלט קיין אַנטיסעמיטן, וועל־כע האָבן דעם ביילים - פּראָצעס פונאַנדערגעבלאָזן צו אַ גרויסער הע־צע קעגן יידן. געווען אַ גרויסע רוסישע צייטונג „נאָוואיע ווּרעמיא" וועלכע האָט פאַרסירט דעם פּראָצעס. ס'זענען אָבער אויך געווען אַ סך ליבעראַלע צייטונגען ווי דער „רעטש", „דיען" א. א. וועלכע האָבן אָנגענומען אַן אָפענע און מוטיקע שטעלונג לטובת די יידן. געווען אַ קאָראָלענקאָ, אַ מיליוקאָוו און נאָך פיל אַנדערע גרויסע רוסישע שרייבער און פּובליציסטן, וועלכע האָבן אין זייערע אַרטיקלען פאַרדאַמט דעם בלוט - בלבול.

אינטערעסאַנט, אַז איינער פון די פאַרטיידיקער פון בייליסן אַדוואָקאַט מאַקלאַקאָוו איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי אַ ברודער פון דעמאָלטיקן צאַרישן אינערן - מיניסטער און צורר - היהודים מאַק־לאַקאָוו. צווישן די פּראָפעסאָרן, עקספּערטן מצד דער פאַרטיידיקונג האָבן זיך געפונען אַזעלכע רוסישע געלערנטע ווי פּראָפעסאָר טראָאיצקי און פּראָפעסאָר פּאַוולאָוו, וועלכער איז געווען דער לייב - :ירורג אין צאַ־רישן הויף.

ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלעך אַז דער ארויסטריט פון אַזעלכע

רוסישע פּערזענלעכקייטן לטובת דער יידישער זאַך האָט נישט געקענט בלייבן אָן א השפּעה סיי אויף דער אַטמאָספער אַרום דעם פּראָצעס און סיי אויך אויף די 12 געשוואוירענע ריכטער, וועלכע זענען געווען פּשוטע פּויערים און האָבן טאַקע בייליסן באַפרייט.

געווען אויך פאַלן ווען רוסישע שונאי - ישראל האָבן אין גאַנג פון פּראָצעס געענדערט זייער שטעלונג לטובת די יידן. אזא פאַל האָט פּאַסירט מיטן רעדאַקטאָר פון „קיעוולאַנין" שולגין, וועלכער איז פּלוצלינג אַרויס מיט אַן אַרטיקל לטובת בייליסן, וואָס האָט געמאַכט א געוואַלדיקן רושם. און פּאַסירט האָט דאָס מיט העכער 50 יאָר צוריק ווען די וועלט איז נאָך געווען „צוריקגעשטאַנען" און מען האָט נאָך נישט געהערט די באָלשעוויסטישע פראַזן פון גלייכהייט" און ברידערלעכקייט".

עס שטעלט זיך די פראַגע וואָס וואָלט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן אויף דער וועלט ווען א רוסישע צייטונג אָדער א פּוילישע צייטונג זאָל אַרויס מיט א בלבול, אַז יידישע דאָקטוירים פאַרסמען זייערע פּאַציענטן. ווי מ'ר האָבן דאָס געהאַט מיט 13 יאָר צוריק. ווייל סוף - כל - סוף איז דאָך אזא פּראָצעס ווי אין קיעוו נישט קיין נייעס אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק. שוין מיט הונדערטער יאָרן צוריק האָבן אונדזערע שונאים באַנוצט דעם עלילת-דם קעגן יידן. אַן עלילת-דם איז געווען אין די צייטן פון מהר"ל פון פּראַג. געווען פאַר בייליסן אויך א הילזנערפּראָצעס און אַפילו דער שווידערלעכער פּאָגראָם, וועלכער איז פּאָרגעקומען דעם 4טן יולי 1946 אין קעלץ בעת וועלכן פּאָליאַקן האָבן פון אינדערפרי ביז ביינאַכט געקוילעט יידן, איי דאָך אויך געגאַנגען אונטער דער מאַסקע, אַז יידן האָבן פאַרכאַפּט א קריסטלעך יינגל און אים דערמאָרדעט צו ריטועלע צוועקן. און דאָך האָט דער בייליס - פּראָצעס אויפגעשטורעמט אויך די גויאישע וועלט און לאָמיר פעסטשטעלן מיט צופרידנקייט, אַז די גרעסטע מערהייט פון דער גויאישער וועלט איז געווען אויף אונדזער זייט.

און ווער שמועסט נאָך וואָס עס וואָלט זיך אָפּגעטאָן, ווען ס'וואָלט זיך געפונען א ייד, וואָס וואָלט באַרעכטיקט אַן עלילת - דם דעמאָלט אין דער „צוריקגעשטאַנענער וועלט"!

ס'איז דאָך ממש צו שטוינען ווען מיט 40 יאָר שפּעטער האָט מען אַרויסגערוקט דעם שרעקלעכסטן בלבול אויף יידן, פיל שרעקלעכער ווי יענער בעתן בייליס - פּראָצעס און צו אונדזער גרעסטער חרפּה האָבן זיך געפונען יידן, וועלכע האָבן אזא מוראדיקן בלבול — אַז יידישע דאָקטוירים פאַרסמען זייערע קריסטלעכע פּאַציענטן, באַרעכטיקט און עפנטלעך דערקלערט אַז יידישע דאָקטוירים זענען תמיד געווען פּראָוואָקאַטאָרן

און פאַרדינען אַ טויט - אורטייל.

צי האָבן מיר אין די יאָרן פון פאַר דער מלחמה נישט געהאַט קיין יידישע פּאַרטעטער?

יאָ, געווען. און טאַקע אין וואַרשע.

גזירה קעגן כשרער שחיטה

ויהי, און דאָס איז געווען אין דער צייט אינמיטן די דרייסיקער יאָרן ווען מיר פּוילישע יידן האָבן נאָך נישט געוואוסט, אַז ערגעץ הינ־טער לובלין עקזיסטירט אַ דאָרף, וואָס הייסט מיידאַנעק און אַז ביים האַלבן וועג צווישן וואַרשע און ביאַליסטאָק איז דאָ עפּעס אַ וועלדל וואָס הייסט טרעבלינקע...

דאַקעגן האָבן מיר שוין יאָ געוואוסט, אַז אין פּוילן זענען פאַ־ראַן אַנטיסעמיטן אַזוי ווי זאַמד און ערד, וועלכע האָבן באַלד נאָך פּיל־סודסקיס טויט אויפגעהויבן די קעפּ און געזוכט בלעריי תחבולות אונדז וויי צו טאָן און שלעכטס צו טאָן.

איז אין אַט יענער צייט האָבן זיך אויף די מויערן פון די וואַרשעווער גאַסן באַוויזן פּלאַקאַטן (אויף פּויליש נאַטירלעך), אַז די געזעלשאַפט „צער בעלי חיים" רופט דעם עולם צו קומען אויף אַ מאַסן־מיטינג אין היגענישן זאַל אויף קאַראַוואַ 31. דאָרט וועט אַרויסטרעטן מיט אַ רעפעראַט דער גלח דזשעקאַן טשעטשאַק אויף דער טעמע: „די ריי־טועלע שחיטה".

דער נאָמען פון רעפערענט איז דעמאָלט אין די יידישע קרייזן לגמרי נישט געווען באַקאַנט. מען האָט בלויז געשמועסט אַז דער גלח איז שיינע עטלעכע יאָר נאָך דער בלוטיקער באָלשעוויסטישער רעוואָלו־ציע אַראָפּגעקומען קיין פּוילן און זיך באַזעצט אין קאַטאָוויץ. מען האָט אויך צוגעגעבן, אַז ער איז דאָרט אין רוסלאַנד געווען אַ תלמיד פון טרוי־עריק - באַרימטן גלח פּאַרנייטיס.

פון דער שרייענדיקער רעקלאַמע אָבער, וואָס ס'האָט אַרום זיין אַרויסטריט אָנגעמאַכט די אַנטיסעמיטישע פּוילישע פּרעסע אין וואַרשע, האָט מען זיך שוין געקענט אָריענטירן וואָס פאַרא „פרי" דער דאָזיקער גלח איז און וואָס ער צילט מיט זיין רעפעראַט.

ווען איך בין צו דער באשטימטער שעה (אלס דעלעגירטער פון „מאמענט") דארט אהינגעקומען האב איך צו מיין גרעסטער איבער־ראשונג געטראפן אלס ארדנער ביים אריינגאנג עטלעכע בכבודיקע יידן. אנגעטאן אויף די ארעמס ווייסע בענדער מיט דער אויפשריפט „צער־בעלי־חיים". און נישט בלויז ביים אריינגאנג. נאר אויך אינעווייניק ביים אנווייזן די פלעצער האבן זיך געפארעט אזעלכע יידן מיט די ווייסע בענדער אויף די ארעמס וועלכע האבן מיר אויך געגעבן א זייער בכבודיקן פלאץ אין דער ערשטער ריי...

די געזעלשאפט „צער בעלי חיים" איז טאקע באשטאנען פון יידן מיט פאליאקן נאר מיט דעם אונטערשייד, וואס אין גאס זענען גע־ווען אקטיוו נאר די פאליאקן בעת זייערע יידישע חברים האבן געצאלט געלט און דערפאר באקומען א לעגיטימאציע.

און קוים האט איר באגעגנט אין גאס א צוזאמענלויף פון מענ־טשן און מען האט ארעסטירט א יידישן דראשקאזש, וואס האט געגעבן א שמיץ דאס פערד זיינס אדער א יידישן בעל־עגלה דערפאר וואס ער האט אויף זיין וואגן געהאט נאך א קויש מיט עפל, זאלט איר וויסן, אז דאס איז געווען די „מלאכה" פון א פוילישן „צער בעלי חיימניק", וועל־כער האט געהאט אזא ווייך הארץ, אז ער האט דאס נעבעך נישט געקענט פארטראגן. דאקעגן האט זיין הארץ זייער לייכט פארטראגן אוועקצופירן דעם יידישן בעל־עגלה אין קאמיסאריאט. און דעם „צער בעלי חיימניק" האט גארנישט געארט, וואס דעם בעל־עגלהס ווייב מיט די קינדער גייט אוים די נשמה פון צער וואס זייער טאטע קומט נישט אהיים אין שטוב אריין.

אין זאל אויפן מיטינג איז געווען א גרויסער עולם פאליאקן. קיין יידן האט מען כמעט ווי ניט געזען א חוץ די ארדנערס מיט די ווייסע בענדער.

אויף דער בינע איז געשטאנען א גרויסער און דיקער גלח מיט א רויט פנים און רויטן קארק. ער איז געווען אנגעטאן אין א לאנ־גער און שווארצער סוטאנע מיט א רויטן פאס אויף זיין דיקן בויך ער האט אנגעהויבן מיט מאמרים פון תלמוד, וואס דער עולם האט נישט פארשטאנען אווארט. אבער ווען ער האט אנגעהויבן רעדן, אז די יידי־שע שחיטה איז בארבאריש, ווייל דער חלף טוט נעבעך דעם אקס שרעק־לעך מצער־זיין און אז אין אזא קולטורעל לאנד ווי פוילן דארף דער „זשידאווסקע" בארבאריזם נישט טאלערירט ווערן, האבן זיך געהערט הילכיקע אפלאדיסמענטן און אויפן רויטן פנים פון גלח האט זיך בא־וויזן א געהויבענער שמייכל.

איך האָב געכאַפּט אַ בליק אויף הינטערווייַלעכס אין זאַל. דאָרט זענען געזעסן די זעלבע פּאַרשוינען, וועלכע פלעגן אַרעסטירן אויף די גאַסן די יידישע דראָשקאַזשעס מיט די יידישע בעלי - עגלות אָבער איך האָב שוין נישט געזען די יידישע אָרדנערס מיט די ווייסע בענדער. זיי האָבן זיך שנעל אָפּגעטראָגן און דוכט זיך, אַז זיי האָבן שוין מער די שוועל פון דער כוליגאַנישער „צער בעלי - חיים" געזעלשאַפט נישט איבערגעטראָטן.

דער אָפּקלאַנג פון דאָזיקן אַנטיסעמיטישן רעפעראַט איז געווען זייער אַ גרויסער סיי אין דער יידישער און סיי אין דער פּוילישער געזעלשאַפט.

אין די יידישע קרייזן האָט מען תיכף פאַרשטאַנען, אַז טשעטשאַקס רעפעראַט איז געווען אָרגאַניזירט נישט בלויז פון „צער בעלי-חיים", וואָס האָט געגעבן בלויז די פירמע. מען האָט זיך באַלד אָריענטירט, אַז דאָס איז אַ ברייט - פאַרצווייגטע אָרגאַניזירטע אַקציע מיטן צוועק פון דיסקרימינאַציע קעגן יידן און אַז הינטער די פּלייצעס פון גלח שטייט אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, וואָס וויל דערלאַנגען אַ שווערן קלאַפּ דער יידישער באַפעלקערונג.

באַלד האָבן זיך באַוויזן אַרטיקלען אין דער פּוילישער פּרעסע קעגן דער ריטועלער שחיטה און אין שפּיץ פון דער דאָזיקער אַנטיסעמיטישער אַקציע, האָט זיך אַרויסגערוקט אַ פרוי, אַ דעפּוטאַט פון פּוילישן סיים מאַדאַם פּריסטאָר, וועלכע איז געווען די אָנפירערין פון דער פּויערים - פּאַרטיי אין פּוילישן סיים (פּאַרלאַמענט).

עס איז אויך קלאָר געוואָרן, אַז מיט דעם אָנגריף אויף דער יידישער רעליגיע וויל מען אויך דערלאַנגען אַ שווערן עקאָנאָמישן קלאַפּ די יידישע סוחרים וועלכע האָבן געבילדעט 70 פּראָצענט אין דער פליישבראַנזשע אין פּוילן. מיטן אָפּשאַפן פון דער ריטועלער שחיטה האָבן די שונאי - ישראל געגלויבט אַרויסצורייסן דעם דאָזיקן פּרנסה - צווייג פון יידישע הענט. אָבער די שונאים האָבן אַ ביטערן טעות געהאַט: זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ פאַראייניקטן יידישן פראָנט אָנהייבנדיק פון „אגודת ישראל" און ציוניסטן ביז לינקע פּועלי-ציון און „בונד", וועלכע האָבן באַשלאָסן אָנצוהייבן אַ שאַרפע קאָנטר-אַקציע קעגן די שונא-ישראל.

און אָט די דאָזיקע קאָנטר - אַקציע, וועלכע איז געווען אַ מוסטער פון יידישער אחדות און שטעלט מיט זיך פאָר איינע פון די שענסטע קאַפּיטלען אין דער רומפולער געשיכטע פון פּוילישן יידנטום, וועלן מיר דאָ באַשרייבן.

א קורצע צייט נאכדעם ווי ס'האבן זיך באוויזן די ארטיקלען אין דער פוילישער פרעסע קעגן דער ריטועלער שחיטה, איז גערופן גע־ווארן קיין ווארשע א דרינגנדיקע אסיפה פון אלע ראשי קהלות און ראשי בית - דין אין פוילן. דער גרויסער זאל פון דער ווארשעווער קהלה האט זיך ארויסגעוויזן פאר צו קליין אויף צו קענען ארייננעמען די אלע יידישע פארשטייער, וועלכע האבן צו יענער צייט פארגעשטעלט מיט זיך דאס בעסטע וואס דאס יידישע פוילן האט פארמאגט.

עס זענען געזעסן צוזאמען ביי איין טיש רבנים אין שטריימלעך מיט פארשטייער פון די סאציאליסטישע פארטייען. און טאקע וועגן דער האלטונג פון די לעצטע וויל איך ספעציעל דערמאנען:

אין דער בונדישער „פאלקס - צייטונג" איז געווען פאר־עפנטלעכט א לייט - ארטיקל פון הענריק ערליך ע"ה מיט א דעקלאראציע פון דער פארטיי, אז זי שליסט זיך אן דיסציפלינאריש אין אויסגעוויילטן עקזעקוטיוו צום אפוואר־קאמף קעגן דעם פלאן פון די אנטיסעמיטן צו פארבאטן די ריטועלע שחיטה, אייגזעענדיק דערין אן אטענטאט קעגן יידישע פליישער - סוחרים צוצונעמען ביי זיי די פרנסות.

ענלעכע דעקלאראציעס האבן אויך אפגעגעבן די פועלי־ציון התאחדות און לינקע פועלי - ציון. ס'איז כדאי צוצוגעבן אז אפילו יידישע קאמוניסטן, וועלכע האבן צוליב זייער אומלעגאליטעט קיין עפנטלעכע דעקלאראציעס נישט געקענט אפ־געבן האבן אויך געפירט אן אגיטאציע צווישן זייערע רייען צוצושטיין מיט אלע כוחות צום אויסגעוויילטן עקזעקוטיוו, וועלכער איז אין דער גרעסטער מערהייט באשטאנען פון רבנים און ארטאדאקסישע יידן.

מילא פון די בירגערלעכע יידישע פארטייען איז דאך אפגע־רעדט. פארשטייט זיך אז אלע יידישע צייטונגען און אויך יידיש־פוי־לישע צייטונגען האבן זיך געשטעלט צו דער דיספאזיציע פון עקזעקו־טיוו צום אפוואר - קאמף קעגן אנטיסעמיטישן פארשלאג וועלכער האט שוין מיט דער צייט אנגענומען אזא כאראקטער, אז ער איז שוין געש־טעלט געווארן אויף דער טאג - ארדענונג פון פוילישן סיים, דערביי האט די פוילישע פרעסע געגעבן כמעט יעדן טאג באריכטן מיט פאטאגרא־פיעס ווי אזוי יידישע שוחטים (מיט לאנגע בערד נאטירלעך...) שטייען מיט די גלאנצענדיקע שטאלענע חלפים און קוילען נעבעך דעם ארע־מען אקס.

ס'האבן זיך אויך באוויזן „וויסנשאפטלעכע" ארטיקלען פון אנטיסעמיטישע פראפעסארן, וועלכע האבן געוואוסט „געגוי" אז ווען

מען גיט דעם אָקס מיט אַ דראָנג איבערן קאָפּ אָדער מען שיסט אים מיט אַ פּיסטאָלעט טוט אים גאָרנישט ווײ...

אויך דער יידישער צד איז ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט: דער הויפּט ־ עקזעקוטיוו צום אָפּוועד ־ קאַמף קעגן דער שחיטה־גזרה האָט געהאַט זיין זיץ ־ אָרט אין וואַרשע וואו ס„זענען אויך געזעסן די יידישע פאָרשטייער אין פּוילישן סיים. ער האָט אָבער אויך געהאַט אָפּ־טיילונגען אין אַלע גרעסערע שטעט אין פּוילן.

דער עקזעקוטיוו האָט אויך אויסגעטיילט פון זיך קערפּער־שאַפטן וועלכע האָבן אַרומגענומען פאַרשידענע געביטן. געווען אויך אַ קערפּערשאַפט פון צענטראַלן יידישן סוחרים ־ פאַראיין אין פּוילן. מיט די בעסטע יידישע עקאָנאָמיקער, וועלכע האָבן געהאַט די אויפגאַבע צו געפינען מיטלען ווי אַזוי צו שלאָגן די אַנטיסעמיטן אויפן עקאָנאָ־מישן געביט, אַז זיי זאָלן עס פילן...

בראש פון דאָזיקן קאָמיטעט איז געשטאַנען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון צענטראַלן יידישן סוחרים ־ פאַראיין אינזשיניער זיי־דענמאַן. אין אַ שמועס מיטן שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט ער דערציילט אַז עס קומען צו אים אַלטע אַסימילאַטאָרן, וועלכע האָבן שוין פון לאַנג איבערגעריסן מיט יידן און מיט יידישקייט, רייכע מענ־טשן וועלכע האָבן שוין קינדער משומדים און שלאָגן פאַר זייער גרייט־קייט צו געבן געלט אויף דער אָפּוועד ־ אַקציע קעגן דער שחיטה־גזרה. און געלט האָט מען געדאַרפט אַ סך ווייל דער עקזעקוטיוו האָט שוין באַ־צייטנס צוגעגרייט פּלענער ווי אַזוי איבערשיכטן די דעקלאַסירטע און פּרנסה ־ לאָזע יידישע פליישער אויף עופות ־ צוכט. ער האָט מיר אויך איבערגעגעבן, אַז די זעלבע אַלטע אַסימילאַטאָרן האָבן דערקלערט, אַז זיי וועלן זיך אונטערוואַרפן די באַשלוסן פון ראַבינאַט און זיך אָפּזאָגן פון עסן פלייש אויב דער ראַבינאַט וועט אַזאַ איסור אַרויסגעבן.

און אינטערעסאַנט, אַז כאָטש דער ראַבינאַט האָט נאָך צו יענער צייט אַזאַ איסור נישט געהאַט אַרויסגעגעבן האָבן שוין אָנגע־הויבן אָנקומען גוטע ידיעות פון „עקאָנאָמישן פראָנט" און נעמ־לעך: אַ סך פּוילישע יאַטקעס און וואורשט ־ געשעפטן שטייען אָן אַ גראָשן פדיון. און געווען זענען דאָס יאַטקעס אין יידישן אַרבעטער־קוואַרטאַל וואו מען פלעגט נישט שטאַרק מקפּיד ־ זיין אויף כשרות און אַגב האָט טרפה־פלייש געקאָסט באַדייטנד ביליקער. אָט די דאָ־זיקע יידן האָבן שוין באַצייטנס אַליין גענומען אויף זיך אַן איסור נישט צו קויפן קיין טרפה ־ פלייש און טאַקע באָיקאָטירן די פּוילישע קצבים.

די דערמאָנטע פאַקטן אילוסטרירן בולט ווי ווייט דער פּירטהאַלבן - מיליאָניקער ישוב אין פאַר - מלחמהדיקן פּוילן, אָן אונטערשייד פון פּאַרטיי און קלאַס איז געווען אַרומגענומען מיט איין גרויסן געפיל פון יידישער אחדות אין קאַמף קעגן די אַנטיסעמיטן.

געווען אויך ביים עקזעקוטיוו אַן אָפּטיילונג פאַר פּראָפּאַגאַנדע אונטער דער אָנפירונג פון שרייבער דר. הלל זיידמאַן. די דאָזיקע אָפּטיילונג, וועלכע האָט געהאַט די אויפגאַבע קעגנצווווירקן דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע אין דער פּוילישער פּרעסע, וועלכע האָט טאָגטעגלעך געדרוקט אַרטיקלען קעגן דער „באַרבאַרישער" ריטועלער שחיטה, האָט אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע טעטיקייט. ס„איז איר אויך געלונגען צו געווינען עטלעכע ליבעראַלע פּוילישע געלערנטע, וועלכע האָבן דעמאַסקירט דעם שונא - ישראל, דעם גלח טשעטשאַק אַלס אַן עם־הארץ.

צווישן די ליבעראַלע פּוילישע געלערנטע האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט דער פּראָפעסאָר פון לעמבערגער אוניווערזיטעט דר. טאַדעאוש זאַדערעצקי (ער געפינט זיך איצט אין וואַרשע) וועלכער האָט פאַרעפנטלעכט אַ ספּעציעלע בראָשור אין וועלכער ער האָט מיט לאָגישע אַרגומענטן צעשלאָגן אַלע „וויסנשאַפטלעכע" אויספירונגען פון די אַנטיסעמיטישע פּראָפעסאָרן אַז נאָר די יידישע שחיטה טוט אַמיינסטן וויי דעם אָקס.

אָבער טראָץ די אַלע דערפאָלגן סיי אויפן עקאָנאָמישן געביט און סיי אויפן געביט פון פּראָפּאַגאַנדע האָט מען זיך דאָך אין יידישן לאַגער נישט געמאַכט קיין אילוזיעס אַז ס'וועט געלינגען „אָפּצושרייען" די שחיטה - גזרה. פאַרקערט, ביי אַלעמען האָט געהערשט די טיפּסטע איבערצייגונג אַז קוים וועט דער עניין קומען פאַרן פּלענום פון סיים וועט דער אַנטיסעמיטישער פּאָרשלאַג, צו פאַרבאָטן די ריטועלע שחיטה, אָנגענומען ווערן; צו שטאַרק האָבן שוין דעמאָלט גענומען בלאָזן די בייזע ווינטן פון היטלער - דייטשלאַנד, אַז די פּאָליאַקן זאָלן נאָכקומען די יידן אויף אַזאַ פּונקט וועלכער שלאָגט די יידן פון צוויי זייטן: אַ קלאַפּ אין דער יידישער רעליגיע און אַ קלאַפּ אין יידישע פּרנסות.

אַרויסגייענדיק פון דאָזיקן אַספּעקט האָט מען אין יידישן עקזעקוטיוו אָנגעהויבן אויסנוצן אַלע מיטלען מיטן צוועק אַז די שחיטה־פראַגע זאָל בלייבן בלויז אַ דיסקוסיע צווישן דער יידישער און אַנטיסעמיטישער פּרעסע און זאָל פאַרן פּאַרלאַמענט נישט קומען.

צו יענער צייט האָט געלעבט אין ווילנע דער גרויסער גאון און

אויטאָריטעט, הרב ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי ז״ל. שוין אַ זקן אין טיפן עלטער, ווען מען דאָקטוירים האָבן פאַרבאָטן צו פאַרלאָזן דאָס בעט, האָט ער דאָך יעדן טאָג זיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיטן הויפּט־עקזעקוטיוו אין וואַרשע. און טאַקע פון אים, פון ר׳ חיים עוזרן איז געקומען די איניציאַטיוו, אַז מען זאָל אויסנוצן דעם לעצטן שאַנס און אַ דעלעגאַציע פון די חשובסטע רבנים אין פּוילן זאָל זיך פאָרשטעלן פאַרן העכסטן גייסטלעכן פון דער קאַטוילישער קירכע אין פּוילן, פאַרן אַרציביסקופּ קאַקאָווסקי, וועלכער האָט געהאַט זיין רעזידענץ אויף מיאָדאָווע גאַס אין וואַרשע.

ווען עס איז נאָך לאַנגע באַמיאונגען ענדלעך געלונגען צו באַקומען די אוידיענץ ביים אַרציביסקופּ, האָט די יידישע פּרעסע נישט געשריבן. און דאָס איז געווען גאַנץ פאַרשטענדלעך ווייל מען האָט מורא געהאַט, אַז מיטן געבן אַ פּירסום דער זאַך — קען מען אַ מאָל קאַליע מאַכן...

מען האָט אָבער אויך כמעט ווי נישט געשריבן שוין נאָכן באַזוך פון די רבנים ביים העכסטן גייסטלעכן פון דער קאַטוילישער קירכע. מען האָט נישט געשריבן ווייל ס׳איז געווען זייער נישט אָנגענעם צו שרייבן...

די רבנים זענען צוריקגעקומען מאָראַליש דערשלאָגענע און האָבן נישט געוואָלט דערציילן קיין וואָרט.

ערשט אין אַנדערהאַלבן יאָר שפּעטער האָט מיר הרב ר׳ יצחק מאיר קאַנאַל ז״ל דערציילט וועגן דער „אויפנאַמע" אין דער רעזידענץ פון אַרציביסקופּ און ס׳איז פאַר מיר פולשטענדיק קלאָר געוואָרן, אַז ווען מען וואָלט וועגן דעם געשריבן אין יענער צייט וואָלט עס געשאַפן פּשוט אַ פּאָגראָם ־ שטימונג. ס׳וועט גענוג זיין צו זאָגן, אַז דער אַרציביסקופּ האָט נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַרויסגערוקט די טענה הלמאי יידן האָבן געקרייציקט יעזוסן...

אַ חוץ דעם האָט ער זיי געלאָזט וואַרטן אין קאָרידאָר 40 מינוט.

אין טאָג ווען דער ענין פון דער ריטועלער שחיטה איז געקומען אויפן סדר ־ היום פון פּוילישן סיים, איז אין רעדאַקציע פון וואַרשעווער „מאָמענט" אויף נאַלעווקעס 38 געווען אַ „ליל שימורים": דאָס גאַנצע שרייבער ־ פּערסאָנאַל איז געווען מאָביליזירט אין פולער גרייטקייט אפילו ר׳ הלל צייטלין ז״ל, וועלכער האָט זייער שווער אַריבערגע־

טראָגן דעם דאָזיקן ענין, וואָס האָט אגב אויך שלעכט געווירקט אויף זיין געזונד־צושטאַנד, איז געזעסן ביז שפּעט אין אָוונט.

די טעלעפאָנען אין רעדאַקציע האָבן נישט גערוט:

פון דער גאַנצער פּראָווינץ האָט מען געהאַלטן אין איין אָנ־פרעגן: „וואָס הערט זיך?"

און אויף דער טריבונע פון פּוילישן סיים איז לאַנגע שעהן גע־שטאַנען די מאַדאַם פּריסטאָר און געשיקט פיילן סיי קעגן יידן און סיי קעגן דער ריטועלער שחיטה.

ס'האָט שוין געקענט זיין אַרום האַלבער נאַכט ווען דער קאָ־לעגע מאַרק טורקאָוו האָט מיר אָנגעקלונגען פון סיים:

„די פּריסטאַראָווע רעדט נאָך. און נאָר וואָס האָט זי פאַרגע־לייענט פון דער טריבונע אַ בריוו, וואָס עס האָט איר געשריבן אַ ייד, אַ לינקער ציוניסט קעניגסבערג פון קאַרמעליצקע 23. אין דאָזיקן בריוו דריקט איר אויס קעניגסבערג גרויס אָנערקענונג ווייל אויך ער האַלט אַז די ריטועלע שחיטה איז באַרבאַריש און מען דאַרף זי אָפּשאַפן".

טורקאָוו האָט אויך צוגעגעבן אַז הגם ער צווייפלט נישט, אַז דער דאָזיקער בריוו איז אמת און אַז ס'האָט זיך געפונען אַ יידישער מנוול, דאַרף מען אָבער, לויט זיין מיינונג זיין זייער פאָרזיכטיק און אויספאָרשן די ידיעה אויפן אָרט.

אויף קאַרמעליצקי 23 וואו איך בין תיכף אַוועק, איז שוין גע־ווען שטאַק פינצטער. בלויז אין איין דירה, אַראָפּצוגיין אויף עטלעכע טרעפּ, אַזוי ווי אין אַ האַלבן קעלער, איז געווען ליכטיק. דאָרט — האָט מיר אָנגעוויזן דער סטרוזש — וואוינט קעניגסבערג...

אַ פרוי, אין די מיטעלע יאָרן האָט מיר געעפנט די טיר און ווען איך האָב איר געזאָגט, אַז איך בין אַ זשורנאַליסט פון „מאָמענט" האָט זי אָן איבעראַשטע — הלמאי אַזוי שפּעט ביינאַכט? — מיך אַריינ־געפירט, דורך אַ האַלב ־ פינצטערן קאָרידאָר, אין אַ גרויסן און ליכ־טיקן צימער, וואו ס'איז אויך געזעסן אַ מיידל פון אַ יאָר 17, אַ טאָכ־טער.

ביידע, די מאַמע און טאָכטער האָבן מיט דערשראָקענע אויגן געקוקט אויף מיר ווען איך האָב זיי דערציילט די געשיכטע מיטן בריוו צו דער מאַדאַם פּריסטאָר וואָס איז אויך דער צוועק פון מיין באַזוך.

די פרוי האָט פאַרבראָכן די הענט:

— „אוי ווייַ איז מיר", „אוי וואָס איך האָב דערלעבט"!

— יאָ, דער טאַטעשי האָט נעכטן אַ גאַנצן טאָג געשריבן עפּעס אַ פּוילישן בריוו — האָט מיט טרערן אין די אויגן — אויסגערופן דאָס מיידל.

צוליב דעם שרעקלעכן צער פון דער מאַמען מיט דער טאָכטער האָב איך זיך געפילט זייער מאָדנע און איך האָב זיי גענומען באַרואיקן אַז ס'איז געוועזן אַ משוגעת פון זיין זייט א. א. וו.

אינדעם הערט מען לאַנגזאַם טריט פון די טרעפּ וואָס פירן צום קעלער און באַלד דערהערט זיך אַ קלאַפּן אין טיר...:

בלייכע און דערשראָקענע האָבן מאַמע און טאָכטער זיך געלאָזט לויפן צו דער טיר, וועלכע האָט זיך אָבער נישט געעפנט...

— אוועק פונדאַנען משומד! גיי צו די אַנטיסעמיטן אין סיים אַריין! — האָט געיאָמערט די מאַמע. כ'וויל דיך מער נישט קענען! מ'עט דאָך שוין מאָרגן שרייבן פון דיר אין די „גאַזעטן!

פון יענער זייט טיר איז געשטאַנען קעניגסבערג... ער האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט נישט געפּרוואווט אַפילו זיך פאַרטיידיקן. און מיט וואָס אימשטיינס געזאָגט האָט זיך געקאָנט פאַרענטפערן אַ פאַרשווין, וועלכער האָט זיך אויסגעבראָכן פון כלל ישראל, איינער פון פירטהאַלבן מיליאָן פּוילישע יידן?

און מערקווירדיק: ס'האָט לגמרי נישט געלאָקט מיין זשורנאַליסטישע נייגעריקייט אָנצוקוקן אַ פאַרשווין וועלכער איז צומאָרגנס און אויך אַ צייט שפּעטער געווען די טרויעריקע סענסאַציע נישט בלויז אין פּוילן נאָר אויך אויף דער גאַנצער וועלט. די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן, וועלכע זיינען צומאָרגנס אינדערפרי נאָכן איבערלייענען אין „מאָמענט" וועגן מיין „**נאַכט - באַזוך ביים פאַרעטער קעניגסבערג**", זיינען געווען דערשטוינט ווען איך האָב זיי דערקלערט אַז איך האָב זיין צורה נישט געזען און ס'האָט מיך ממש געעקלט אים אָנצוקוקן. בלויז דער קאָרעספּאָנדענט פון „מאַנטשעסטער גאַרדיען" קאָלעגע יואל צאַנג האָט דאָס פאַרשטאַנען און ער האָט דאָס געגעבן צו פאַרשטיין זיינע גויאישע חברים ווייל אויב נישט, וואָלט איך מיך נישט געקענט פון זיי אָפּטשעפּען... זיי האָבן געוואָלט פאַר יעדן פּרייז וויסן ווי אַזוי ער האָט אויסגעזען, ווייל אויף קעניגסבערגס דירה, אויף קאַרמעליצקע 23 האָט שוין פון פאַרטאָגס געהאָנגען אַ גרויסער שלאָס. דאָס האָבן מאַמע און טאָכטער אויף מיין עצה באַשלאָסן פּטור צו ווערן פון זייער אָנשיקעניש דעם פאַרעטער,

אַז ער זאָל זיך נישט אַריינבאַקומען אין שטוב אַריין און פון דער אַנ־דערער זייט — אויך אויסמיידן כדי נישט צו ווערן קיין אָביעקט פון ביליקע צייטונגס ־ סענסאַציעס.

און דער גרויסער שלאָס האָט געהאָנגען לאַנגע וואָכן און חד־שים אויף דער טיר פון פאַרעטער קעניגסבערג.

אויף דער פלענאַרער זיצונג פון פּוילישן סיים איז מיט אַ גרוי־סער מערהייט שטימען אָנגענומען געוואָרן דער אַנטיסעמיטישער פאָר־שלאָג אַז די ריטועלע שחיטה איז פאַרבאָטן. ס'איז נאָר צוגעגאַנגען אַן אויסבעסערונג, אַז די יידן, וואָס ווילן דעקלארירן, אַז זיי עסן נאָר פון כשרער שחיטה, וועט מען טאָן די „טובה" און דערלויבן אַז אַ געוויסער פּראָצענט בהמות זאָל געשאָכטן ווערן אויף כשר.

ס'איז איבעריק צוצוגעבן, אַז די „אויסבעסערונג" אַז אַ גע־וויסער פּראָצענט יידן וועט יאָ קענען געניסן פון כשר פלייש, האָט דעם יידישן ישוב נישט באַפרידיקט פּונקט אַזוי ווי דער אַנטיסעמיטישער שחיטה ־ פאַרבאָט, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דורכן סיים, האָט דעם יידישן עקזעקוטיוו ניט אַנטמוטיקט. פאַרקערט, ער האָט באַשלאָסן ווייטער פאָרצוזעצן דעם קאַמף ביז צו אַ זיגרייכן סוף.

אין קאָן האָט מען דאָ אַריינגענומען פירטהאַלבן מיליאָן יידן, אַ שטאָטישער עלעמענט, וועלכער באַשטייט פון קאָנסומענטן, וואָס קויפן פּראָדוקטן. די פראַגע איז נאָר געווען צי וועט דער גאַנצער ישוב זיין שטרענג דיסציפּלינירט און אויך ווייטער אויספירן אַלע פאַר־אָרדענונגען, וואָס ווילן קומען מצד דעם יידישן עקזעקוטיוו, וועלכער האָט שוין נאָכדעם ווי די שחיטה ־ גזרה איז געוואָרן אַ טרויעריקער פאַקט, באַקומען דעם כאַראַקטער פון פירן אַן עקאָנאָמישן קאַמף קעגן די אַנטיסעמיטן און זיי שלאָגן איבער די קעשענעס אַזוי אַז זיי זאָלן עס פילן...

אין איינעם פון די פריערדיקע קאַפּיטלען האָבן מיר אָנגעוויזן אַז ביים יידישן עקזעקוטיוו איז אויך געווען אַן עקאָנאָמישער ראַט, וועלכער איז באַשטאַנען פון די אָנגעזעענסטע יידישע סוחרים און אינ־דוסטריעלער אין פּוילן. און אַט פון דאָזיקן ראַט איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז די אַנטיסעמיטן וועלכע האָבן געפירט דעם קאַמף קעגן דער ריטועלער שחיטה און קעגן די יידישע פליישער, באַקומען אַ גרויסע געלט ־ אונטערשטיצונג פון אַ גרופּע פּוילישע פּריצים און רייכע פּויי־

ערים, איינגנטימער פון טייכן און אָזערעס. ס׳איז כדאי צוצוגעבן, אַז להיפך צום פלייש - מסחר וועלכער איז אין זיין גרעסטן טייל געלעגן אין יידישע הענט, איז דער האַנדל מיט פיש געלעגן כמעט אויסשליס־לעך אין גויאישע הענט. אַן אויסנאַם איז נאָר געווען בלויז אַ קליינער פּראָצענט פון יידישע הורטאָווניקעס, וועלכע האָבן אימפּאָרטירט קאַרפּן פון אונגאַרן און גרויסע סענדאַקן פון רוסלאַנד, — איז אָט די דאָזיקע פּריצים און רייכע פּויערים האָבן חוץ דעם אַנטיסעמיטישן אינטערעס אויך געהאַט אַן אייגענעם קעשענע אינטערעס. ער איז באַשטאַנען דע־רין, וואָס צוליבן פאַרבאָט פון דער שחיטה וועלן פירטהאַלבן מיליאָן יידן מוזן עסן פיש: אַזוי האָבן די פּריצים מיט די פּויערים אויסגע־חשבונט ווייל אַנדערש האָט דאָך נישט געקענט זיין. האָט מען טאַקע אויפן ערשטן פּרייטיק נאָכן באַשלוס פון סיים, אָנגעפירט חמרים מיט פיש. אַלע שטעט אין פּוילן האָבן געצאַפּלט מיט די לעבעדיקע פּוילישע קאַרפּן. ווי דערשטוינט זיינען אָבער געוואָרן די פּוילישע פיש־סוחרים ווען קיין שום ייד האָט זיך נישט צוגערירט צו די פיש כאָטש נעם און וואַרף זיי צוריק אין דער ווייסל אַריין...

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן איין קלייניקייט: מיט צוויי טעג פריער און נעמלעך מיטוואָך אין אָוונט האָט דער ראַבינאַט אַרויסגע־געבן אַן איסור אויף פיש און טאַקע אויף פּוילישע קאַרפּן. כ׳געדענק אַזוי ווי היינט ווען דער סעקרעטאַר פון וואַרשעווער ראַבינאַט ר׳ יעקב געזונטהייט ע״ה איז אַן ערנסטער געקומען אין „מאָמענט״ אַריין צו פאַרעפנטלעכן די החלטה פון ראַבינאַט צו אסרן פיש. מיר האָבן דע־מאָלט באַוואונדערט די דרייסטקייט און מסירות נפש פון די רבנים, וועלכע האָבן ריזיקירט אָנצוהייבן אַזאַ אָפענעם קאַמף געוועגדעט דירעקט קעגן פּוילישער פּראָדוקציע.

אַלע יידן אַזוי ווי איינער האָבן דעם איסור פון ראַבינאַט נישט צו קויפן פּוילישע פיש, אָפּגעהיט. די פּויערים האָבן זיך „געגייט אַ בייטל״ אַז די „זשידקעס״ וועלן צאָלן 2 זלאָטעס אַ קילאָ פיש אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט צאָלן אַפילו 20 גראָשן. אַפילו בחנם האָט מען נישט געוואָלט אָננעמען.

שנאה צו יידן איז ביי יעדן פּאָליאַק אַ נאַטירלעכע זאַך אָבער אַז ער זאָל דערפאַר אַזוי ביטער באַצאָלן, דאָס וויל נישט דער פּאָליאַק בפרט נאָך דער פויער וועלכער האָט געוואָלדיק ליב געלט.

איז טאַקע געוואָרן אַ קאַצניאָמער.

די פּאָליאַקן איז תחלת שווער געווען צו פאַרשטיין:

ווי קענען דאָס יידן פועלן ביי זיך צו מאכן שבת אָן פיש און אָן פליישׂ?

ערשט ווען זיי זיינען געוואויר געוואָרן, אַז אין די יידישע הורט - געשעפטן האָט מען געשמאָק געקויפט רוסישע סענדאקן און אונגארישע קארפּן און געצאָלט הויכע פּרייזן, האָבן זיי פארשטאנען, אַז דאָס „זשידאָווסקע קעפּעלע" האָט צוגעטראכט דעם דאָזיקן באָי־קאָט אַלס אַן ענטפער אויף דעם פארבאָט פון דער ריטועלער שחיטה.

איז טאקע דער קאצניאָמער געווען זייער גרוים, ווייל דאָס האָבן זיי געוואוסט, אַז יידישע אחדות וועט מען נישט קענען ברעכן, פאַר די פּאָליאקן איז אויך נישט געווען פארהוילן דער פאקט, וואָס די יידן אין פּוילן האָבן אָנגעהאַלטן אַ שטרענגן באָיקאָט אויף סחורות פון היטלער - דייטשלאַנד און יידישע סוחרים האָבן אימפּאָרטירט סחורה פון ענגלאַנד און אַמעריקע, הגם ס„האָט זיך קאַלקולירט פיל טייערער. אָך און ווי איז געווען צו דעם יידישן פאבריקאנט אָדער סוחר, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן האנדלס - באַציאונגען מיט דייטשע פירמעס. אַזאַ איינער איז געווען אויסגעשטעלט אויף אַלערליי נגישות און רדיפות. און האָט פּאַסירט אַזאַ פּאַל האָט דאָך געקאָכט דערמיט נישט בלויז ווארשע נאָר אויך גאַנץ פּוילן. און ווער האָט דאָס נישט געהערט פון דעם סוחר, דעם גביר מנחם מענדל עלענבערג, וועלכער האָט אימ־פּאָרטירט עלעקטרישע זאכן פון דייטשלאַנד!

האָט מען אים טאקע אום יום - כיפור בשעת מען האָט אים אין נאָזשיקס שיל אויפגערופן ביי קריאת - התורה (ער איז געווען אַ כהן), אַראָפּגעוואָרפן פון בעלעמער און אַ באַשפּיגענער פון אַלע מתפּללים, האָט ער געמוזט פאַרלאָזן די שיל.

אַן ענלעכער פּאַל האָט אויך פּאַסירט אין ווילנע.

אָבער דאָס זיינען געווען בלויז געציילטע אויסנאַמען, ווייל דער יידישער כלל האָט דעם באָיקאָט אויסגעהאַלטן און אַ סך יידן וועל־כע זיינען ביז היטלערן געווען פאַרטרעטער פון דייטשע פירמעס האָבן אויפגעגעבן זייערע פּאַסטנס און געבליבן ממש אָן ברויט.

צוריקגייענדיק צום קאמף פון די יידן קעגן דער שחיטה - גזרה, וויל איך דאָ אָנגעבן אַ פּרט, וועלכער ווייזט אויף ווי ווייט די יידי־שע אחדות האָט אָנגעהאַלטן. דעם דאָזיקן פּרט בין איך געוואויר־געוואָרן ערשט שפּעטער, נאָכדעם ווי די שחיטה גזרה האָט געפּלאַצט און געפּלאַצט האָט זי פון זיך אַליין אַ דאַנק דעם באַשלוס פון ראַ־בינאַט צו אסרן די פּוילישע קארפּן.

און געשען איז עס אזוי: ווען דער ראבינאט האט פארגע־שלאגן זיין פלאן צו אסרן די פוילישע פיש האבן א טייל מיטגלידער פון עקזעקוטיוו אויסגעדריקט די מורא, אז דער פלאן וועט נישט דער־פירן צום ציל ווייל דער צענזאר איבער דער יידישער פרעסע, וועלכער איז דער אפיציעלער פארשטייער אין רעגירונגס ־ קאמיסאריאט וועט נישט דורכלאזן דעם דרייסטן און רעוואלוציאנערן פארשלאג פון ראַ־בינאט. געווען אויך א טייל מיטגלידער פון עקזעקוטיוו, וועלכע האבן געהאלטן אז ס'איז גלייכער אז דער איסור פון ראבינאט זאל פונאנדערגע־שיקט ווערן אלס פארטרויליכער צירקולאר צו אלע יידישע קהלות אין פוילן ווייל פארעפנטלעכן דעם איסור אין דער פרעסע איז צו ריזיקאליש און קען אפילו ארויסרופן קאנטר ־ רעפרעסיעס.

געווען אויך א דריטער צד, וועלכער האט געהאלטן, אז דער איסור וועט יא האבן א שטארקן רושם און וועט שווער טרעפן די אנטיסעמיטן און טאקע צוליב דעם וואלט געווען געוואונטשן, אז מען זאל זיך פריער פארשטענדיקן מיטן צענזאר פון רעגירונגס־קאַ־מיסאריאט און פועלן ביי אים, אז ער זאל דורכלאזן דעם איסור אין דער פרעסע און די צייטונגען נישט קאנפיסקירן.

און מערקווירדיק: דווקא דער ראבינאט, וועלכער האט גע־טראגן אויסשליסלעך די אחריות פאר דער דאזיקער דרייסטער און אפ־שר אויך ריזיקאלישער רעזאלוציע, האט נישט געוואלט איינגיין אויף קיין שום פשרות און געפאדערט, אז דער איסור זאל פארעפנטלעכט ווערן אין דער גאנצער יידישער פרעסע. איין רב, געוואויר־ווערנ־דיק אז דער צענזאר איז א ייד (דר. שימקעוויטש איז געווען זיין נאמען) האט דערקלערט פייערלעך, אז ער גלייבט נישט, אז ס'זאל זיך געפינען א ייד, וואס זאל צוליגן א האנט כדי צו שטערן אונדזער קאמף קעגן די שונאי ־ ישראל.

דער דאזיקער רב האט אויך געהאלטן, אז מען דארף אפילו נישט גיין פריער און אים אינפארמירן.

אז דער דאזיקער רב איז געווען גערעכט האבן מיר זיך איבער־צייגט אין עטלעכע טעג ארום. און דער צענזאר אליין האט שפעטער געזאגט אז ווען אפילו ער זאל פארלירן זיין פאסטן וואלט ער אויך נישט קאנפיסקירט די יידישע צייטונגען מיט דער מעלדונג וועגן איסור אויף די פוילישע קארפן.

לאנג האט דער יידישער באיקאט אויף די פוילישע פיש נישט אנגעהאלטן. די צערודערונג ביי אונדזערע שונאים איז געווען זייער גרויס און זי איז אויך געקומען א סך שנעלער ווי מיר האבן דערווארט אזוי, אז דער יידישער באיקאט איז שוין מער נישט נייטיק געווען. דיזעלבע פריצים און רייכע פויערים, וועלכע האבן פריער פינאנסירט די אנטיסעמיטישע אקציע פון גלח טשעטשאק און מאדאם פריסטאר און געיובלט פון שמחה, וואס די שחיטה - גזרה איז דורכן סיים אנגענומען געווארן, האבן זיך שנעל אויסגעניכטערט... דער עקאנאמישער קלאפ קעגן יידן, וועלכער איז דורך די שונאים צוגעגרייט געווארן איז גאר אויסגעפאלן ביטער פאר זיי אליין.

האט מען אנגעהויבן דרייען דאס רעדל אויף צוריק. ס'הייסט אייגנטלעך, אז די גזרה האט מען מבטל - מאכן נישט געקענט ווייל זי איז אנגענומען געווארן דורכן געזעצגעבערישן סיים אבער מען האט אנגעהויבן דרייען ארום די „אויסבעסערונגען", וועלכע זיינען דורכן סיים אנגענומען געווארן און נעמלעך, אז „א געוויסער פראצענט וועט יא קענען גענישן פון כשרער שחיטה". בקיצור, מען האט אנגעהויבן „ארייניטייטשן" און „אויסטייטשן" אזוי, אז די שוחטים מיט די בערד, וועלכע זיינען בשעת דער העץ - קאמפאניע ערב דער שחיטה - גזרה, אפגעפאטאגראפירט געווארן מיט די בלאנקענדיקע חלפים, אזוי ווי די רוצחים, האבן אנגעהויבן קומען אין גרויסן שטאטישן שעכט - הויז און האבן געשאכטן.

דאס זעלבע איז אויך געשען אין די שעכט - הייזער אויף דער פראווינץ. באלד האבן זיך ווידער געעפנט די יידישע יאטקעס און יידישע קצבים האבן געהאקט.

אזוי ארום האט דער ראבינאט מיט זיין דרייסטן קאנטער־אנגריף אפגעהאלטן א נצחון איבער די שונאים. פארשטייט זיך אז אן דער שטרענגער דיסציפלין פון גאנצן יידישן ישוב, וואלט דער טריאומף געווען אויף דער זייט פון די שונאים.

די דירה אויף קארמעליצקע 23, וואו ס'האט געוואוינט דער פארעטער קעניגסבערג, דער פארשוין וועלכער האט אין יענעם שווארצן טאג צוגעשיקט א בריוו אין סיים אריין מיט אנערקענונג פאר דער פריםטאראווע, אז די יידישע שחיטה איז ברוטאל, איז ווייטער געבליבן פארהאמערט און פון דער טיר האט אראפגעקוקט א גרויסער שלאס.

ווען זיין פרוי און טאכטער זיינען געגאנגען שמועות אז פאר

גרוים צער און בזיון, האָבן זיי פאַרלאָזט וואַרשע און אַוועק צו קרובים אויף דער פּראָווינץ: צו שווער איז געווען פאַר די דאָזיקע אומגליקלעכע מענטשן אַריבערצוטראָגן דעם צער און בזיון אין דער שטאָט וואַרשע וואו ס'איז געשען דאָס אומגליק.

דאָקעגן איז פאַרשוואונדן געוואָרן יעדער שפּור פון „העלד" אַליין, פון קעניגסבערגן און קיינער האָט נישט געוואוסט וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען.

אין דער פּאַרטיי פון די לינקע פּועלי ציון, וואו קעניגסבערג איז געווען נישט בלויז אַ מיטגליד נאָר אויך אַ געצאָלטער פונקציאָנאַר אין דער פּאַרטיי (ער פלעגט איינקאַסירן ביי די חברים דעם מיטגליד־אָפּצאָל) האָט מען אָפּגעקלאַפּט די טירן כדי עפּעס געוואויר צו ווערן. אָבער די פּאַרטיי האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון אים און שוין אויפן 3טן טאָג ווען ער האָט זיך דאָרט זייער פאַרזיכטיק געפּרואווט אַריינגנבענען, האָט אים דער וואַזשני צוגענומען דאָס פּאַרטיי ־ ביכל און אַראָפּגע־וואָרפן פון די טרעפּ. פון דעמאָלט אָן זיינען פאַריבער לאַנגע חדשים און מען האָט שוין פון דער געשיכטע כמעט פאַרגעסן.

פלוצלינג האָט זיך באַוויזן אַ ידיעה אין אַ פּוילישער צייטונג, אַז אין אַ „פּשיטולעק" (אַ בנין פאַר בראַדיאַגעס, שיכורים, שלימזלדיקע גנבים און אונטערוועלטניקעס, וואָס פלעגן דאָרט באַקומען פאַר 10 גראָשן: אַ פּערטל ברויט, אַ גלאָז טיי און אַ נאַכט־לעגער) איז אויסגעבראָכן אַ בלוטיק געשלעג: די „איינוואוינער" פון „פּשיטולעק" זיינען אינמיטן דער נאַכט באַפאַלן אַ בראַדיאַגע און האָבן אים אַזוי צעמזיקט אַז מען האָט געמוזט אַרויסרופן די קאַרעטקע פון דער „גיכער הילף".

דער צעמזיקטער בראַדיאַגע איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי דער טרויעריק ־ באַרימטער קעניגסבערג. די סיבה, וואָס מען האָט אים צעשלאָגן איז נישט בלויז אינטערעסאַנט נאָר איז אויך כאַראַקטעריסטיש און ווייזט אַז אויך בראַדיאַגעס און גנבים האָבן „זייער" עטיק. און געשען איז עס צוליב דעם וואָס אין יענער נאַכט זיינען די גויים דאָרט אין „פּשיטולעק" געוואויר ־ געוואָרן, אַז דער „זשיד" וואָס ליגט אויף דער פּריטשע איז אַ „קאַפּוש" אַ מסור, וואָס האָט פאַראַטן זיין פאָלק. האָבן זיי תיכף באַשלאָסן אַז מען דאַרף אים מקיים־פּסק־זיין און האָבן דעם אורטייל אויסגעפירט.

דער דאָזיקער פאַל האָט שוין קעניגסבערגן אינגאַנצן צעבראָכן און אין אַ צייט אַרום איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

יצחק בערענשטיין

כל - נדרי אין טלאמאצקער סינאגאגע

די טאלמאצקער סינאגאגע אדער „די דייטשישע שיל", ווי ס'פלעגן זי אנרופן ס'רוב ווארשעווער יידן, האט זיך מיט קיין אריגינעלער ארכיטעקטור נישט אויסגעצייכנט. אויסערלעך האט זי מיט זיך פארגעשטעלט א גרויסן בנין אין סאמע צענטער, אין הארץ פון אמאליקן לעבעדיקן יידישן ווארשע, ברייטע פאראדנע איינגאנג-טרעפ און פון ביידע זייטן צוויי ריזיקע מנורות מיט העל - ברענענדע גרויסע לאמפן, האט זי פארלויכטן די גאס. פון אינעווייניק איז זי געווען בלויז ביים ארון - קודש באצירט מיט א גאלדענעם „מה טובו אהליך יעקב". דאקעגן אלע איבעריקע ווענט ווי אויך דער סופיט איז געווען אויסגעמאלט פשוט אויף ווייס, אן שום באפוצונגען. מען האט דא נישט געזען קיין שום קינסטלעריש געמאל אדער שניצעריי, ווי דאס האבן פארמאגט א סך שילן אין פוילן. ווען מען האט אמאל וועגן דעם געפרעגט דעם גבאים - קאמיטעט, וועלכער איז באשטאנען פון די רייכסטע יידן אין פוילן האבן זיי געענטפערט מיט שטאלץ: א שיל איז נישט קיין קונסט - אויסשטעלונג. ביי אונדז קומט מען נאר גאט - בעטן און גאט האט ניט ליב קיין געקינסטלטע זאכן...

און מען מוז מודה - זיין, אז די טלאמאצקער סינאגאגע איז געווען א שטרענג - קאנסערוואטיווע רעליגיעזע שיל אין פולסטן זין פון ווארט. די טלאמאצקער סינאגאגע איז אבסאלוט נישט געווען ענלעך למשל צו דעם אסימילאטארישן טעמפל אין לעמבערג וואו ס'האט געזונגען א געמישטער כאר פון פרויען און מענער און דערביי זענען אויך נישט אלע כאריסטן געווען יידן...

די טלאמאצקער סינאגאגע האט פארמאגט אלס מטיפים גרויסע יידישע געלערנטע און פערזענלעכקייטן ווי דר. שמואל פאזנאנסקי ז"ל און אין די לעצטע יארן ערב דעם חורבן, דעם פראפעסאר דר. משה שאר ז"ל. די דאזיקע יידישע פערזענלעכקייטן האבן זיך באמיט צו דערהאלטן די שיל אין שטרענג נאציאנאל יידישן גייסט און וויפיל ס'האט זיך אלץ נישט באמיט דער דעמאלטיקער בארימטער כאר-דיריגענט לעא ליאוו, איבערצוצייגן די קאמיטעט - מיטגלידער אין די צילינדער - היט, אז שיינע סאפראן - שטימען באזיצן נאר פרויען און אז מען דארף דעריבער די יינגלעך אויסבייטן... האט דאס גארנישט געהאלפן: די טלאמאצקער סינאגאגע איז געבליבן שטרענג יידיש...

אויך דער אָרגל האָט אין שבתים און ימים־טובים נישט גע־שפּילט.

דאָך איז די טלאָמאַצקער סינאַגאָגע באַרימט געווען אויף דער גאַנצער וועלט און נישט בלויז צווישן יידן נאָר אפילו אויך צווישן נישט־יידן. זי איז באַרימט געווען צוליב אירע גרויסע חזנים און צוליב... אוואַנטורעס מיט פּאָליציי.

ערב יום־כיפּור, שוין פון גאַנץ פרי פלעגן אָפּגעשלאָסן ווערן די עקן פון די גאַסן, וועלכע האָבן געפירט צו דער סינאַגאָגע און ווען נישט דאָס, וואָס ביי די ראָגעס פון די גאַסן פלעגן שטיין קאָמיסאַרן־אָפיצירן אָנגעטון אין גאַלאַ־אוניפאָרמען מיט ווייסע הענטשקעס וואָלט מען געקענט מיינען, אז דאָ קומט פאָר אַ גרויסע פּאָליטישע אַבלאַווע...

רייטער־פּאָליציי אויף שיינע פערד געזאָטלט אזוי ווי אויף אַ גרויסן מיליטערישן פּאַראַד, די רייטער אָנגעטאָן אין שענסטן שיק פלעגן פאַרנעמען פּאָסטנס ביי די איינגענג צום גערטל, וואָס האָט גע־פירט צו דער סינאַגאָגע. נעבן זיי פלעגן שטיין עלעגאַנטע יידן אין צילינדער־היט, מיטגלידער פון גבאים־קאָמיטעט, אָפּוואַרטן און באַגריסן די הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן פון דער נישט־יידישער וועלט, וועלכע האָבן געוואָלט האָבן דאָס פאַרגעניגן צו הערן כל־נדרי אין דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע.

די שענסטע לוקסוס־אויטאָמאָבילן פלעגן בלייבן שטיין פאַר דער סינאַגאָגע און זייער עלעגאַנטע הערן און דאַמען פלעגן מיט שטאָלץ אַרויפשטייגן אויף די טרעפּ פון דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע. די שטי־מונג ביי אַלעמען איז געווען אַ יום־טובדיקע און אַן ערנסטע.

כמעט דער גאַנצער דיפּלאָמאַטישער קאָרפּוס פלעגט קומען צו כל־נדרי אין דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע. מען איז געקומען הערן דעם חזן, וועלכער איז באַרימט געווען דערמיט, אז ער פאַרמאָגט די גרעסטע טענאָר־שטימע אויף דער וועלט. יאָ, וועגן דעם האָבן געוואוסט אפילו נישט־יידן. און זיי האָבן גוט געקענט אויך זיין נאָ־מען. דאָס איז געווען גרשון סיראָטע.

כ'געדענק, אז דער וועלט־באַרימטער פּיאַניסט איגנאַצי פּאַ־דערעווסקי, וועלכער איז אַ קורצע צייט געווען פּרעמיער אין פּוילן האָט אויך נישט געוואָלט פאַרלירן די געלעגנהייט און נישט הערן דעם גרויסן חזן מיט זיין כאָר צו כל־נדרי. און ווער איז דאָרט נישט געווען?: פּרעזידענט מאָשטשיצקי, פּרעמיער סקלאַדקאָווסקי א. א. מ'פלעגט אויך

טרעפן צו כל - נדרי א סך פוילישע גענעראלן, וועלכע פלעגן אויס־שטיין דריי שעה און באוואונדערן סיי דעם פרעכטיקן חזן און סיי דעם גלענצנדן כאר. אזא זינגען ווי אין דער טלאמאצקער סינאגאגע צו כל־נדרי, האט מען זיך געקענט פארשטעלן נאר דורך די לוויים אין בית־המקדש. די גאנצע שיל האט דאן פרעכטיק אויסגעזען. ס'איז געווען איין גרויסער ים פון ליכט און גלאנץ...

אין דער ווארשעווער אפערע פלעגט מען אין כל - נדרי־נאכט געבן א באלעט כדי די סאליסטן זאלן גיין הערן סיראטען.

ס'איז געווען פארשטענדלעך, אז ווארשעווער יידן, סוחרים פון פראנצישקאנער און נאלעווקעס וועלכע האבן א גאנץ יאר גע־דאווענט אין קלענערע שילן האבן שטארק חשק געהאט זיך ארײנצוכאפן אויף כל־נדרי אין דער טלאמאצקער סינאגאגע. איינער אזא ייד, מיינער א פריינד איז געקומען צו מיר עטלעכע טעג פאר יום כפור אין „מאמענט" אריין און געבעטן צי האב איך נישט אמאל א „פראטעק־ציע" צום שמש גאנשאר (געווען א שם - דבר אין ווארשע), וועלכער פלעגט זיין איינער פון די הויפט - שומרים ביים ארײנגיין אין דער סינאגאגע. מיין פריינד האט פארגעלייגטאקופאן די בעסטע ביעליצער שטאף (ער איז געווען א מאנופאקטור - סוחר) אבי ער זאל ארײנגיין צו כל - נדרי, אויב דאס איז ווייניק איז ער גרייט געווען צו געבן סחורות פאר גאנשארס ווייב און קינדער...

געווען א פאל וואס האט אויפגערודערט דאס גאנצע יידישע ווארשע: ס„איז אויסגעבראכן אן ערנסטער קאנפליקט צווישן גרשון סיראטע מיט דעם גבאים - קאמיטעט. סיראטע איז אן דעם וויסן און הסכמה פון קאמיטעט אוועק אויף ימים - נוראים קיין אמעריקע (אוי, די דאלארן...), פאר דער שיל צו כל - נדרי איז דאמאלס געווען כמעט פוסט. די עלעגאנטע אויטאמאבילן האט מען דאמאלס ניט געזען. אויך די ניט - יידישע וועלט אין ווארשע האט געוואוסט, אז סיראטע איז ניטא, לאנגע חדשים האבן זיך געצויגן דין - תורהס און ערן - געריכטן. דער סוף איז געווען, אז סיראטא האט געמוזט אוועק. געטריי דער טראדיציע, אז די סינאגאגע אויף טלאמאצקי מוז האבן דעם בעסטן חזן, האט נאך א גרויסן חזנים - קאנקורס, געגומען דעם פאסטן משה קוסעוויצקי.

און אט, צום ערשטן כל - נדרי ביי קוסעוויצקין איז ביים ארײנגאנג אין דער סינאגאגע, געקומען צו א קאטאסטראפע מיט מענ־טשלעכע קרבנות: אן עולם פון היציקע יידישע יונגעלייט האט דורכ־

געבראָכן דעם פּאָליציייאישן קאָרדאָן, צעבראָכן די אייזערנע שטאַ־בעטן און אַריינגעריסן זיך אין דער סינאַגאָגע.

די פּאָליציי, מורא האָבנדיק פאַר אַ קאַטאַסטראָפע אין דער פול ־ געפּאַקטער שיל, האָט גענומען אַרויסטרייבן דעם עולם מיט געוואַלד. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז עטלעכע פאַרוואונדעטע יידן, האָט מען געמוזט אַוועקפירן אין שפּיטאָל.

די טלאָמאַצקער סינאַגאָגע, קען מען זאָגן איז געווען דער היכל פון יידישער רעליגיעזער מוזיק. קוסעוויצקי, בשעת ער איז אין יאָר 1946 געווען אין וואַרשע (געשטאָרבן אין אַמעריקע) האָט ער מיר דערציילט, אַז בשעת ער איז די ערשטע שבתים צוגעגאַנגען צום עמוד, האָט ער שטאַרק געציטערט: ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם עמוד וואו ס׳איז אַמאָל געשטאַנען דער גרעסטער טענאָר פון דער וועלט, גרשון סיראָטאַ...

קוסעוויצקי, איינער פון די שענסטע טענאָרן, וועלכע מיר פאַרמאָגן ביי דעם היינטיקן טאָג, האָט באַזונדערס געציטערט פאַר דעם ערשטן כל ־ נדרי. פון יאָר צו יאָר אָבער, האָט ער מיר געזאָגט, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו פילן פעסטער און זיכערער. זיין שטימע איז שטאַרקער געוואָרן. אָט דאָס איז דער כוח פון דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע.

געטריי דער טראַדיציע פון דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע, האָט אויך ביי קוסעוויצקין פּונקט אַזוי ווי פריער ביי סיראָטאַן געשמט דער כל ־ נדרי מיט זיין פּרעכטיקן געזאַנג.

ס׳איז נישט ריכטיק געווען אַז די טלאָמאַצקער סינאַגאָגע איז געווען אַ שיל פון אַסימילאַטאָרן. שוין אין די לעצטע צייטן פון דר. פּאָזנאַנסקין ז״ל האָט מען שוין נישט געזען אין שיל די אַלטע אַסי־מילאַטאָרן, די בערענסאָנס, נאַטאַנסאָנס און דיקשטיינס. ס׳האָבן אָנגעהויבן פאַרנעמען ערטער אין קאָמיטעט נאַציאָנאַל ־ געשטימטע יידן, מיט שבתי ברעגמאַן און פּשעוואָרסקי בראש. דער לעצטער גב־אים ־ קאָמיטעט אין די צייטן פון פּראָפעסאָר דר. משה שאָר ז״ל. איז באַשטאַנען כמעט אויסשליסלעך פון ציוניסטן. דאָס זענען גע־ווען רייכע וואַרשעווער יידן, וועלכע האָבן זיך געלאָזט קאָסטן טויזנ־טער, טויזנטער כדי צו דערהאַלטן די טלאָמאַצקער סינאַגאָגע ביי איר פּראַכט און גלאַנץ.

ס׳איז געקומען דער גרויסער וועלט - חורבן, וועלכער האָט א סוף געמאכט צו דער גרויסער יידישער שטאָט ווארשע און צו דעם היכל פון יידישער רעליגיעזער מוזיק: גרשון סיראָטא, דער גרעסטער חזן אויף דער וועלט, איז אחרון של פסח אין יאָר 1943, ווען די היטלעריסטישע בעסטיע האָט געווילדעוועט אין ווארשעווער געטאָ, דער־שטיקט געוואָרן צוזאמען מיט זיין פאַמיליע אין רויך פון פלאַמען, אין א בונקער אויף וואָלינסקי 6. פון דעם פּרעכטיקן כאָר פון דער טלאָ־מאצקער סינאַגאָגע, איז געבליבן בלויז איין כאָריסט, דער באַס בנימין שלאַיען.

ווען דער היטלעריסטישער גענעראל פאָן סטראָפּ האָט דעם 16טן מאַי 1943 ראַפּאָרטירט קיין קראָקע צום גענעראל - גובערנאַ־טאָר האַנס פראַנק (דעם וואָס מ׳האָט געהאָנגען אין נירענבערג) אז ר׳האָט ליקווידירט דעם יידישן אויפשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ, האָט ער אלס סימבאָל אויפגעריסן די טלאָמאצקער סינאַגאָגע.

פון דעם ריזיקן שיינעם בנין קוקן ארויס פון א באַרג באַ־וואַקסן מיט גראָז, עטלעכע אייזערנע שטאַכעטן וועלכע דאָס היטלע־ריסטישע פייער האָט נים באוויזן צו פאַרברענען...

„זשידוּאָווקאַ" אין דער ווארשעווער אָפּערע

אין דער ווארשעווער אָפּערע איז יאָרן לאַנג געווען דער ערש־טער טענאָר, איגנאַצי דיגאַס. דאָס איז געווען א זינגער פון א גאָר הויכער קלאַס און איז באַרימט געוואָרן אויך אויף א סך אויסלענדי־שע אָפּערן - בינעס.

האָט אים אָבער גאָט געשטראָפט מיט דער זעלבער מכה, וואָס ער האָט געשטראָפט א סך פּאָליאַקן און נעמלעך מיט פאַנאַטישער שנאה צו יידן.

אָבער וואָס זאָל טאָן א פּאָליאַק, א שונא ישראל, וואָס איז נישט קיין סיים - דעפּוטאַט, נישט קיין ראַטמאַן אין שטאָט - ראַט און נישט קיין שרייבער, כדי צו קענען עפנטלעך באַשמוצן און באַליי־דיקן יידן?

האָט דיגאַס באַשלאָסן, אז מען דאַרף דאָס טאָן פון דער אָפּערן - בינע. אָבער ווי אַזוי? דער דירינענט פירט דאָך אים מיטן

שטעקעלע שטרענג לויטן טעקסט און לויט דער פּאַרטיטורע און דער אַרטיסט מוז זיך דאָך צופּאַסן?

אָבער דער כיטרער אַנטיסעמיט האָט געפונען אַ פּאַסנדיקן מאָמענט בשעתן אויפפירן די באַרימטע אָפּערע „זשידוווקאַ", פון יידיש פּראָנצויזישן קאָמפּאָזיטאָר הלוי. און זאָל דאָ באַמערקט ווערן דרך אגב אַ זייער כאַראַקטעריסטישער פּרט, אַז ווען איך האָב אין 1946 געזען די זעלבע אָפּערע אין גרויסן טעאַטער אין מאָסקווע איז געווען געענדערט דער נאָמען „זשידוווקאַ", וואָס פאַלט אויס אין דער רוסישער שפּראַך אַביסל באַליידיקנד. אויף „דאָטש קאַרדינאַלאַ" (דעם קאַרדינאַלס טאָכטער).

אין דער וואַרשעווער אָפּערע האָט דיגאַס געשפּילט נאַטירלעך די הויפּט - ראָל, דעם ייד אליעזר. דאָס איז אַ טיפּ פון אַ שטאָלצן הדרת־פּנימדיקן ייד מיט אַ ווייסער זילבערנער באָרד. אַלס אַזעלכער ווערט געשפּילט אליעזר אויף אַלע אָפּערן - בינעס פון דער גאַנצער וועלט. דיגאַס אָבער האָט געמאַכט פון דעם יידישן פּאַטריאַרך אַ קאַריקאַטור. בעתן דיספּוט מיטן קאַרדינאַל האָט דיגאַסעס „אליעזר" זיך געבוקט יעדע סעקונדע צו די פיס פון קאַרדינאַל און געמאַכט אַזעלכע מיאוסע העוויות און תנועות אַזוי ווי דער ערגסטער טיפּ פון אַ מה - יפית - יידל.

מיר, אויף דער „גאַלעריע" האָבן געפּלאַצט פון צאָרן און פון חרפּה, בעת די גויים אונטן אין „פּאַרטער" און אין די לאָזשעס האָבן אַפּלאָדירט און געקוואָלן פון נחת; אַזוי שטאַרק איז זיי געפעלן געוואָרן דער „זשידעק" אליעזר, וואָס עס האָט געשפּילט דיגאַס.

שוין בעת דער פּויזע פון צווייטן אַקט האָבן מיר באַשלאָסן צו רעאַגירן קעגן דער דאָזיקער באַליידיקונג פון אונדזערע נאַציאָנאַלע געפילן. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט גלייך אַראָפּגיין אין דער דירעקציע און מעלדן, אַז אויב דיגאַס וועט ווייטער שפּילן אַזאַ העזעלעכן „אליעזר", וועט די אָפּערע באָיקאָטירט ווערן ווייל די באַזוכער פון דער אָפּערע זיינען געווען 75 פּראָצענט יידן. די גרעסטע מערהייט אָבער האָט געהאַלטן אַז דאָס איז אַ צו שוואַכער פּראָטעסט פאַר אַזאַ באַליידיקונג. עס איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן, אַז היות ווי אין 3 טעג אַרום ווערט ווידער געשפּילט „זשידוווקאַ" מיט דיגאַסן זאָלן מיר קומען צו דער פאָרשטעלונג אין אַ גרויסער אָרגאַניזירטער גרופּע פון אַ 200 מאַן, וועלכע זאָל זיין פונאַנדערגעשפּרייט סיי אויף די אויבערשטע שטאָקן און סיי אונטן אין פּאַרטער.

און כך הוה: ווען „אליעזר״ האט אנגעהויבן מאכן זיינע מי־אוסע העוויות האט זיך פון דער גאלעריע געהערט א הילכיקע פייפערײ. אנדערע יידן ווידער האבן זיך בכיוון אויפגעשטעלט פון די זיץ ־ פלע־צער און די בענקלעך, וועלכע זיינען געווען אויף ספרוזשינעס האבן זיך אויטאמאטיש אויפגעהויבן און ס׳האט זיך דערהערט א קנאלערײ. אונטן איז געווארן א מהומה און ס׳האבן זיך אנגעהויבן קריגן יידן מיט פאליאקן הויך אויפן קול. די מוזיקער פון ארקעסטער, די ערשטע פידלער, וועלכע זיינען כמעט אלע געווען יידן האבן זיך אויפגע־שטעלט און איבערגעריסן דאס שפילן. די דעמאנסטראציע האט גע־דויערט עטלעכע מינוט ביז דער זאל האט זיך בארואיקט.

נאכן פארענדיקן דעם אקט איז אויף דער גאלעריע געקומען א סך פאליציי אונטער דער אנפירונג פון קאמיסאר פוקס, א פאליאק אבער זייער אינטעליגענטער מענטש.

קיינער פון אונדז איז נישט אנטלאפן און ווען מיר האבן אים דערקלערט אז דיגאסעס שפילן איז א באליידיקונג פון אונדזערע נא־ציאנאלע געפילן האט ער דאס פארשטאנען. מיר האבן אים אבער געמוזט צוזאגן אז ביי די וויטערדיקע אקטן וועלן מיר זיך פארהאלטן רואיק און ער פון זיין זייט האט צוגעזאגט צו אינטערווענירן אין דער דירעקציע.

צומארגנס איז די גאנצע פרעסע סיי די יידישע און סיי די פוילישע פול ־ געווען מיטן דאזיקן סקאנדאל און די דירעקציע האט באשלאסן אראפצונעמען „זשידוווקא״ פון רעפערטואר.

אין עטלעכע חדשים ארום, ווען מען האט די אפערע ווידער באנייט, האט די ראל פון אליעזר געשפילט נישט דער שונא ־ ישראל דיגאס נאר דער טענאר סטאניסלאוו גרושטשינסקי, וועלכער איז גע־ווען א ליבעראלער מענטש און איז אפטמאל ארויסגעטרעטן אויף יידישע קאנצערטן בעת דיגאס האט דאס קיינמאל נישט געוואלט טאן.

אזוי האט אמאל מיט צענדליקער יארן צוריק, פארשטאנען די יידישע יוגנט אין ווארשע דעם זין פון **נאציאנאלן געפיל.**

פוילישע יידן שפילן אין שאך

נאכן אנצינדן דאס ערשטע חנוכה ־ ליכטל פלעגט זיין כמעט

א מינהג אין די אָרטאָדאָקסישע און אַפילו רבנישע הייזער אין פּוילן, דאָרט וואו קאָרטן זיינען געווען טריפה, אַראָפּצונעמען פון שאַנק דאָס פּאַרשטויבטע שאַך - קעסטל און מען האָט זיך געזעצט שפּילן.

שאַך איז אַ יידישע שפּיל. אַזוי זאָגן יידן און להבדיל אויך די גויים.

„זשיד מאַ קעפּעלע" — פלעגט זאָגן דער פּאָליאַק. ער פלעגט נאָר צוגעבן אַ שטאָך. אַז דער „זשיד" באַנוצט דאָס „קעפּעלע" נישט בלויז צו שפּילן אין שאַך נאָר אויך צו סוחרישע קאָמבינאַציעס.

איז מילא, זאָל עס אים וואויל באַקומען, ווייל ווען ער וואָלט אַזוי נישט געזאָגט וואָלט ער דאָך קיין פּאָליאַק נישט געווען...

דאָס זעלבע וואָס דער פּאָליאַק, זאָגט אויך דער רוס נאָר אַנשטאַט „זשיד" באַנוצט ער דאָס וואָרט „יעווריי"...

אין פּוילן האָבן יידן תמיד געשפּילט די ערשטע פידל אויפן שאַך - געביט און צווישן די געציילטע מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט אַ פרייען איינטריט אין פּאַלאַץ פון בעלוועדער איז געווען אונדזער עקיבא רובינשטיין, וועלכער פלעגט קומען אויף אַ פּאַרטיע שאַך צום סאַמאָראָדנעם פּילסודסקי אַליין.

אין סאָוויעט - רוסלאַנד ווידער געהער דער יידישער שאַך-גאון באָטווינניק צו די יחידים, וואָס האָבן דאָס רעכט צו פאָרן מיט אַן אייגנעם אויטאָמאָביל און טאַקע אַ לוקסוס - אויטאָמאָביל (דאָס האָט באָטווינניק באַקומען במתנה פון „אים" אַליין נאָכדעם ווי ער האָט אין 1948 געוואונען דעם טיטול וועלט - טשעמפּיאָן). ווען מיר וועלן נאָך צוגעבן אַז אַ וואַרשעווער יינגערמאַן פון טוואַרדע גאַס מענדל ניידאָרף איז צוליב זיין שאַרפן מוח געווען דער ליבלינג פון גענעראַל פּעראָן ווערט שוין דאָס בילד פאַרפולקאָמט.

אָבער אין קיין שום שטאָט אין דער וועלט שפּילט מען נישט אַזויפיל שאַך ווי אין תל - אביב. פאַראַן דאָרט אַ שאַך - קלוב אויפן נאָמען פון דר. עמנואל לאַסקער, זיצן יידן פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט און מען שפּילט אין שאַך און נישט נאָר אין קלוב נאָר אין אַלע קאַפעען, אויף אַלע גאַסן זיצט מען ביי טישלעך אויף די טראַטואַרן און מען שפּילט אין שאַך. אַרום די טישלעך שטייען קיבי-צער און מען אַמפּערט זיך און מען שפּאַרט זיך ווי ביי זיך אינדערהיים...

יידן זאָגן, אַז שאַך האָט אַ שייכות צו סטראַטעגיע: נאַפּאָ-לעאָן, זאָגן יידן, האָט געשפּילט אין שאַך; הינדענבורג האָט געשפּילט

אין שאַך; פּילסודסקי איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער שאַך־שפּילער און אייזענהאַוער, דער גרויסער סטראַטעג און דער זיגער איבערן היט־לעריזם, שפּילט אויך שאַך:

צי די דאָזיקע באַהויפּטונג איז ריכטיק אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט ווייס איך נישט ווייל עפּעס הערט מען נישט וועגן געניאַלע יידישע סטראַטעגן און גענעראַלן. דאַקעגן איז פאַר מיר קיין שום ספק נישט, אַז ווען למשל דער קיעווער בראָנשטיין אָדער דער אזאַרקאַווער (אַ שטעטל נעבן לאָדז) שמואל רעשעווסקי (טשעמפּיאָן פון אַמע־ריקע) צי גאָר דער פּריער דערמאָנטער ניידאָרף, ווען איינער פון זיי זאָל זיך אַוועקזעצן צום שאַך־ברעטל מיט יענע מאַרשאַלן און גע־נעראַלן וואָלט געווען אויף די לעצטע אַ גאָטס רחמנות. איך בין אפילו, זיכער אַז ביי ניידאָרפן וואָלט מען געקענט פועלן ער זאָל געבן אַ טורעם „פאָאָר” אָדער גאָר אַ גאַנצע „מלכה”, ווי ער פלעגט דאָס טאָן אין וואַרשעווער שאַך־קלוב, ווען ער האָט געשפּילט מיט פּוי־לישע אָפיצירן און האָט זיי באַזיגט.

וועגן די יידישע שאַך־טשעמפּיאָנען איז דאָ זייער פיל ביכער און וועגן לאַסקערן איז דאָ אַ גאַנצע ליטעראַטור וואו ס׳ווערט דער־ציילט סיי וועגן זיין חריפות אין שאַך און סיי וועגן זיין כאַראַקטער און פיינער הומאָר.

אַזוי ווערט דערציילט אַז אַמאָל אויף אַ גרויסן אינטערנאַצאַ־אָנאַלן טורניר האָט לאַסקער באַקומען דעם 2טן פּריז, זענען געקומען זיינע אָנהענגער, וועלכע פלעגן אים פאַרגעטערן, מיט אַ טענה:

— מאַעסטראָ! — פאַרוואָס האָט איר עפּעס גענומען דעם 2טן פּריז? היתכן!

דערויף האָט זיי לאַסקער זייער שאַרפזיניק אָפּגעענטפערט:

— כדי צו באַקומען דעם 1טן פּריז דאַרף מען האָבן מזל אָ־בער אויף צו נעמען דעם 2טן פּריז מוז מען קענען שפּילן...

ממש אַ סענסאַציאָנעלע געשיכטע וועגן לאַסקערן דערציילט אין זיינע מעמוארן דער יידיש־סאָוויעטישער גרויסמייסטער, דער זקן גרשון לעווענפיש.

דאָס איז געווען — דערציילט לעווענפיש — אין פעטערבורג אין יאָר 1909 בשעת אַן אינטערנאַציאָנאַלן טורניר, וועלכער איז דאָרט פאָרגעקומען ביי דער באַטייליקונג פון די גרעסטע מייסטער פון

דער גאַנצער וועלט. פּרעטענדענטן אויפן ערשטן אָרט זענען געווען א סך אָבער לאַסקער מיט רובינשטיינען האָבן זיך אַרויסגערוקט פון אויבענאָן אַזוי, אַז דער הויפּט - קאַמף איז פאָרגעקומען צווישן זיי ביידע (דער ערשטער און צווייטער פּריז איז טאַקע געטיילט געוואָרן צווישן זיי ביידע און אויף די ווייטערדיקע ערטער זענען געקומען אַליאָכין, קאַפּאַבלאַנקא מאַרשאַל, טאַראַש א. ז. וו.). איינמאָל האָט דער יוגאָסלאַווישער גרויסמייסטער פּראָפּ. ווידמאַר אָפּגעהאַלטן א וויכטיקן נצחון אויפן טורניר און זיך א דאַנק דעם נצחון אָנגעהויבן דערנענטערן צו דער שפּיצן - גרופּע פון לאַסקער — רובינשטיין.

דער זיינער האָט געוויזן 11 אין אָוונט און פּאַר לאַסקערן איז געווען צו פּרי אויף צו גיין שלאָפן. איז ווען אַלע זענען אַזוי געשטאַנען און האָבן גראַטולירט ווידמאַרן צו זיין נצחון האָט לאַסקער פאָרגעשלאָגן ווידמאַרן ער זאָל שפּילן מיט אים עטלעכע „בליץ-פּאַרטיעס" (דאָ ווערט געשפּילט שנעל און מען טאָר נישט מער טראַכטן אויף א צוג ווי 10 סעקונדעס). ווידמאַר האָט אָבער ניט געהאַט קיין חשק צו שפּילן בליץ - פּאַרטיעס און האָט אָפּגעזאָגט.

— מאַעסטראָ! — האָט אויסגערופן לאַסקער — איך גיב אייך א קעניגין „פּאָאָר"!

אין זאַל איז געוואָרן א קאָנסטערנאַציע און לאַסקער, מורא-האָבנדיק אַז פּראָפּ. ווידמאַר זאָל זיך נישט פילן באַליידיקט, האָט גלייך צוגעגעבן, אַז ער מיינט גאַנץ ערנסט מיט זיין פאָרשלאָג און איז גרייט זיך צו וועטן אויף 100 דאָלאַר.

דער יוגאָסלאַווישער גרויס - מייסטער איז אַריין אין אַמביציע און האָט דעם פאָרשלאָג אָנגענומען. זיי האָבן זיך ביי דער גרעסטער שפּאַנונג געזעצט שפּילן און עס האָט קוים געדויערט עטלעכע מינוט — דערציילט לעווענפיש, וועלכער האָט דאָס בייגעוואוינט — און לאַסקער האָט אים אַריינגעקנאַלט א מאַט... אָט דאָס איז געווען לאַסקער, ביי וועמען דער יידישער מוח האָט געאַרבעט ווי א מאַשין.

איינער פון די שענסטע ביכער, וועלכע די רייכע שאַך - ליטעראַטור פאַרמאָגט, איז דאָס בוך וועגן עקיבא רובנשטיין (געבוירן אין 1882 אין פּוילישן שטעטל שטשוטשין, נעבן ביאַליסטאָק).

דאָס בוך, א. נ. „רובינשטיין געווינט!" איז דערשינען אין 1935 (ווען א גרויסער טייל פון אייראָפּע איז שוין געווען פאַרסמט פון היטלעריזם) און דער מחבר איז א... דייטש, דער שאַך - מייסטער

און טעאָריקער האנס קמאָך. דער דאַזיקער דייטש שרייבט ניט מער און נישט ווייניקער ווי אַז דער ייד עקיבא רובינשטיין איז געווען דער גרעסטער שאך - גאון פון אַלע צייטן. די דאָזיקע באמערקונג איז נישט ווייט פון אמת ווייל דאָס וואָס רובינשטיין האָט באוויזן האָט קיין שום אנדערער מייסטער נישט דערגרייכט: דער שטשוטשינער ייד האָט געמלעך אין 1912 געשלאָגן אַ רעקאָרד און גענומען 5 ערשטע פּריזן איינעם נאָכן אַנדערן אויף אַלע גרעסטע אינטערנאציאָנאַלע טור־נירן און באזיגט לאסקערן, קאפּאבלאנקאן, נימצאָוויטשן, אַליאכינען, שפּילמאַנען, מארשאַלן און נאָך פיל אַנדערע.

אין דערמאָנטן בוך זענען דאָ 100 פּאַרטיעס, וועלכע רובינ־שטיין האָט געוואונען מיט קאָמענטאַרן פון האנס קמאָך. דאָרט זענען אויך פאַרהאַן פּאַרטיעס, וועלכע ווערן באַצייכנט דורכן מחבר אַלס אונשטערבלעכע.

ווי עס דערציילט האנס קמאָך איז דאָס לעבן פון יידישן שאך־זשעני נישט געווען באַצירט מיט בלומען און דאָס בוך איז טאַקע ארויסגעגעבן געוואָרן כדי צו ראַטעווען רובינשטיינען, וועלכער איז דעמאָלט שווער קראַנק געווען און האָט זיך געפונען אין אַ ביטע־רער נויט.

טראָץ אַלע שרעקלעכע קלאַנגען, האָט זיך ארויסגעוויזן אַז רו־בינשטיין האָט איבערגעלעבט די נאַציס אין בעלגיע וואו ער איז אויס־באַהאַלטן געוואָרן דורכן בעלגישן שאך - מייסטער אָקעלי, וועלכער האָט פון תמיד אָן ליב געהאַט רובינשטיינען אהבת - נפש.

איינער פון די אינטערעסאַנטסטע טיפּן אין דער שאך־וועלט איז דער אינטערנאַציאָנאַלער גרויס - מייסטער שמואל רעשעווסקי, וועלכער איז איצט אַן אדוואָקאַט אין אמעריקע. איך געדענקט איך נאָך ווען ער איז אַלס 8־יעריקער יינגעלע געבראַכט געוואָרן דורך זיין פאָטער אין דער רעדאַקציע פון „היינט" אויף כלאָדנע8.

אויף אַ הויך בענקל איז ער געזעסן דער קליינער צוציק מיט אַ היטעלע אויפן קאָפּ (ער איז געווען זייער אַ פרום יינגל) און גע־שפּילט אַ פּאַרטיע שאך מיט דעם הויכן און ברייטפּלייציקן דר. יהושע גאָטליב ז"ל, וועלכער איז געווען דער בעסטער שאַכמאַטיסט צווישן די זשורנאַליסטן (ער איז אויך געווען פון די בעסטע פעליטאָניסטן). אין אַ געוויסן מאָמענט האָט שמואליקל געמאַכט אַ הערלעכן צוג און

געוואונען ביי דר. גאָטליב אַ „פערד" און באַלד דערנאָך — די פּאַרטיע.

אַ גוטער געדאַנק האָט געפירט זיין פּאַטער, אַ לאַנג־געקליידעטן ייד קיין אַמעריקע און שמואל רעשעווסקי איז דער פּיליעריקער טשעמפּיאָן פון אַמעריקע און איז אויך געווען איינער פון די געציילטע פּרעטענדענטן אויפן טיטול וועלט־טשעמפּיאָן. ס'איז אויך אינטערעסאַנט אַז רעשעווסקי איז געבליבן אַ שטרענג רעליגיעזער ייד ביזן היינטיקן טאָג און ווען רעשעווסקי האָט אָנטייל גענומען אין מאָסקווע אויפן מעטש וועגן וועלט־מייסטערשאַפט האָבן די באָלשעוויקעס געהאַט פון אים גרויסע צרות: שבת האָט ער ניט געשפּילט און עסן האָט מען אים געמוזט פירן צו הרב שליפער ווייל ער עסט נישט קיין טריפות.

גאָר אַן אָריגינעל שטיקל האָט ער געמאַכט אויף דער שאַך־אָלימפּיאַדע, וואָס איז פאָרגעקומען אין בעלגראַד: די קאַמפן האָבן געהאַלטן אין פולן ברען און רעשעווסקי איז פאַרשטייט זיך געווען די צענטראַל־פיגור אויף דער אָלימפּיאַדע און געשפּילט אויפן ערשטן ברעטל פון דער אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ (ער האָט געהאַט לויטער נצחנות). פּלוצלינג מעלדעט ער, אַז ער פליט קיין ניו יאָרק. ווייל ס'איז געווען אַ טאָג פאַר ערב ראש־השנה און ער מוז דאַווענען יום־טוב אינדערהיים. אַלע שפּילער האָבן זיך מיט אים פייערלעך געזעגנט. ער איז אָפּגעפלויגן קיין ניו יאָרק און — — טרומאַן האָט אים נישט איינגעזעצט...

דער היטלעריזם האָט פאַרשניטן אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, אָבער די סופּערמאַציע אין דער שאַך־וועלט איז ווייטער געבליבן ביי יידן. אַמבולטסטן האָבן מיר דאָס געזען אויף דער אָלימפּיאַדע אין העלסינקי וואו מען האָט געקענט גאַנץ לייכט צונויפשטעלן עטלעכע מנינים פון די יידישע גרויסמייסטער און דאַווענען בציבור.

אפילו אין דער זיגערישער סאָוועטישער רעפּרעזענטאַנץ האָבן מיר געהאַט (אָן באָטווינניקן) דריי יידן: דוד בראָנשטיין, יצחק באָלעסלאַווסקי און יעקב געלער (אַ יינגער טאַלאַנט פון אָדעס).

אמת, גרויסע שאַכמאַטיסטן ווערן געבוירן איינמאָל אין צענדליקער יאָרן און נייע גרויסע טאַלאַנטן זעט מען דערווייל זייער ווייניק אָבער אין מדינת ישראל וואַקסט אַ יינגער דור און פון דאָרט לאָמיר האָפן, וועלן זיך אַרויסשניידן די לאַסקערס מיט די רובינשטיינס.

יצחק בערנשטיין

דער יידישער פארלאמענט אין ווארשע

נאכן ערשטן וועלט - קריג, ווען פוילן האט באקומען איר אומאפהענגיקייט האט די יונגע מלוכה אריינגענומען אין איר קאנסטיטוציע א פונקט, וועלכער האט קלאר און אפן גאראנטירט די פולשטענדיקע גלייכבארעכטיקונג פון דער יידישער באפעלקערונג סיי אין עקאנאמישן און סיי אין נאציאנאלן זין.

ווי די צייט האט אבער שפעטער געוויזן איז דער פונקט אין דער קאנסטיטוציע וועגן דער יידישער גלייכבארעכטיקונג, געבליבן בלויז אויפן פאפיר און דאס לעבן איז געגאנגען אין א ריכטונג פון גזירות אויף יידן: אין מעכאנישע פאבריקן האט מען יידישע ארבעטער נישט צוגעלאזט צו קיין מאשינען; צוליב א געזעץ וואס איז דורכגעגאנגען אין סיים (פארלאמענט) וועגן צוואנג - זונטיק - רו זענען יידישע סוחרים און אינדוסטריעלער, וועלכע האבן געהאלטן שבת, געצוואונגען געווארן צו האלטן זייערע אונטערנעמונגען געשלאסן צוויי טעג אין דער וואך; די שטייער - אמטן האבן אין אויסמעסטן די שטייערן געהאט א ספעציעלע „מאס” פאר יידן, וואס האט אויסגעזאגט פון זיי דאס בלוט. אזוי האט אויסגעזען אין דער ווירקלעכקייט די יידישע „גלייכבארעכטיקונג” אין פוילן.

אין די מיניסטעריומס, האט מען פונדעסטוועגן זיך באמיט לכל - הפחות פאר דער עפנטלעכקייט, נישט צו פארלעצן יענעם פונקט פון דער קאנסטיטוציע אבער די אויספיר - ארגאנען, באזונדערס אויף דער פראווינץ האבן זיך אבסאלוט נישט גערעכנט מיט די באפעלן פון די באזונדערע מיניסטעריומס און האבן געהאנדלט בנוגע יידן הפקרדיק, פשוט כוליגאניש. מיט איין ווארט, אז ס'האט זיך געהאנדלט וועגן א שטיקל פריווילעגיע פאר יידן האט דער קלענערער באאמטער סאבאטירט די באפעלן פון דער העכערער מאכט, זייענדיק פעסט איבערצייגט, אז פאר שלעכטס טאן יידן וועט מען אים נישט באשטראפן. און למען האמת מוז מען צוגעבן, אז דער באאמטער האט זיך אויך נישט טועה - געווען...

דער גורל האט געוואלט, אז מיין מיליטער - דינסט אין דער פוילישער ארמיי זאל איך דורכמאכן דווקא אין קאוואלעריע. אז איך פלעג אמאל בעת אן אורלויב קומען אין רעדאקציע אדער אויף טלאמאצקע 13, אנגעטאן אין דעם מונדיר פון א פוילישן אולאנער מיט

דער ווייסער שאַבלע ביי דער זייט און הויכע שטיוול מיט קלינגענדי־קע שפּאָרנס, פּלעגן די קאָלעגן מאַכן וויצן אויף מיין חשבון. באַזונ־דערס איז מיר „דערגאַנגען די יאָרן", סעגאַלאָוויטש ע"ה: „זיי דיך מודה צוציק, וויפל מאָל ביסטו אַראָפּגעפאַלן פון פערד?" — פלעגט ער אויף אַזאַ גוטמוטיקן אופן — זיך „רייצן" מיט מיר. אָבער אינ־טערעסאַנט, אַז ווען דר. יהושע טהאָן ע"ה, דער פּאַרזיצער פון יידישן „קאָלא" אין סיים און ציוניסטישער מנהיג פון קראָקע האָט מיך צום ערשטן מאָל דערזען אין רעדאַקציע איז ער אָנגענעם איבערראַשט גע־וואָרן און אויסגערופן מיט פרייד: „אַ ייד אין קאַוואַלעריע?".

זיין איבערראַשונג האָט זיך גענומען דערפון ווייל אין גאַליציע, וואָס האָט זיך ביזן סוף פון ערשטן וועלט ־ קריג געפונען אונטער דער ליבעראַלער עסטרייכישער הערשאַפט האָט מען דאָך קיין יידן אין קאַ־וואַלעריע נישט אַריינגענומען.

אָבער דאָס איז בלויז דרך אגב און כאַראַקטעריזירט אין אַ געוויסער מאָס די שטימונג ביי די פּוילישע יידן אין יענער צייט, וועלכע האָבן פון יעדן עפּיזאָד געוואָלט עפּעס דרינגען: דר. טהאָן וועלכער איז צוזאַמען מיט דעפּ. דר. לעאָן רייך ע"ה (לעמבערג) געווען אַן אָנהענ־גער פון אַ „אוגאָדאַ ־ פּאָליטיק (פּאָליטיק פון פשרות מיט דער פּוי־לישער רעגירונג) האָט דערין איינגעזען אַז מען קען אויפן וועג פון אַ פאַרשטענדיקונג פיל מער דערגרייכן פאַר יידן, איידער דורך פירן אַ שאַרפן קאַמף פאַר די יידישע רעכט, וואָס איז געווע די שיטה פון ראַדיקאַלן יצחק גרינבוים.

דאָס איז געווען דעם ערשטן פרייטיק צונאַכטס נאָכדעם ווי אַלע רעקרוטן פון 5טן אולאַנען ־ פּולק האָבן אָפּגעגעבן די שבועה פון טרייקייט דער פּוילישער אַרמיי. איז אָט אין יענעם אָוונט געקומען צום אַפּעל פון אונדזער עסקאַדראָן, דער קאָמאַנדיר אַליין יוזעף וואָל־קאָווסקי. דאָס איז געווען אַ יונגער אָפיציר אין דעם ראַנג פון אַ ראָט־מיסטער (קאַפּיטאַן) און ווי מען האָט ביי אונדז געשמועסט איז ער גע־ווען אַ זון פון אַ גראַף אין גאַליציע.

ווען מיר זענען אַלע געווען אויסגעשטעלט אין מושטירטע רייען האָט ער זיך געווענדעט צו אונדז מיט פאָלגנדיקער רעדע:

„כלאָפּצי אולאַני"! פון היינט אָן זענט איר שוין מער נישט קיין רעקרוטן; פון היינט זענט איר אַלע אולאַנער פון דער פּוילישער אַרמיי וואו ס'איז נישטאָ קיין אונטערשיד צווישן ייד, פּאָליאַק, אוק־

ראינער און ווייסרוס. איר זענט אַלע פּולבאַרעכטיקטע בירגער פון דער פּוילישער מלוכה, וועלכע זאָרגט פאַר **אײַך** און איר דאַרפט אויס־פירן די פליכטן פאַר **איר**. באַלד דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צום וואכמייסטער (פעלדפעבל) מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„וואכמיסטזשו וואָנגראצקי"! מאָרגן 8 אינדערפרי וועט איר ארויסגעבן נייע מונדירן אַלע אולאַנער פון משהס גלויבן (וויזנאניא מאָיזעשאָווענא" און זיי באַפרייען פון די מיליטערישע איבונגען כדי זיי זאָלן קענען גיין אין סינאַגאָגע אַריין אויף שבת".

דער וואכמייסטער האָט סאַלוטירט פאַרן קאָמאַנדיר אַז דער באַפעל ווערט אויסגעפירט און דערביי צוגעגעבן אַז צוליב דעם וואָס צוויי אונטער - אָפיצירן זענען קראַנק האָט ער שוועריקייטן ביים אָפּ־פירן די אולאַנער אין שטאָט אַריין (אונדזערע קאַזאַרמעס זענען געווען 4 קילאָמעטער ווייט פון דער שטאָט, אסטראלענקא). דערויף האָט אים דער קאָמאַנדיר וואלקאוואסקי געענטפערט מיט אַ שמייכל: „די יידישע אולאַנער קענען אַליין גיין אין שטאָט אַריין אָן אַ באַגלייטער ווייל קיי־נער פון זיי וועט זיך נישט אָנשיכורן און נישט מאַכן קיין אַוואַנטורעס".

אין שיל האָבן מיר געטראָפן די יידישע אולאַנער אויך פון אַנדערע עסקאַדראָנען מיטן אויסנאַם פון די אולאַנער פון 3טן עסקאַ־דראָן, וועלכע זענען נישט אָפּגעלאָזט געוואָרן. יענע אולאַנער האָבן געקלאָגט אויף זייער גורל, אַז זייער ראָטמיסטער, אַ פאָזנאַנטשיק איז אַ שונא ישראל און ווען ער רעדט צו אַ יידישן אולאַנער רופט ער אים נישט אַנדערש, ווי „מאָכאַבעאוש" (מכבער).

דער דאָזיקער ענין האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט און דאָ בין איך געוואויר געוואָרן אַז דער באַפעל צו באַפרייען די יידישע זעלנער אויף שבתים און ימים טובים איז געווען פון פרעמיער גע־נעראַל שיקאַרסקי, וועלכער איז אויך געווען קריגס - מיניסטער. אויפן אַמטלעכן וועג איז דער באַפעל געקומען אין אונדזער פּולק אַריין דורכן אָנפירער פון דער 2־טער דיוויזיע קאַוואַלעריע, דעם באַרימטן גענעראַל אָרליטש דרעשער. אָבער נישט אַלע קאָמאַנדירן פון די באַזונדערע עסקאַדראָנען האָבן אים אויסגעפירט.

לויט די מיליטערישע געזעצן וואָלט דער פאָזנאַנטשיק, דער קאָמאַנדיר פון 3טן עסקאַדראָן געקענט געשטעלט ווערן צום ראַ־פּאָרט פאַר נישט אויספירן די באַפעלן פון דער העכערער מאַכט פאַר וועלכן ס'קומט אַ הויכע שטראָף. אָבער ווער וועט זיך גיין אָננעמען פאַר יידן?, האָט ער זיך געטאָן דאָס זייניקע און איז דורך קיינעם נישט גערופן געוואָרן צו אָרדענונג.

ווען דאָס מיניסטעריום פֿאַר בילדונג און אמונות אין וואַרשע האָט אַרויסגעגעבן די סטאַטוטן וועגן די יידישע קהלות אין פּוילן האָט אויף דער יידישער גאַס געהערשט אַ שטאַרקע אויפֿלעבונג. מען קען זאָגן, אַז ס'איז געווען ממש אַ שמחה. אין די סטאַטוטן, וועלכע האָבן גערעדט וועגן דעם פּרינציפּ אַז אין די וואַלן דאַרפֿן זיך באַטייליקן אַלע יידן, איז אויך געווען אַ קלאָרער פּונקט אַז די קהלות האָבן דאָס רעכט צו באַשטייערן זייערע מיטגלידער אַפֿילו דורך צוואַנג. ד. ה. אַז ווען איינער דרייט זיך אַרויס פֿון צאָלן דעם שטייער, וועלכן די קהלה האָט אויף אים אַרויפֿגעלייגט, האָט די קהלה דאָס רעכט איינצומאָנען דעם שטייער דורך צוואַנג פּונקט ווי מען מאָנט איין שטייערן פֿאַר דער מלוכה און קאָמונאַלע אינסטיטוציעס.

אין די סטאַטוטן איז וואָס אַן אמת שטאַרק אונטערגעשטראָכן געוואָרן דער רעליגיעזער כאַראַקטער פֿון דער קהלה בנוגע אירע פֿליכטן פֿאַר דער יידישער באַפֿעלקערונג. אָבער די אַלגעמיינע ראַמען זענען געווען אַזעלכע ברייטע און קאָמפּעטענטע, אַז אַפֿילו אַזאַ פּאַרטיי ווי דער „בונד", וועלכער איז געווען געשטימט אַנטי - רעליגיעז האָט איינגעזען אַז דאָס זענען סימנים פֿון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פֿאַר די יידן אין פּוילן, פֿאַר וועלכער דער „בונד" האָט געקעמפּט אַזוי שטאַרק.

וועגן דעם פֿאַרנעם פֿון דער וואַרשעווער קהלה קען מען אי־לוסטרירן מיט דעם בלויזן פֿאַקט אַז די צאָל באַאַמטע וועלכע זענען געווען באַשעפֿטיקט אין אירע אינסטיטוציעס האָט דערגרייכט קרוב 1.700 אָנהייבנדיק פֿון: פּראָפֿעסאָרן, לערער, מלמדים, אינזשעניערן (די קהלה האָט אויך פֿאַרמאָגט פֿאַך - שולן דערונטער אַ שול פֿאַר שלאָסער - מעכאַניק) ביז קיך - אָנגעשטעלטע אין אירע פֿילאַנט־ראָפּישע אינסטיטוציעס.

די וואַרשעווער קהלה איז געווען אַ יידישער פּאַרלאַמענט אין פֿולסטן זין פֿון דעם וואָרט. די געזעצגעבערישע אינסטאַנץ איז גע־ווען דער ראַט, וועלכער איז באַשטאַנען פֿון 90 מיטגלידער (פּרנסים) געוויילטע אויפֿן יסוד פֿון ערלעכע און געהיימע וואַלן. דער וואַל־קאַמף צו דער קהלה האָט זיך אויף דער יידישער גאַס מיט גאָרנישט אונטערשיידעט פֿון די וואַלן צום פּוילישן סיים: וואַל - מיטינגען, מיט שרייענדיקע רעקלאַמעס פֿון פֿאַרשידענע פּאַרטייען, וועלכע האָבן צו־געזאָגט „ס'טעלערל פֿון הימל"; שאַרפֿע פּאָלעמיק בעת די וואַל־מיטינגען און אַרטיקלען מיט אָנאָנסן אין די צייטונגען. אויף דער בירגערלעכער גאַס האָבן געפֿירט דעם הויפּט - קאַמף די ציוניסטן (אַריינגערעכנט דעם מזרחי און רעוויזיאָניסטן) קעגן דער אגודת יש־

ראל און אַנדערע רעליגיעזע גרופּירונגען. דער „בונד" ווידער האָט גע־קעמפט קעגן ביידע, ווייל ער איז געווען פאַר אַ וועלטלעכער קהלה קעגן אַ רעליגיעזער קהלה. דער „בונד" איז תמיד געגאַנגען אַליין און זיך נישט בלאָקירט מיט די רעכטע פועלי ציון און נישט מיט די לינ־קע פועלי ציון און כאָטש ער האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה ביי דער יידישער אָרעמקייט און געצויגן זייער פיל שטימען האָט דאָך דער „בונד" קיינמאָל נישט דערגרייכט, אַז זיינער אַ פאָרשטייער זאָל פאַר־נעמען דעם אַמט פון פאָרזיצער פון קהלה־ראַט אָדער פון דער קהלה־פאַרוואַלטונג. בכלל איז די סטרוקטור פון די יידישע פּאַרטייען סיי אין וואַרשע גופא און סיי אויף דער פּראָווינץ געווען אַזעלכע אַז איין פּאַרטיי אַליין האָט נישט געקענט ביי די וואַלן דערגרייכן אַ מער־הייט. דאָ האָט געמוזט קומען צו אַ פאָרשטענדיקונג צווישן די פּאַר־טייען גופא שוין נאָך די וואַלן כדי צונויפצושטעלן די פאַרוואַל־טונג (עקזעקוטיווו).

די לאַגע אין דער קהלה אויף גזשבאַווסקע 26 איז געווען, אַז די מערהייט האָט נאָר געקענט צושטאַנד קומען דורך אַ פאָרשטענ־דיקונג צווישן די צוויי הויפּט־פּאַרטייען (ציוניסטן און אגודה), וועלכע האָבן צונויפגעשטעלט די פאַרוואַלטונג. אַזוי למשל איז אין איין קאַדענץ דער פאָרזיצער פון קהלה־ראַט געווען דער פירער פון דער אגודה ר' אלי' קירשבראָן און פון דער פאַרוואַלטונג, דער מזרחיסט ר' העשל פאַרבשטיין. אין אַ צווייטער קאַדענץ איז ווידער דער פאָר־זיצער פון ראַט געווען דער ציוניסט דר. גאָטליב ע"ה און דער פאָרזי־צער פון דער פאַרוואַלטונג דער אַגודיסט ר' אלי' מאזור. דער „בונד" איז געווען אין אָפּאָזיציע און נישט איינמאָל האָט געטראָפן אַז די זי־צונגען פון ראַט, וועלכע זענען געווען עפנטלעכע (מיט אַ ספּעציע לער גאַלעריע פאַר צושויער) זענען אָראָפּ געגנוג שטורמיש. אָבער אַזוי ווי אין יעדן פּאַרלאַמענט אין איראָפּע האָט אויך אין זאָל פון וואַרשעווער קהלה־ראַט נישט געטאָרט אריינקומען קיין פּאָליציאַנט אָן דער דערלויבעניש פון פאָרזיצער.

חוץ די אויבנדערמאָנטע נעמען האָבן זיך אויך געפונען צווי־שן די פּרנסים אַזעלכע פּרעכטיקע רעדנער ווי: הענריק ערליך, שלמה מענדעלסאָן אָדער דער אגודיסט דער למדן ר' זישע פרידמאַן ע"ה און זיי צו לענגערע יאָר הרב הענדעלעס (איצט אין אַמעריקע), יוסף גראַוויצקי א. א.

בעת אַ דיסקוסיע צווישן אַזעלכע געשולטע רעדנער האָט יע־דער געהאַט דעם איינדרוק אַז ער געפינט זיך אין אַ יידישן פּאַרלאַמענט.

געווען אויך אַ מאָמענט ווען דער יידישער פּאַרלאַמענט אין וואַרשע האָט אָפּגעטאָן אַ גרויסע פּאָליטישע ארבעט פון היסטאָרישער באַדייטונג און ער וועט אָן שום ספק פאַרשריבן ווערן מיט גאָלדענע אותיות אין דער געשיכטע פון קאַמף פאַר יידישן כבוד.

געווען איז דאָס באַלד נאָכדעם ווען פון היטלער - לאַנד האָבן אָנגעהויבן אָנקומען ביטערע ידיעות וועגן רדיפות אויף די דאָרטיקע יידן. דאָס שכנותדיקע פּוילן, וואָס האָט פאַרמאָגט די גרעסטע יידי- שע קהלה אויף דער וועלט האָט צו דעם פינצטערן היטלער - פּראָב- לעם נישט געקענט בלייבן גלייכגילטיק. האָט מען אַרויסגערופן אין יידישן פּאַרלאַמענט קיין וואַרשע אויף גזשיבאָווסקי 26 די ראשי הקה- לות פון די גרעסטע שטעט אין פּוילן מיט דר. רפאל לאַנדוי פון קראָ- קא בראש. די גאַנצע גזשיבאָווסקי גאַס איז יענעם אָוונט פול געווען מיט יידן, וועלכע האָבן געוואַרט אויף די רעזולטאַטן פון דער גרויסער אסיפה. פיל אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן זענען דעמאָלט אַראָפּגע- קומען בייוואוינען די דאָזיקע היסטאָרישע זיצונג.

אויף יענער זיצונג איז איינשטימיק פּראָקלאַמירט געוואָרן דער באָיקאָט אויף דייטשישע סחורות, וועלכער איז שטרענג אָפּגע- היטן געוואָרן. אויף יענער זיצונג איז אויך פּראָקלאַמירט געוואָרן דער גרויסער פּראָטעסט קעגן מלכות הרשעה דורך דעם וואָס אין איין העלן טאָג זענען אַלע יידישע געשעפטן אין גאַנץ פּוילן גוואָרן געשלאָסן.

דער דאָזיקער גרויסער פּאָליטישער אַקט איז דעמאָלט ברייט קאָמענטירט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט - פּרעסע און געמאַכט אַ שטאַרקן רושם.

די שענסטע שיל אין פּוילן

יידן האָבן ליב אַ חזן. דאָס איז אַ דבר ידוע; אַלע יידן האַל- טן זיך אויך פאַר מבינים האָבן זיי טאַקע ליב צו זאָגן מבינות. איינעם געפעלט אַ חזן מיט אַ שטאַרקער שטימע. אַ צווייטן געפעלט דווקא אַ חזן אַ בעל - תפילה; ער האָט פיינט ווען מען „גאָרגלט זיך". צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע געהערן חסידים.

אַ דריטער האָט ליב אַ חזן מיט אַ פאַלצעטל, אַזאַ מין מוח- שטימעלע, וואָס צעגיסט זיך אין אַלע אברים. פאַראַן אויך אַזעלכע יידן וואָס האָבן ליב אַ חזן, וועלכער זאָל זיי מאַכן וויינען...

דער דאָזיקער צושטאַנד האָט אָנגעהאַלטן אין דער אַלטער היים און ער האָט זיך נישט געענדערט אַפילו ביים היינטיקן טאָג ווען ס'זענען פאַראַן אַזעלכע שיינע דיסקעס — מיט די גרעסטע זינגער און מען קען זיי אַפילו זען אויף די טעלעוויזיע - אַפּאַראַטן.

אָבער די גרעסטע חזנים האָט פאָרט געהאַט פּוילן און אין יע־דער שטאָט, ווען ס'פלעגט אָראָפּקומען אַ חזן אויף „פּראָבע", פלעגט עס זיין אַ יום־טוב.

געווען אויך אין פּוילן וואונדער - שיינע שילן וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פּרעכטיקער אַרכיטעקטור און מאָלעריי.

און אָט ווענגן אַזאַ שיל וויל איך דאָ דערציילן.

געווען אַ שטעטל לויוויטש, אויפן האַלבן וועג צווישן וואַרשע און לאָדזש. **געווען** — ווייל שוין מיט 16 יאָר צוריק האָב איך דאָרט געטראָפן נישט מער ווי איין ייד. אַלע איבעריקע יידן זענען דורך די נאַצים פאַרשניטן געוואָרן. דאָס דאָזיקע שטעטל האָט זיך געהאַט איר נאָרמאַלן לעבנס - שטייגער און יחוס. אַזוי למשל האָט דאָרט גע־שמט אַ דאָקטאָר אַ פּאָליאַק, וועלכער פלעגט גיין אומזיסט צו אָרעמע קראַנקע יידן און נאָך איבערלאָזן אַ קערבל צו קויפן די מעדיצין; זיין נאָמען איז געווען קאַנאַפּאַצקי און ער איז געווען דער פאָטער פון דער וועלט - בארימטער ספּאָרטלערין האַלינאַ קאַנאַפּאַצקאַ, וועלכע האָט געוואונען אַ גאָלדענעם מעדאַל אויף דער אָלימפּיאַדע אין אַמסטערדאַם.

געווען דאָרט אַ ייד אַ גראַדזשיסקער חסיד ר' דוד וואָלף, וועלכן מען האָט גערופן ר' דודל לויוויטשער. דער דאָזיקער ייד פלעגט יעדעס יאָר פאָרן קיין אונגאַרן כדי פון דאָרט ברענגען וויין אויף אַרבע כוסות נישט בלויז פאַר זיין משפחה נאָר אויך פאַר אַלע גראַדזשיסקער חסי־דים; געווען דאָרט אַ קלעזמער שלמה אהרן שטיפט אַ פרומער ייד, וועל־כער האָט אַזוי באַצויבערט מיט זיין פידעלע, אַז ער האָט געשפּילט אויף אַ באַל ביים צאַר ניקאָליי אין זיין פּאַלאַץ אין ספּאַלאַ. דער דאָ־זיקער פרומער קלעזמער האָט באַקומען פון צאַר אַ גאָלדענעם מעדאַל און דערמיט האָט געקלונגען די גאַנצע געגנט.

אָממייסטן פון אַלעם האָט זיך לויוויטש אויסגעצייכנט מיט איר היסטאָרישער שיל און פיל טוריסטן פון אויסלאַנד פלעגן זי קומען באַוואונדערן: דער גאַנצער אָרום דעם ארון קודש איז געווען אויסגע־צייכנט מיט גאָלדענע נשרים און כרובים; דער סופיט איז געווען אויס־געמאָלט אין אַ קאָליר פון הימל - בלוי און פול מיט זילבערנע שטערן. נישט אומזיסט האָבן די נאַצים געמאַכט פאַר זיך אַ יום־טוב ווען זיי האָבן פאַרברענט די דאָזיקע שיינע שיל.

אַ מעשה נורא מיט אַ יידישן באָקסער אין לעמבערג

אַז דער ספּאָרט איז אַ געוואַלדיקער כוח פאַר פּראָפּאַגאַנדע — דאָס איז אַ באַוואוסטע זאַך. נאָך אין יאָר 1921 איז אַזאַ לאַנד ווי פּוילן פּלוצלינג שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן אַ דאַנק דריי קאַוואַלעריע־אָפיצירן, וועלכע האָבן אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן רייטער־קאָנקורס אין אַמעריקע, געוואונען דעם גאָלדענעם בעכער פון פעלקער־בונד.

די אַמעריקאַנער פּרעסע האָט זיך דעמאָלט זייער פיל צעשריבן און נישט בלויז וועגן די מעלות פון די פּוילישע רייטער נאָר אויך וועגן דער הויכער קוואַליטעט פון די פּוילישע... פערד. אויף איר שטייגער האָט די אַמעריקאַנער פּרעסע געמאַכט אַ חשבון וויפיל האָט דער דאָזיקער נצחון די ווערט אין דאָלאַרן פאַר פּראָפּאַגאַנדע פון דער פּוילישער מלוכה. און זי האָט אויסגעחשבונט (און די אַמעריקאַנער זענען גוטע ביזנעס־לייט. זיי מעג מען גלייבן!) אַז פּוילן האָט דער־פון געוואונען אויף דריטהאַלבן מיליאָן דאָלאַר.

נישט ווייניק ווירקט אויך דער ספּאָרט אַלס געזעלשאַפטלעכער און דערציערישער כוח. די פאַקטן, וואָס מיר וועלן ווייטער ברענ־גען זיינען ממש אומגלייבלעך ווען נישט דאָס וואָס איך האָב זיי אַליין איבערגעלעבט.

מילא וועגן דער „ליבשאַפט" פון פּאָליאַקן צו יידן דאַרף מען קיינעם נישט דערציילן. וועגן פּאָליאַק גייט אַ שפּריכוואָרט, אַז ווען מ'וועט אים שוין לייגן שערבעלעך אויף די אויגן, וועט ער אויך נישט פאַרגעסן אַ שטאָך צו טאָן אַ ייד. איבעריקנס, מיר געדענקען דאָך אַלע גוט די פּאָגראָמען אין פּשיטיק, בריסק, מינסק־מאַזאָוויעצק און פיל אַנדערע שטעט אין מדינת פּוילן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען עטלעכע יאָר נאָך פאַרן שרעקלעכן חורבן פון די נאַציס.

און אָט פּאַסירט אין דער גרויסער און שיינער שטאָט לעמבערג אַ מעשה־נורא:

בעת אַ באָקס־מעטש וועגן מייסטערשאַפט פון לעמבערג צווישן פּוילישן ספּאָרט קלוב „פּאָגאָן" און דעם יידישן ספּאָרט־קלוב „השמונאי", האָט דער יידישער באָקסער שמחה גראָס, אַוועקגעלייגט אַ טויטן אויפן רינג, דעם פּוילישן באָקסער, דעם סטודענט גאָדלעווסקי.

וועגן דאָזיקן טראַגישן פֿאַל האָבן געשריבן אַלע צייטונגען סיי יידישע און סיי פּוילישע. אַלע האָבן באַדויערט די דאָזיקע טראַגעדיע. אַנדערע האָבן געשריבן, אַז מען דאַרף דעם באָקס בכלל פֿאַרבאָטן ווייל ער איז באַרבאַריש. אָבער מערקווירדיק: קיין איינע פֿון די פּוילישע צייטונגען האָט נישט אַטאַקירט דעם יידישן באָקסער, וועלכער האָט מיט זיינע שטאַרקע פויסטן גורם - געווען דעם טויט פֿון זיין קאָנטר־פּאַרטנער.

ווי דער שטייגער, איז פֿאָרגעקומען אַ געריכטלעכע אויספֿאָר־שונג און מיט עטלעכע חדשים שפּעטער איז אויך פֿאָרגעקומען אַ פּראָ־צעס אָבער נישט קעגן דעם יידישן באָקסער, נאָר קעגן דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט אונטערזוכט די באָקסער פֿאַרן אָנהייב פֿון די קאַמפֿן קעגן דעם דאָקטאָר אגב אַ פּאָליאַק האָט מען אַרויסגערוקט טענות, אַז ער האָט נישט ווי געהעריק אונטערזוכט דאָס האַרץ פֿון דעם טראַגיש־אומגעקומענעם גאַדלעווסקי. גראָסן אָבער איז גאָרנישט געשען.

אַן ענלעכע שרעקלעכע געשיכטע האָט כמעט אין דערזעלבער צייט פּאַסירט אויך אין ביאַליסטאָק. אויך דאָרט איז פֿאָרגעקומען אַ באָקס - מעטש וועגן מייסטערשאַפֿט פֿון דער שטאָט און דער יידישער קושניר האָט אַוועקגעלייגט אַ טויטן דעם פּוילישן באָקסער בזשעזשינסקי.

אויך קושנירן האָט גאָרנישט פּאַסירט. פֿאַרפֿאַלן, ספּאָרט איז ספּאָרט. ספּאָרט איז ריטערלעך און אויב אַ טויט - פֿאַל בעת אַ געשלעג הייסט געוויינלעך **מאָרד**, הייסט ער אָבער בעת אַ ספּאָרט־פֿאַרמעסט — **אַן אומגליקס - פֿאַל פֿון אַ העכערער קראַפֿט.**

און געשען זיינען די דאָזיקע בלוטיקע דראַמעס אין הערבסט 1933, ווען פֿון מערב האָבן שוין גענומען בלאָזן בייזע היטלעריסטישע ווינטן, וועלכע האָבן די אַנטיסעמיטישע פּאָליאַקן נאָכמער אָנגעצונדן און אויפגערייצט קעגן יידן. פֿאַרשטייט זיך, אַז די יידן אין לעמבערג און אין ביאַליסטאָק זיינען אין יענער נאַכט, ווען דאָס האָט פּאַסירט, נישט געשלאָפֿן רואיק אָבער דערמיט האָט עס זיך געענדיקט.

עס איז אויך גענוג כאַראַקטעריסטיש דער פֿאַל, אַז גראָס אַליין, וועלכער איז געווען שרעקלעך דעפּרימירט, האָט זיך געוואָלט צוריקציען פֿון דער ספּאָרט - אַרענע: ער האָט מורא געהאַט פֿאַר עקסצעסן קעגן אים און קעגן יידן בשעת ער וועט זיך באַווייזן אויפֿן רינג. אָבער דער פּוילישער ספּאָרט - פֿאַרבאַנד פֿון לעמבערג האָט אים גענבן דעם מייסטער - טיטול אין דער האַלב - שווערער וואָג און

אַלס מייסטער פון לעמבערג האָט גראָס רעפּרעזענטירט זיין שטאָט בעת די קאַמפּן וועגן דער מייסטערשאַפט פון פּוילן.

די דאָזיקע קאַמפן זיינען פאָרגעקומען אין פּויזן, די שטאָט, וועלכע האָט די ערשטע אָנגעטאָן דער יוגנט די גרינע העמדלעך און האָט איינגעפירט דעם טרויעריק ־ באַרימטן אַריער ־ פּאַראַגראַף נאָך איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט. פּויזן איז געווען די איינציקע גרויסע שטאָט אין פּוילן פונוואַנען אַ סך יידישע איינוואוינער האָבן אויסגעוואַנדערט גאָר באַצייטנס און זיך אַריבערגעטראָגן אין אַנדערע שטעט, מחמת דער אַנטיסעמיטיזם איז דאָרט געווען נישט צום אויסהאַלטן.

מיין זשורנאַליסטישע נייגעריקייט אָבער האָט מיך געצויגן קיין פּויזן כדי בייצוואוינען די באָקס ־ קאַמפּן און זען אויך די פיל יידישע באָקסער ־ מייסטער מיט... גראָסן בראש.

די ספּאָרט ־ האַלע איז געווען איבערפולט אפשר מיט 10 טויזנט פּאָליאַקן. ווען דער ספּיקער האָט אויסגערופן דעם נאָמען פון אַ יידי־שן באָקסער האָט זיך דערהערט אין זאַל אַ ווילד ־ געשריי באַגלייט מיט אַ ציניש געלעכטער און חוזק ־ אויסרופן: **זשידקי איי-וויי-וויי"**. אַזוי איז געשען בשעת ס'זיינען אויפגעטרעטן די יידישע באָק־סער מייסטער: בירנצווייג, ווישאַצקי, פּילניק א. א. איך האָב מיך נאַטירלעך זייער שלעכט געפילט אין אַזאַ יידן ־ העצערישער שטי־מונג און דאָ האָט זיך שוין דערנענטערט דער אַרויסטריט פון גראָסן... אָבער געשען איז גאָר עפּעס אַנדערש ווי איך האָב דערוואַרט: ווען דער ספּיקער האָט אויסגערופן דעם נאָמען פון יידישן באָקסער, איז געווען שטיל און ווען גראָס האָט זיך באַוויזן אויפן רינג, האָבן אים די פּאָז־נאַנטשיקעס אַפּלאָדירט מיט אויסגעשרייען „בראַוואָ". די דאָזיקע דערשיינונג האָב איך מיר אויסגעטייטשט דערמיט וואָס פּאָליאַקן האָבן דרך ־ ארץ פאַר שטאַרקע פויסטן און גראָס האָט אַזעלכע פאַרמאָגט...

אין אַ צייט שפּעטער האָט פּאַסירט אין דער שטאָט לעמבערג אַ צוויייטער טראַגישער פאַל. אַ יידישער אונטערוועלטניק, אַ געוויסער קאַץ, האָט געשטאָכן זיין חבר אַ פּאָליאַק, צוליב אַ גאַסן ־ פרוי.

אין רעזולטאַט פון דאָזיקן מאָרד האָבן — נאָך אין זעלבן אָוונט — פּוילישע סטודענטן געהאַקט שויבן אין די יידישע געשעפטן אויף לעגיאָנאָוו גאַס און אַקאַדעמיצקאַ און ווען נישט די ענערגישע אינטערווענץ פון דר. זאַמערשטיין ביים פּאָליציי ־ קאָמענדאַנט, וועל־

כער האט תיכף ארויסגעשיקט גרויסע פאליציי - אפטיילונגען אויף די גאסן, וואלט געקומען צו א שרעקלעכן פאגראם.

ס„איז באמת כדאי צו פארצייכענען אזא פאל, וועלכער האט בשעתו געמאכט א זייער גוטן רושם:

אין ווארשע איז פארגעקומען א פוטבאל - טורניר איינגע-ארדנט בשותפות דורך צוויי יידישע און צוויי פוילישע ספארט-קלובן. דערערשטער מעטש איז פארגעקומען צווישן דעם קראקאווער „מכבי", וועלכער איז איינגעלאדן געווארן צום טורניר און דעם פוילישן "פאלא-ניא", א קלוב וועלכער איז באשטאנען פון דער סאמע פוילישער „סמעטענע". ווי דער שטייגער איז געקומען א גרויסער עולם ווייל א פארמעסט צווישן א יידישער און א פוילישער מאנשאפט איז תמיד גע-ווען אן אטראקציע.

ווען די 22 שפילער זיינען שוין געווען אויסגעשטעלט אויפן ספארט - פלאץ זיינען אלע שפילער שטיין געבליבן: אין א מינוט שטיל-שווייגן פול מיט יראת - הכבוד. אויך דער עולם איז אויפגעשטאנען פון די ערטער און אפיצירן האבן סאלוטירט. און געשען איז דאס פארן כבוד - וועגן פון נאר - וואס פארשטארבענעם ציוניסטישן מנהיג, נחום סאקאלאוו ע"ה.

די טויזנטער פאליאקן, צושויער האבן תחילת נישט גע-וואוסט וואס דא איז געשען. שפעטער האט מען זיי געזאגט, אז ס'איז געשטארבן דער „זשידאווסקי פרעזידענט".

ווי ס'איז צו זען דערפון איז דער ספארט א גרויסער פאזיטי-ווער פאקטאר און קען אמאל דערנענטערן באציאונגען צווישן פעל-קער. אויך דער פאטריאטיזם פארן ספארט איז א געזונטע דערשיינונג. ס'איז נאר שלעכט ווען דער ספארט נעמט אן א פאנאטישן כאראקטער. ווייל פאנאטיזם איז שעדלעך אויף אלע געביטן.

דער פאגראם אין קעלץ

דער שמועס האט זיך אנגעהויבן אויף אונדזער וועג צוריק קיין ווארשע.

אינעם איבערפילטן עראפלאן, געפירט דורך צוויי סאוויע-

טישע פילאָטן (צו פּוילישע פּילאָטן האָט נאָך דעמאָלט, דעם 8טן יולי 1946, די פּוילישע פּאָלקס - דעמאָקראַטישע רעגירונג אַליין נישט געהאַט קיין צוטרוי...), האָבן זיך געפונען בלויז עטלעכע גויים, קאָרעספּאָנדענטן פון אַמעריקאַנישע און ענגלישע צייטונגען. די איבעריקע פּאַסאַזשירן זענען באַשטאַנען פון לויטער יידן, זשורנאַליסטן, שרייבער צווישן וועלכע ס'האָט זיך אויך געפונען ש. ל. שניידערמאַן פון ניו - יאָרקער „מאָרגן זשורנאַל", דער מיליטערישער ראַבינער פּולקאָווניק דר. דוד כהנא, דער וועלט - באַרימטער חזן משה קוסעוויצקי, און עטלעכע יידישע פּאַרטיי - טוער פון פּוילן.

די שטימונג איז ביי אַלע פּאַסאַזשירן געווען אַ דערשלאָגנדיקע, אַ דערדריקנדיקע: פאַר אונדזערע אויגן איז נאָך געשטאַנען דאָס שרעקלעך לאַנגע ברודער־קבר פון חרובדיקן קעלצער בית־עלמין, וואָס האָט נאָר וואָס אַריינגענומען פרישע 41 יידישע קרבנות; מענטשן, וועלכע האָבן נאָך מיט עטלעכע טעג פריער געלעבט, זענען אין אַ העלן זוניקן דאָנערשטיק באַפאַלן געוואָרן דורך זייערע שכנים מיט העק און אייזערנע דרענגער און זענען מאַסאַקרירט געוואָרן אויפן שוידערלעכסטן אופן (אַ טייל קרבנות זענען געווען אַזוי צעפּערטלט, אַז מען האָט זיי מקבר - געווען אָן אַ נאָמען...)

זענען מיר אַזוי ווי אבלים, געזעסן איינגעהילט אין די טרויעריקסטע מחשבות און כאָטש יעדער האָט געהאַט פיל צו דערציילן, האָבן אַלע געשוויגן.

פּלוצלינג איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן: שניידערמאַן, וועלכער האָט זיך אין זיין אַמעריקאַנישן מיליטערישן מונדיר געפילט זיכערער פון אַלעמען, האָט אַ פרעג - געטאָן זיינע אויסלענדישע גוישע חברים:

— וואָס טוט מען מיט **אַזאַ** שטאָט ווי קעלץ, וואָס פאַרמאָגט אַזוי פיל טויזנטער רוצחים? (זייענדיק אויפן אָרט האָבן מיר אַלע זיך דערוואוסט, אַז אין פּאָגראָם האָבן זיך באַטייליקט עטלעכע טויזנט פּאָליאַקן, פרויען און מענער דערונטער אויך די פּוילישע אַרבעטער פון דער קעלצער אייזן - הוטע, וועלכע האָבן געלאָזט שטיין די אַרבעט און געלאָפן מקיים זיין די „מצווה" פון מאָרדן יידן).

דער אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט האָט געענטפערט, אַז ס'וואָלט גאָרנישט געשאַדט ווען אַמעריקע וואָלט געוואָרפן כאָטש אַ קליין אַטאָם-באָמבעלע אויף קעלץ ווייל מיט וואָס איז קעלץ מער „יחסן" ווי הירואָשימאַ?

א צווייטער קאָרעספּאָנדענט אַן ענגלענדער האָט דערציילט, אַז נאָך דער ערשטער טעלעגראַמע וועגן קעלצער פּאָגראָם, וואָס ער האָט געשיקט פאַר זיין ציטונג קיין לאָנדאָן, האָט ער נאָכגעשיקט א צווייטע טעלעגראַמע מיט אַן אַפּעל, אַז אַמעריקע זאָל תיכף אָפּשטעלן פאַר קעלץ די הילף פון די שפּייז - פּעקלעך פון „אונרא", וועלכע זענען דעמאָלט געגאַנגען קיין פּוילן אין די צענדליקער טויזנטער. און ווענדנדיק זיך דירעקט צו אונדז, האָט דער קאָרעספּאָנדענט געזאָגט, אַז לויט זיין מיינונג דאַרפן אַלע יידן פאַרלאָזן פּוילן ווייל מיט אַזעלכע שכנים וועט נישט מעגלעך זיין צו לעבן (ס'איז כדאי צו דערמאָנען, אַז אין די ערשטע צוויי וואָכן נאָכן קעלצער פּאָגראָם זענען אַנטלאָפן פון פּוילן אויף מערב לערך 70 טויזנט יידן).

ביי דער געלעגנהייט ווילן מיר אויך דערמאָנען אַז בעתן קעלצער פּאָגראָם זענען אַ חוץ די 41 טויטע אויך שווער פאַרוואונדעט געוואָרן 84 יידן, וועלכע מען האָט נאָך אין דערזעלבער נאַכט אין אַ ספּעציעלן צוג באַוואָפנט מיט פּולעמיאָטן און אַרטילעריע, אַריבערגעפירט אין אַ שפּיטאָל אריין קיין לאָדזש, ווייל מען האָט מורא געהאַט, אַז די ריזיקע מחנה בלוט - דורשטיקע פּאָגראָמשטשיקעס זאָל זיך נישט אַריינרייסן אין שפּיטאָל און ליקווידירן די קרבנות. אגב האָט מען אויך נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די קעלצער קראַנקן - שוועסטער און דאָקטוירים, וועלכע האָבן געדאַרפט באַדינען די פאַרוואונדעטע.

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן אַז דער ערשטער ייד, וועלכער איז געפאָרן אין פייער-אַריין קיין קעלץ איז געווען, יצחק צוקערמאַן (אַנטעק).

דער לעצטער בית - מדרש...

(דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז געשריבן געוואָרן בעת ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די רדיפות קעגן יידן אין די לענדער פון הינטערן אייזערנעם פאָרהאַנג).

אין לובלין איז שטיין געבליבן אַ בית - מדרש, וועלכן די היטלעריסטן האָבן אין די צייטן פון זייערע פּאָגראָמען אויף יידן, נישט באַוויזן צו פאַרברענען. איצט — האָט די פּוילישע רעגירונג קאָנפיסקירט דאָס בית - מדרש און געמאַכט דאָרט אַ פאַבריק. די יידן וואָס וואוינען דאָרט — האָט געפּסקנט די פּוילישע רעגירונג — דאַרפן נישט קיין בית - מדרש. זיי קענען דאַווענען אינדערהיים...

געווען אַמאָל אַ גרויסע יידישע שטאָט ווילנע. מ׳האָט זי גע־רופן „ירושלים ד׳ליטע״.

די דאָזיקע שטאָט איז נאָר באַציטנס „לעגאַל״ צוגעטיילט געוואָרן צום רויטן „רייך״. האָט מען דאָרט שוין אין 1945, ווי נאָר מ׳האָט פאַרטריבן די היטלעריסטישע האָרדעס, גענומען גלייך איינפירן די קאָמוניסטישע „אָרדענונג״.

אין דער ערשטער ריי האָט מען עוקר מן השורש געווען דאָס ביסל יידישקייט. אויב אין אַ טייל שטעט פון די אַזוי גערופענע „פאָלקס־דעמאָקראַטיעס״ טרעפט מען נאָך אַ בלעטל אָדער אַ פּעריאָדישן זשור־נאַל מיט יידישע אותיות, האָט אָבער „ירושלים ד׳ליטע״ דאָס אויך נישט אָנגעקוקט. נאָכמער: אפילו דעם יידישן נאָמען **ווילנע** האָט מען אויסגעמעקט און אים פאַרביטן אויף ווילניוס. מ׳האָט אונדז נישט געקענט פאַרגינען אפילו דאָס פּאָלקס - ווערטל וואָס איז אַרומגעגאַנגען ביי אונדז נאָך פון די צייטן פון ווילנער גאון ז״ל, וועלכער זאָל זיך האָבן אויסגעדריקט: „**וויל־נאָר** וועסטו אויך זיין אַ גאון״...

פון אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער איז געווען לובלין, די שטאָט, וועלכע האָט געשמט איבער דער גאָרער וועלט אַלס „**ירושלים ד׳פּוילן**״.

ווילנע איז געווען די שטאָט פון דער השכלה פון דער מאָדער־נער יידישער קולטור; ווילנע, מיט אירע גרויסע ביבליאָטעקן: ווילנע מיט איר „ייוו״אָ״; ווילנע מיט אירע יידישע גימנאַזיעס און לערער־סעמינאַרן; ווילנע מיט אירע צוויי טעגלעכע יידישע צייטונגען; ווילנע מיט איר באַרימטער שרייבער - גרופּע „יונג ווילנע״, וועלכע האָט אונדז געגעבן אַ סוצקעווער מיט אַ גראַדע. ווילנע מיט איר באַרימטער „ווילנער טרופּע״.

לובלין ווידער איז געווען אַן אַלטע יידישע היסטאָרישע שטאָט, אַ שטאָט פון תורה און חסידות.

לובלין איז געווען די שטאָט פון „ועד ארבע הארצות״; לוב־לין, די שטאָט פון מהרש״ל און מהר״ם; לובלין, די שטאָט פון „חוזה״.

לובלין מיט אירע היסטאָרישע שילן, האָט זיך אין די לעצטע יאָרן פון פאַר דער מלחמה קונה־שם געווען צוליב אַ פּרעכטיקן זעקס־שטאָקיקן בנין אויף לובאַרטאָווסקע גאַס, פונוואַנען ס׳האָבן אין דער פאָרם פון אַ כתר און מנורה אַראָפּגעלויכטן גרויסע אותיות:

„**ישיבת חכמי לובלין**״. דער גרינדער פון דער ישיבה איז געווען דער לובלינער רב הרב ר׳ מאיר שפּירא ז״ל און דאָרט האָבן

געלערנט הונדערטער תּלמידים.

א דאַנק דעם דאָזיקן בנין, וועלכער האָט מיט זיך פאַרגעש־טעלט א היכל של תורה, זיינען געקומען קיין לובלין טוריסטן פון דער גאַנצער וועלט און האָבן דאָס באַוואונדערט.

פון דעם אַלעם איז קיין זכר נישטאָ. אַלץ האָבן די נאַצים פאַרניכטעט. אַפילו די מצבות פון אַלטן בית עולם האָט מען פונאַנ־דערגעשלעפּט און ברוקירט די גאַסן.

געבליבן איז בלויז על־פּי נס איין בית־המדרש, האָט מען אויך דאָס ליקווידירט.

דאָרט וואו ס'האָט געהאָנגען דער פּרוכת הענגט איצט מן הסתם א טאָוול מיט נעמען פון גויים „סטאַכאַנאָוועצעס" א מאַטשעק מיט א וואַיטעק וואָס אַרבעטן אין דער פאַבריק, וועלכע דינט דעם רויטן „סאָציאַליזם".

ס'איז זיך נישט שווער פאָרצושטעלן דעם ביטערן רושם, וואָס אַזאַ אַקט פון פּראָפּאַנאַציע איבער יידישע הייליקייטן, רופט אַרויס ביי א פרומען יידן. און נישט נאָר ביי א פרומען יידן.

די וואָס האָבן געלעבט כאָטש א שטיקל צייט אין דעם נאָכ־מלחמהדיקן פּוילן און געזען ווי אַזוי יידן פון פאַרשידענע שטעט און שיכטן האָבן זיך געקלאַמערט איינער אָן אַנדערן אבי צו זיין אינאיי־נעם — די קענען פאָרשטיין די געפילן פון דעם רעשטל לובלינער יידן, וועלכע מ'האָט געהייסן דאַווענען אינדערהיים.

ס'איז שווער פּשוט מיט דער פעדער איבערצוגעבן דאָס רירנ־דיקע בילד ווי אַזוי יידן אין וואַרשע האָבן זיך געשטופּט דעם ערשטן יום־כּיפּור פון יאָר 1946 אין דער האַלב־חרובדיקער און איינציק געבליבענער נאָזשיק'ס שיל אויף טוואַרדע 6, וועלכע איז דורכן „דזשאָינט" זייער שנעל אויפגעבויט געוואָרן.

פון הונדערטער יידן פאַרזאַמלטע אין שיל זיינען געווען בלויז זיבן טליתים, שוין אַריינגערעכנט דעם טלית פון חזן מיט ראַבינער דר. כהנא. אין קעסטלעך מיט זאַמד האָט מען אָוועקגעשטעלט די ליכט אויף דער ערד אין דעם גאַנצן אַרום אינעווייניק אין שיל. די היץ איז געווען נישט צום אַריבערטראָגן. געווען צווישן עולם סיי אינעווייניק און סיי אויפן הויף, יידן מיט אַזעלכע פּנימער, וואָס ווען נישט דער פאַל ווען מ'זעט זיי אין א שיל וואָלט קיינעם נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן אַפילו אַז דאָס איז א ייד. אָבער קיינער פון זיי איז נישט אַוועק אַהיים פריער ביז נאָך נעילה.

צי זיינען די דאָזיקע יידן געקומען דאווענען, אָדער ווי אַמאָל בלויז צו „יזכור"?

ניין, ס'זיינען אַפילו קיין מחזורים נישט געווען. מ'איז געקומען אין שיל אַריין ווייל מ'האָט געוואָלט זיין צוזאַמען מיט יידן אונטער איין יידישן דאַך; מ'האָט געוואָלט זיין צוזאַמען אין אַ הויז **וואו קיין גויים זיינען נישטאָ.**

און אָט האָט מען איצט ביי די יידן אין לובלין, וועלכע זיינען מיט אַן אייזערנעם פּאַרהאַנג אָפּגעהאַקט געוואָרן פון דער דרויסנדיקער יידישער וועלט, צוגענומען דאָס איינציקע שטיקל יידישן דאַך, וואו זיי האָבן כאָטש איין אָדער צוויי מאָל אין יאָר זיך געקענט צוזאַמענקומען און זיין מיט זיך אַליין אַן פּאַליאַקן.

און אָט פון דעם אספּעקט גענומען קען מען זיך פאָרשטעלן דעם ביטערן מצב רוח נישט נאָר פון די יידן אין דער אַמאָליקער „ירושלים ד'פּוילן" נאָר אויך וועגן דעם שווערן גייסטיקן צושטאַנד וואָס הערשט ביי די יידן אויך אין די איבעריקע לענדער פון די „פאָלקס־דעמאָקראַטיעס".

ווען מ'באַקענט זיך מיט די דאָזיקע טרויעריקע פאַקטן זעט מען ערשט וויפל ציניזם און אומפאַרשעמטקייט ס'שטעקט אין דער נייער מעלאָדיע, וועלכע די יעווסעקעס אין דער גאַנצער וועלט האָבן איצט אָנגעהויבן זינגען.

ס'האַנדלט זיך וועגן אַ שפּאָגל נייער „קאָמפּאָזיציע" וועלכע איז דורכן קאָמאינפאָרם פאַרפאַסט געוואָרן אין שייכות מיט די מאַסן־אַרעסטן איבער ציוניסטישע עסקנים אין רומעניע, וועלכע האָבן אויך ווי באַקאַנט אַרויסגערופן אַ שטורעם פון פּראָטעסטן אין אַלע פרייע לענדער סיי צווישן יידן און סיי צווישן נישט־יידן.

די מעלאָדיע גייט אַזוי:

„וואָס האָט מען זיך דאָ אַזוי צעשריגן מיט וואַרפן שמוץ אויף דער רומענישער פאָלקס ־ דעמאָקראַטיע?"

„מ'האָט דאָך דאָרט אַרעסטירט בלויז ציוניסטישע שפּיאָנען, פאַרקויפטע צום אימפּעריאַליסטישן ישראל און צו די אַמעריקאַנישע מלחמה ־ צינדער! והראיה די יידישע רעליגיע טשעפּעט מען דאָרט נישט. ס'זיינען דאָ קהלות און רבנים אין פּוילן, טשעכיע און אונגאַרן, וועלכע ווערן סובסידירט פון דער רעגירונג". דערביי דערציילן זיי אויך „נסים ונפלאות" אַז אין בודאַפּעשט האָט מען אין אַ בעקעריי געבאַקן מצות און אין יאַסי האָט מען ראש ־ השנה געבלאָזן שופר. באמת

א וואונדער ווי אזוי די פאָלקס - דעמאָקראַטיע האָט זיך נישט דער־שראָקן אז דורכן שופר גיט מען איבער, געהיימע סיגנאַלן דעם אימפּע־ריאַליסטישן ישראל...

אז מ'האָט ארעסטירט ציוניסטן, דאָס זיינען שוין די יעוו־סעקעס מודה. זיי האָבן בלויז צוגעטשעפּעט צו די ציוניסטן דאָס וואָרט „שפּיאָנען". און היות ווי אַ ציוניסט הייסט דאָרט יעדער איינער וואָס האָט אָנגעגעבן אַ ביטע וועגן אַ פּאַספּאָרט צו פאָרן קיין ישראל, קען מען שוין אליין פארשטיין וויפל „ציוניסטישע שפּיאָנען" זענען דאָרט פאַרהאַן.

ס'איז זעלבסטפארשטענדלעך אַ גאַנץ שווערע זאַך, אז מ'זאָל קענען אָפּערירן מיט אַ גענויער סטאַטיסטיק וויפל רבנים און אַנדע־רע כלי קודש מ'האָט אין משך פון די לעצטע יאָרן פארשיקט פון די לענדער פון די „פאָלקס - דעמאָקראַטיעס אין די סאָוויעטישע קאָנצענ־טראַציע - לאַגערן. נישט אומזיסט האָבן די קאָמוניסטישע טיראַנען איינגעפירט די שטרענגסטע צענזור אפילו אויף פּאָסט - קאַרטלעך. אזוי, אז קיין איין זאַך, וואָס געשעט דאָרט זאָל נישט קענען דערגיין צו דער פרייער וועלט.

אָבער ס'זיינען דאָך פאַראַן אין יענע לענדער אויגן, וואָס זעען די אלע „שיינע" מעשים וואָס ווערן דאָרט אָפּגעטאָן. און ווען נישט די אויגן וואָלט מען דאָך אפילו נישט געוואוסט פון די מאַסן־אַרעסטן איבער די ציוניסטישע „שפּיאָנען"...

יאָ, פאַר די אויגן פון אויסלאַנד ציטערט מען נאָך דאָרט און נאָר דערפאַר עקזיסטירט ביזן היינטיקן טאָג די סינאַגאָגע אין מאָסקווע. כלומרשט עקזיסטירט נאָך דאָרט אַ קהלה כאָטש דעם גבאי ר' משה טשאַבּרוצקי האָט מען ליקווידירט צוגלייך מיט די יידישע שרייבער און קיינער וויים נישט וואו זיין געביין איז אהינגעקומען.

ס'איז אויך געווען אין מאָסקווע דער רב שליפער, אַ ייד מיט אַ יונג פנים אָבער אַ באָרד ווייס ווי ביי אַ זקן אַ בן שמונים.

בשעת איך בין געווען אין מאָסקווע האָבן די רעדאַקטאָרן פון דער „איינּיקייט" איציק פעפער און אהרן קושניראָוו מיך דערלעגירט צו הרב שליפער נאָך אַן אינטערוויו וועגן רעליגיעזן יידישן לעבן אין סאָוויעט - רוסלאַנד. געווען איז דאָס פאַר ראש - השנה פון 1945. דעמאָלט איז מען נאָך געווען אין גוטע באַציאונגען מיטן מערב און רעליגיע איז געווען אַ סחורה. אָבער פון מיין שליחות איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. דער מאָסקווער רב האָט מורא געהאַט צו עפענען

ס׳מויל... פון צייט צו צייט טרומייטערט די יעוועסעקישע פרעסע אז הרב שליפער האט געשיקט א ברכה צו די יידן איבער דער וועלט. אי־בערהויפט גייען די ברכות ווען ס׳האנדלט זיך וועגן סאָוויעטישן „שלום״. אָבער אַזעלכע אינסטיטוציעס עקזיסטירן נאָר אין די הויפט־שטעט, דאָרט וואו ס׳זענען פאַראַן די אויסלענדישע אַמבאַסאַדעס און קאָנסו־לאַטן. אפילו אין גרויסע שטעט עקזיסטירן קיין יידישע קהלות שוין לאַנג ניט. אין אַזאַ גרויסער שטאָט ווי קויבישעוו האָט מען מיר געוויזן אַ בעקעריי וועלכע איז איבערגעבויט געוואָרן פון דער פריערדיקער גרויסער שיל.

די שיל אין דער פוילישער הויפט־שטאָט וואַרשע שטייט אויך. אויך אין וואַרשע זענען פאַראַן אויסלענדישע אַמבאַסאַדעס און פון צייט־צו־צייט קומען אויך אַראָפּ איינגעלאַדענע געסט פון אויס־לאַנד. אָבער אין לובלין, וואָס ליגט אין אַ זייט לערך 200 קילאָמעטער ווייט פון וואַרשע, דאָרט זענען נישטאָ קיין אַמבאַסאַדעס און דאָרט פאַרבעט מען אויך נישט קיין געסט. האָט מען טאַקע ליקווידירט דעם לעצטן בית־המדרש.

מאָרד איבער דר. אַרלאָזאָראָוו און דאָס יונגע בחור׳ל מנחם בעגין

דאָס איז געווען מיט 30 יאָר צוריק; די יידישע וועלט איז דעמאָלט אויפגעטרייסלט געוואָרן צוליב אַ געהיימניספולן מאָרד, וועלכער איז אין אַ פּריוויטיק צונאַכטס פאָרגעקומען אין תל־אביב און געקאָסט דאָס לעבן פון איינעם פון די העכסטע שפּיצן פון מפא״י, מיטגליד פון וועלט־עקזעקוטיוו פון דער יידישער אַגענץ, דר. חיים אַרלאָזאָראָוו ע״ה.

דער פּרט, וואָס דער מאָרד איז געשען אויף אַ פּוסטן זאַמ־דיקן שטח הינטער תל־אביב, האָט געגעבן די השערה אַז מען האָט דעם קרבן פאַראַנאַרט אַהין און היות ווי די מערדער האָבן גאָרנישט צוגערויבט, איז די פּאָליציייִשע אויספאָרשונג גלייך געגאַנגען אין דער ריכטונג פון זוכן דעם מערדער ביי זיינע פּאָליטישע קעגנער.

און ווען מיר האָבן אין עטלעכע טעג שפּעטער באַקומען אין רעדאַקציע „מאָמענט״ די טעלעגראַמע פון אונדזער קאָרעספּאָנדענט

י. ל. וואָלמאַן ע"ה, אַז מען האָט אַרעסטירט אין תל - אביב אַ בריסקער בחור דעם רעוויזיאָניסט אברהם סטאַווסקי, אַלס פאַרדעכטיקן אין מאָרד, איז דער רושם אין רעדאַקציע געווען זייער אַ שווערער; ס'איז געווען באַלד נאָך די ערשטע „האַניג - חדשים", ווען זשאַבאָטינסקי איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „מאָמענט" און דאָ איז געקומען אַזאַ קלאַפּ.

אויף טעלעפאָן 13 האָט געקאָכט ווי אין אַ קעסל; כ'געדענק ווי א. איינהאָרן האָט שאַרף דיסקוטירט מיט די לינקע און געפרעגט וואו איז לאָגיק? ווי אַזוי האָבן רעוויזיאָניסטן געקענט טוען אַזאַ זאַך ערב די קאָנגרעס - וואַלן, דאָס וואָלט דאָך באַטייט פאַר זיי אַ פּשוטער זעלבסטמאָרד!

די דאָזיקע מיינונג האָב איך אויך אונטערגעשטיצט, אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן. די לינקע עלעמענטן וועלכע האָבן כסדר געשאָסן מיט „פּאַשיסט", און „פּאַשיסטן", האָבן שוין אַלץ „געזען" קלאָר ווי אויף דער האַנט...

מען רופט מיך צום טעלעפאָן.

דאָס האָט געקלונגען דער רעדאַקטאָר פון דער וואַרשעווער בראַניק אין „מאָמענט", א. גראַפמאַן.

— „באָרענשטיין, די רעדאַקציע האָט באַשלאָסן, אַז דו פאָרסט תיכף קיין בריסק. זאָג נישט קיינעם דערפון; דיין רייזע איז זייער וויכטיק; וואָלמאַן האָט איצט געשיקט נאָך אַ טעלעגראַמע, אַז די לינקע אין תל - אביב האָבן פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז אברהם סטאַווסקי איז שוין אין בריסק געווען אַן אוואַנטוריסט און אַ... מערדער"; סטאַווסקיס עלטערן האָבן אַ האָטעל אין בריסק.

דאָס אַלץ האָט מיר גראַפמאַן איבערגעגעבן דורכן טעלעפאָן;

מיין אויפגאַבע אין בריסק איז באַשטאַנען אין דורכפירן געשפּרעכן מיט די פאָרזיצערס פון די לאָקאַלע ציוניסטישע פּאַרטייען אָנהייבנדיק פון רעכטס ביז לינקס, לייגנדיק דאָס הויפּט - געוויכט אויף די נייטראַלע ווי למשל „מזרחי" און אַלגעמיינע ציוניסטן; ברענגען אַ שטרענג אָביעקטיווע אָפּשאַצונג וועגן דער פּערזאָן פון אברהם סטאַווסקי, זיך באַקענען מיט זיין פאַמיליע און פאַרשטייט זיך אויך ברענגען זיין פאָטאָגראַפיע.

ביים געזעגענען זיך האָט ער מיר געזאָגט, אַז די אַרבעט אויפן אָרט אין בריסק דאַרף דורכגעפירט ווערן שנעל כדי איך זאָל נאָך אין זעלבן טאָג קענען צוריקקומען און אָנשרייבן דאָס אַרטיקל. ווייל מען

האָט ספּעציעל רעזערווירט די דריטע זייט אין פּריטיקדיקן „מאָמענט".

כ'האָב מיך זייער שטיל ארויסגעשארט פון טלאָמאצקע 13, געכאַפּט אין שטוב אַ וואַליזקעלע און אַוועק צום בריסקער וואָקזאַל.

דער צוג האָט זיך געשלעפּט אַ גאַנצע נאַכט און אין קופּע בין איך געזעסן איינער אַליין.

איך האָב כסדר געטראַכט וועגן דעם מאָמענט פון אריינקומען אין אַ יידישער שטוב וואו מען האָט אַרעסטירט אַ זון אַלס אַ מערדער, און נאָך בעטן ביי זיי אַ... פאָטאָגראַפיע.

ארויסגייענדיק פון וואָקזאַל האָב איך באַלד בעקומען דעם ערשטן „ברוך הבא" פון אַ יידישן דראָשקאַזש וועלכער האָט געשריגן הויך אויפן קול:

„פּאָרטס נישט צו סטאַווסקין אין האָטעל! זיין זון האָט דער־הרגעט אַ ייד אין פּאַלעסטינע".

דערפאַר בין איך אנגענעם איבעראשט געוואָרן ביי סטאַווסקין אין שטוב. מיך האָט אויפגענומען אַ מוטער מיט אַ סך טעכטער, אָן שום סימנים פון נידערגעשלאָגנקייט. „מיר זענען איבערציינגט אַז דאָס איז אַ פאַטאַלער טעות און אבראשאַ (סטאַווסקי) וועט באַפרייט ווערן" — האָט געזאָגט די מוטער.

— גיי, רוף מנחמען — האָט אַן עלטערע שוועסטער געזאָגט צו אַ יונגערער.

אין עטלעכע מינוט ארום האָט זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט אַ יונגער און שלאַנקער בחור מיט אַ זייער אינטעליגענטן און איידעלן פּנים, פון אַ יאָר 16 - 17.

מיין נאָמען איז פאַר אים געווען נישט פרעמד און ער האָט מיר דערקלערט זיין גרייטקייט מיר באַהילפיק צו זיין אין מיין זשור־נאַליסטישער שליחות. ער האָט מיך באַגלייט אומעטום סיי צו פריינד און סיי צו קעגנער; איך האָב געהאַט אַן אינטערוויו מיטן פּאָרזיצער פון „עת־לבנות", זארעצקי, מיטן פּאָרזיצער פון מזרחי; דערביי האָט מיין באַגלייטער ארויסגעוויזן אַזויפיל טאַקט, אַז ער איז איבעראַל גע־בליבן וואַרטן אינדרויסן כדי נישט צו קרעמפּירן יענעם וועלכער האָט מיר דעם אינטערוויו געגעבן.

מיין אינטערוויו מיטן פאָרזיצער פון „על - המשמר", לווי נאָוויקאָוו, אַן עלטערער מענטש האָט זיך פאַרצויגן זייער לאַנג אָבער ווען איך בין ארויס האָט דער יונגער בחור געדולדיק געוואַרט כדי מיך צו באַגלייטן צו אַ ווייטערדיקן געשפּרעך.

און כאָטש דער נאָמען מנחם (זיין פאַמיליע - נאָמען האָב איך נישט געוואוסט) האָט נאָך דעמאָלט פאַר מיר גאָרנישט געזאָגט, האָב איך דאָך באַוואונדערט דעם דאָזיקן יונגן ביתרי, וועלכער האָט מיר אָוועקגעגעבן זיין גאַנצן פרייען טאָג און נאָך צום סוף מיך באַגלייט צו דער באַן און מיר אויך באַזאָרגט די פאָטאָגראַפיע.

אין אַ זייער גוטער שטימונג בין איך געפאָרן צוריק קיין וואַרשע מיט אַ שנעל - צוג און נאָך באַוויזן אין זעלבן אָוונט צו טרעפן אַלעמען אין רעדאַקציע. מיין רעפּאָרטאַזש וועגן בריסק וואָס האָט זיך באַוויזן אַלס הויפּט - אַרטיקל אין פרייטיקדיקן „מאָמענט", האָט אַ סך אויפגעקלערט דעם טראַגישן עניין סטאַווסקי און האָט שפּעטער געדינט אַלס מאַטעריאַל פאַר דער פּאַרטיידיקונג בעתן פּראָצעס. און כ'מוז מודה - זיין, אַז ווען נישט די הילף פון יענעם יונגן בחור, דעם גרויסן אידעאַליסט פון ביתר, וואָלט מיין מיסיע נישט געקרוינט גע־וואָרן מיט אַזאַ געוואונטשן דערפאָלג.

אין עטלעכע יאָר שפּעטער בעת אַ פּרעסע - קאָנפערענץ מיט זשאַבאָטינסקין אין האָטעל „קראַקאָווסקי" אין וואַרשע, טרעף איך שוין דעם יונגן בריסקער בחור ביי דער רעכטער האַנט פון ראש בית"ר. מנחם בעגין, אָנגעטאָן אין אַן עלעגאַנטן מונדיר, האָט שוין דעמאָלט פאַרנומען אַ הויכן און פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט אין דער רעוויזיאָניס־טישער באַוועגונג אָבער ער איז וייטער געווען אַזוי באַשיידן ווי דע־מאָלט אין בריסק, כאָטש מען האָט אים שוין גערופן „דער קליינער זשאַבאָטינסקי";

אין אַ קורצער צייט שפּעטער איז מנחם בעגין געשטאַנען בראש פון ביתר אין פּוילן.

אין משך פון די מלחמה - יאָרן וואו איך בין דורכגעגאַנגען שבעה מדורי גיהנום אין סאָוויעט - רוסלאַנד, האָב איך זיין נאָמען נישט געהערט; כ'האָב בלויז געוואוסט אַז די מלחמה האָט אים פאַר־כאַפּט אין בריסק, וועלכע איז ווי באַקאַנט לויטן אָפּמאַך צווישן היט־לערן און סטאַלינען, אָקופּירט געוואָרן דורך דער באָלשעוויסטישער אַרמיי.

ס'איז ממילא פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז אַ מענטש מיט אַזאַ „טריפהנער" פּאַרגאַנגענהייט, טאָר זיך פאַר דעם באָלשעוויסטישן רעזשים נישט ווייזן אויף דער ליכטיקער שיין...

ווען איך בין נאָך דער מלחמה צוריקגעקומען קיין פוילן בין איך געוואויער - געוואָרן אַז מנחם בעגין איז אין ארץ - ישראל, האָט אָרגאַניזירט דעם „אירגון צבאי לאומי” און די ענגלישע מאַנדאַט־מאַכט האָט באַשטימט אַ פּרעמיע פון 10 טויזנט פונט שטערלינג פאַר זיין קאָפּ. כ'האָב שוין דעמאָלט אויך געוואוסט אַז דער געוו. קאָמענ־דאַנט פון ביתר אין פוילן, האָט זיך ארויסבאַקומען פון פינצטערן רוס־לאַנד מיט דער הילף פון דער פּוילישער אַרמיי פון גענעראַל אַנדערס. אָבער וואו ער האָט זיך געפונען ביז יענעם מאָמענט, האָב איך גע־פונען אַ באַשרייבונג אין זיין שטאַרקן בוך „דער אויפשטאַנד” (דער־שינען אין 1953 אין בוענאָס איירעס איבערגעזעצט פון העברעאיש פון אייזיק רעמבא).

דער מחבר באַצייכנט, אַז דאָס דאָזיקע ווערק איז געווידמעט „לזכרון פון זאב זשאַבאָטינסקי, דעם פאָטער פון יידישן אויפשטאַנד און דער קעמפנדיקער משפחה — בהכנעת לב ובאהבת נפש”.

און אָט גלייך אין אָנהייב דערציילט בעגין זייער מאָלעריש וועגן דער נאַכט פון 1טן אַפּריל 1941;

„אין דעם אַלטן בנין פון דער ווילנער לוקישקער תפיסה איז געשטערט געוואָרן די ספּעציפישע רו וואָס איז אַזוי כאַראַק־טעריסטיש פאַר די אַנשטאַלטן פון מענטשלעכן צער; פאַר שפּיטאָלן און תפיסות. אין אומגעוויינלעכע באַוועגונג איז אַנטשטאַנען צווישן די ווענט פון דער אַלטער טורמע. מיט אַ סקריפּ פון שליס־לען און ריגלען האָבן זיך צעעפנט די טירן פון די צעלן. צו פאָר זענען ארויס די מענטשן. זייערע קעפּ זענען געווען אָפּגעגאָלט און די פּנימער בלאַס. מ'האָט זיי צוגעפירט צו אַ צענטראַלן פּונקט וואָס אין אַ לאַנגן פינצטערן קאָרידאָר· דאָרט איז שוין געווען גרייט אַ קליין טישל. ביים טישל — צוויי שווייגנדיקע מענטשן. פאַר זיי איז געלעגן אַ בינטל פּאַפּירן, וואָס האָבן דערמאָנט אין קוויטונגען פון אַ „וועשעריי אָדער פון שטייער־אַמט”.

איינער פון די צוויי שווייגנדיקע מענטשן האָט אריינגעקוקט אין אַ פּאַפּיר און האָט פאַרגעלייענט פאַר בעגינען פאָלגנדיקע מעלדונג:

„די ספּעציעלע באַראַטונגס - קאָמיסיע ביים פאָלקס־מי־ניסטעריום פאַר אינערלעכע ענינים האָט אַנערקענט, אַז מנחם דער זון פון זאב בעגין איז אַ געזעלשאַפטלעך - געפערלעכער עלעמענט און האָט באַשלאָסן אים צו איזאָלירן אין אַן ארבעט - אויסבעס־סערונגס - הויז (אַזוי הייסט „דאָרט” דער שרעקלעכער קאָנצענ־

טראַציע - לאַגער! י. ב.) אויף אַ צייט פון אכט יאָר."

ווען איך האָב דאָס איבערגעלייענט האָב איך געזען אַז מנחם בעגין האָט געכאַפּט אַ „מציאה" ווייל פאַר אַזאַ „פאַרברעכער" איז 8 יאָר גאָרנישט מיט גאָרנישט.

פון דאָרט האָט מען אים אַוועקגעשיקט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אויפן פּעטשאָראַ - טייך און טשערטשיל האָט אים באַפרייט אין סעפּטעמבער 1941 פּונקט ווי ער האָט מיך נאָך הונדערטער, טויזנטער פּוילישע יידן באַפרייט פון קאָנצענטראַציע־לאַגער אויף אוראַל.

דראַמאַטישע זיצונג מיט זשאַבאָטינסקין אין „מאָמענט"

מיט אַ פאַנטאַסטישער פּינקטלעכקייט פלעגט זשאַבאָטינסקי צושיקן אין רעדאַקציע זיין וועכנטלעכן אַרטיקל פאַרן פרייטיקדיקן „מאָמענט". אַן אונטערשיד צי ער פלעגט זיך דעמאָלט געפינען אין לאָנדאָן, פּאַריז אָדער אין דער שווייץ — דער אַרטיקל אָבער איז אָנגע־קומען פּינקטלעך יעדן מיטוואָך 11 אינדערפרי. איינמאָל — געדענק איך — איז דער רעדאַקציע־סעקרעטאַר י. י. פּראָפּוס געקומען פון זיין קאַבינעט צו אונדז און אַן איבעראַשטער געוויזן אַן אַרטיקל פון זשאַ־באָטינסקין, אויף אַן אַקטועלער פּאָליטישער טעמע, אַרויסגעשיקט פון וייטן בולגאַריע.

עמיצער פון אונדז, האָט אויף דער באַוואונדערונג פון רע־דאַקציע־סעקרעטאַר פאַר זשאַבאָטינסקיס פּינקטלעכקייט, זיך אָנגערופן:

„נו, יאָ, דאָס איז דאָך קאַזאַרמע - דיסציפּלין..."

יעדער איינער פון אונדז האָט געפילט, אַז אין דער „קאַזאַרמע־דיסציפּלין" איז געלעגן אַ שטאָך אויפן אַדרעס פון פירער פון די רעוויזיאָניסטן, אָבער איבעראַשט איז מען דערפון נישט געוואָרן. איך ווייס נישט צי עס איז געווען אויף דער וועלט נאָך אַ יידישער פּאָליטיקער און פּאַרטיי - פירער, וועלכער זאָל האָבן געהאַט אַזוי פיל שונאים ווי זאב זשאַבאָטינסקי· אים האָבן געהאַסט: בונדיסטן, פּאָל־קיסטן, אַלערליי לינקע ציוניסטן און שפּעטער ווען זשאַבאָטינסקי איז אַרויסגעטרעטן פון דער ציוניסטישער וועלט - אָרגאַניזאַציע און גע־שאַפן די נ. צ. אָ. (נייע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע), זיינען אויך די

אַלגעמיינע ציוניסטן און „מזרחי" געוואָרן זיינע פּאָליטישע קעגנער.

ס'איז דעריבער גאַנץ נאַטירלעך, אַז אין דעם גרויסן שטאַב מיטאַרבעטער אין „מאָמענט" וואו ס'זיינען געווען פּאַרטרעטן זשור־נאַליסטן און שרייבער פון פאַרשידענע פּאַרטייען און דיכטונגען, האָבן אויך נישט געפעלט זיינע שונאים...

זשאַבאָטינסקי איז וועגן דעם געווען גאַנץ גוט אינפאָרמירט אָבער ער האָט אויך געוואוסט, אַז זיינע אַרטיקלען אין פּרייטיקדיקן „מאָמענט" ווערן געלייענט דורך צענדליקער טויזנטער יידן נישט בלויז אין פּוילן נאָראויך אויף דער גאַנצער וועלט. ס'איז דאָך אויך נישט געווען קיין סוד, אַז דער „פּאַשיסט" זשאַבאָטינסקי האָט אויך געהאַט אָן אַ שיעור פאַרערער; וועלכע האָבן אין דעם דאָזיקן ייד געזען דעם ערלעכן און דרייסטן קעמפּער פאַר אַ אידייע אין וועלכער ער האָט געגלייבט באמונה שלימה, אַז זי איז די איינציקע וואָס פירט צו דער אויסלייזונג פון גלות.

מילא וועגן די רעוויזיאָניסטן, ביתרים און „ברית החיל" איז דאָך אָפּגערעדט. פאַר זיי איז געגנוג געווען בלויז איין וואָרט: „דער ראש ביתר האָט אַזוי געזאָגט" און זיי זיינען גרייט געווען זיך מקריב צו זיין פאַר אים. אָבער אויך צווישן פּשוטע יידן זיינען געווען נישט ווייניק אַזעלכע, וועלכע האָבן געזען אין זשאַבאָטינסקין דעם יידישן זשעני. און געווען איז דאָס ווירקלעך אַ מענטש מיט נישט דורכשניט־לעכע פעאיקייטן. ער איז געווען מייסטער סיי פון **וואָרט** און סיי פון דער **פּען**. קיינער איז נישט געווען בכוח אַזוי ווי זשאַבאָטינס־קי אָנצוציען אַ פול ־ געפּאַקטן עולם פון 4 טויזנט מאַן אין דושנעם וואַרשעווער צירק אין אַ הייסן זומערדיקן שבתדיקן טאָג...

און וועגן וואָס האָט ער דעמאָלט גערעדט? — וועגן שקלים און וועגן וואַלן צום קאָנגרעס. אָבער דער טאַלאַנטירטער, פון גאָט געבענטשטער רעדנער זאב זשאַבאָטינסקי האָט אַרום די „שקלים" אַנטוויקלט אַ גרויסן פּאָליטישן פּראָבלעם און צוויי שעה אָן אַי־בעררייס האָבן מענטשן ממש געשלונגען יעדעס וואָרט.

פיל שטאַרקער און ווירקזאַמער איז זשאַבאָטינסקי געווען מיט זיין פעדער. זיין באַרימטער אַרטיקל „קאָלט און פעסט", פאַר־עפנטלעכט אין „מאָמענט" עטלעכע טעג נאָכדעם ווי ס'איז אָנ־געקומען די ידיעה, אַז אין תל ־ אביב האָט מען אַרעסטירט דעם רעוויזיאָניסט אברהם סטאַווסקי (אונטערן חשד פון אויספירן דעם מאָרד איבער דר. חיים אַרלאָזאָראָוו), האָט געמאַכט אַ געוואַל־

דיקן רושם. זשאבאָטינסקי האָט אין דעם דערמאָנטן אַרטיקל, מיט זיין אייזערנער לאָגיק פונאַנדערגעטריבן דעם קאָשמאַר און די שנאה וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אויף דער יידישער גאַס לגבי די רעוויזיאָניסטן און באַזונדערס צו די ביתרים, וועלכע זיינען פּשוט דורך יוגנטלעכע פון קעגנערישע פּאָליטישע פּאַרטייען געשלאָגן געוואָרן מכות־רצח.

דער „מאָמענט" איז דעמאָלט צעכאַפּט געוואָרן צוליב דעם דאָזיקן אַרטיקל, וועלכן זשאַבאָטינסקי האָט אגב געשריבן אין צוג פון קאַטאָוויץ קיין וואַרשע (ער איז ספּעציעל געקומען צוליב דעם פון אויסלאַנד) און דאָס לעצטע זייטל האָט אַ שליח געבראַכט פון האָטעל „קראַקאָווסקי" וואו זשאַבאָטינסקי איז איינגעשטאַנען. דער רושם פון דאָזיקן אַרטיקל האָט דערפירט דערצו, אַז אַ שטיק צייט האָט זשאַבאָטינסקי געשריבן פאַרן „מאָמענט" צוויי מאָל אַ וואָך.

געשריבן האָט ער אויף אַלע טעמעס, סיי אינטערנאַציאָנאַלע און סיי ריין יידישע. ער האָט אויך געשריבן איבער ליטעראַטור און פון צייט צו צייט אויך פּאָלעמיזירט מיט זיינע פּאָליטישע קעגנער.

אין זיין פאָרם און סטיל איז זשאַבאָטינסקי געווען ענלעך צו ווינסטאָן טשערטשיל. פּונקט אַזוי ווי טשערטשיל האָט זיך זשאַבאָטינסקי געקענט מיט זיין פּעדער „אוועקלייגן אויף ביידע לאָפּאַטקעס" אַ פּאָליטישן קעגנער אָבער דער טאָן איז דאָך געווען עלעגאַנט און נישט באַליידיקנדיק.

די הויפּט־טעמאַטיק זיינע אָבער איז געווען ארץ־ישראל און די אַלע פּראָבלעמען וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדן.

קיין סטאַבילן אַדרעס האָט זשאַבאָטינסקי נישט געהאַט. ער האָט „געוואוינט" אין דער גאַנצער וועלט אַ חוץ אין סאָוועט־רוסלאַנד און אין... ארץ־ישראל וואו דער „אַרעסטאַנט פון עכו" האָט נישט געטאָרט אריינקומען. זיינע אַרויסטריטן אין די גרעסטע אייראָפּעאישע שטעט האָבן תמיד געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט און זיינען שטאַרק באַזוכט געוואָרן. אַממייסטן אָבער האָט אים פאַרבונדן פּוילן. דאָרט האָט ער געהאַט אַ ריזיקע באַוועגונג און כאָטש ער האָט ווי פריער דערמאָנט, געהאַט זייער פיל שונאים האָט אים דאָך געצויגן קיין פּוילן אין דעם דעמאָלטיקן גרעסטן יידישן צענטער, וואו ער פלעגט אַראָפּקומען עטלעכע מאָל אין יאָר און פאַרבלייבן אַ לענגערע צייט, אויב דאָס איז געווען נייטיק צוליב די אינטערעסן פון זיין פּאַרטיי.

ווי געוויינלעך פלעגן די צייטונגען תמיד שרייבן וועגן זיין

קומען, כאָטש ער אַליין האָט דאָס נישט געוואָלט. אפילו אויף נאָ־לעוועס 38 אין רעדאַקציע „מאָמענט" פלעגט ער אויך קומען זייער זעלטן. פון דרך ארץ וועגן פלעגט זיך זשאַבאָטינסקי נוהג־זיין, גלייך ווי ער פלעגט קומען קיין וואַרשע, זיך מעלדן טעלעפאָניש צום „אַלטן" (אַזוי האָט מען גערופן ביי אונדז אין רעדאַקציע דעם שעף־רעדאַקטאָר צבי פרילוצקי) און אים באַגריסן.

דאָס מאָל אָבער אין סוף זומער פון יאָר 1936 האָט זשאַ־באָטינסקים קומען קיין וואַרשע אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקן טומל: עס האָט געקאָכט אויף טלאָמאַצקע 13; ס'האָט גערוישט אין דער בונדי־שער „פאָלקס־צייטונג", וועלכע האָט גלייך גענומען אַ הויכן טאָן קעגן דעם „שעדיקער פון די יידישע אינטערעסן זשאַבאָטינסקי"; אויך דער אָרגאַן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע „היינט" איז נישט געבליבן הינטערשטעליק און אין „מאָמענט" וואו זשאַבאָטינסקי איז געווען אַ שטענדיקער מיט־אַרבעטער האָט געדראָט אַ „רעוואָ־לוציע": אַ סך מיטאַרבעטער האָבן געוואָרנט, אַז אויב מען וועט לאָזן זשאַבאָטינסקין שרייבן אין „מאָמענט", וועלן זיי פאַרלאָזן די רע־דאַקציע.

געהאַנדלט האָט עס זיך אין אַ נישט פשוטן ענין, וועלכער האָט געהייסן **עוואַקואַציע.** זשאַבאָטינסקי איז געקומען מיט אַ פּלאַן צו דער פּוילישער רעגירונג זי זאָל באַהילפיק זיין אין אַרויס־פירן אַ טייל יידן פון פוילן קיין ארץ־ישראל. אונבאַלד האָט זיך טאַקע באַוויזן אַ ידיעה פון דער אָפיציעלער פּוילישער טעלעגראַפן אַגענטור (פּאַ"ט.) וועלכע איז אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַלע יידישע און פּוילישע צייטונגען, אַז „זשאַבאָטינסקי איז אויפגענ־ומען געוואָרן דורכן אויסערן־מיניסטער יוזעף בעק אויף אַ לענגע־רער אוידיענץ". און כאָטש קיין פּרטים זיינען אין דער טעלעגראַמע נישט אָנגעגעבן געוואָרן, האָט מען אין „מאָמענט" געוואוסט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. צו דעם אַלעם האָט נאָך עמיצער אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז ביים „אַלטן" איז שוין דאָ זשאַבאָטינסקיס אַרטיקל וועגן עוואַקואַציע.

נו, נו, מער האָט מען נישט באַדאַרפט: ז. סעגאַלאָוויטש האָט געקלאַפּט אין טיש און אויף זיין שאַרפן ביאַליסטאָקער יידיש געשריגן: **„בלוט וועט זאַך גיסן עייב (אויב) מ'וועט די עוואַקואַציע אַריינלאָזן אין „מאָמענט" אַריין".** אים האָבן שטאַרק אונטערגעהאַלטן יהושע פּערלע און דער טונקעלער, וועל־כער האָט אויפן אָרט אָנגעשריבן אַ פעליטאָן קעגן עוואַקואַציע און אים

גלייך אוועקגעשיקט צום „אלטן".

ווי דער שטייגער אין אזעלכע פאַלן האָט זיך אויך געשאַפן א מעסיקערע גרופּע, וועלכע האָט געהאלטן, אז מען דאַרף נישט אזוי טומלען. צו דער דאָזיקער גרופּע האָבן געהערט: דר' גאָטליב, ש. י. סטופּניצקי, נ. זילבערבערג, א. ז. כהן, פּראָפּוס, ליפּע קעסטין, א. גראַפּמאַן, באָנטשע און צו לענגערע יאָר אברהם זאַק, טורקאָוו, לענע־מאַן און מיין ווייניקייט. אויך די דאָזיקע גרופּע האָט נישט ארויסגע־וויזן קיין באַזונדערע באַגייסטערונג פאַר זשאַבאָטינסקיס פּלאַן, אָבער די גרופּע האָט מורא געהאַט, אז אויף דער „הייסער מינוט" קען אַמאָל דער „מאָמענט" פאַרלירן זשאַבאָטינסקין און דאָס האָט קיינער נישט געוואָלט.

צוליב דער „מורא" אָבער פון יענער גרופּע, אז זשאַבאָ־טינסקיס ארטיקל זאָל דערווייל נישט ווערן אָפּגעדרוקט איז באַשלאָסן געוואָרן צו רופן ר' הלל (אזוי האָבן מיר גערופן צייטלינען) און ער זאָל ווירקן אויפן „אלטן".

ר' הלל איז גלייך געקומען אין רעדאַקציע און זיינע ערשטע ווערטער זיינען געווען: **„וואָס קאָכט איר זיך אזוי? זשאַ־באָטינסקי איז דאָך נישט קיין יינגעלע, מן הסתם ווייסט ער דאָך וואָס ער וויל"!**

פאַר צייטלינען האָבן אַלע גרויס דרך־ארץ געהאַט און זיינע ווערטער האָבן אביסל אָפּגעקילט די געמיטער. ר' הלל איז אוועק צום „אלטן" און נאָך 2 שעה איז ער געקומען צוריק, אז ס'איז טאַקע אמת אז ביים „אלטן" איז שוין דאָ זשאַבאָטינסקיס ארטיקל אָבער ער אָריענטירט זיך וועגן דער שטימונג אין רעדאַקציע און ער האָט דער־ווייל דעם ארטיקל פאַרהאַלטן. דאַקעגן וועט ער געבן צום דרוקן טונ־קעלס פעליעטאָן, וועלכער האָט זיך באַוויזן צומאָרגנס אין „מאָמענט". דער טונקעלער האָט אזוי געשריבן:

„זשאַבאָטינסקיס פּלאַן געפעלט מיר נישט שוין צוליב דעם אליין וואָס ער זוכט ביי די פּוילישע אַנטיסעמיטן א טובה פאַר יידן. אויב א פּאָליאַק, אַן ענדעק זאָל וויסן, אז דערמיט, וואָס ער שלאָגט א ייד קען אַמאָל דער ייד האָבן דערפון א נוצן וועט ער אים באַדאַי אויפהערן שלאָגן..."

דער טומל האָט פונדעסטוועגן נישט נאָכגעלאָזט: זשאַבאָ־טינסקיס שליחים האָבן געדראָט דעם „אלטן", אז אויב דער ארטיקל

וועט נישט גיין וועט זשאַבאָטינסקי פאַרלאָזן דעם „מאָמענט״.

אַ שטיקל אויסוועג האָט מען דאָך געפונען אין אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל איינלאַדן זשאַבאָטינסקין אויף נאַלעווקעס 38 אויף אַ ספּעציעלער זיצונג צוזאַמען מיט דער גאַנצער רעדאַקציע — קאָלעגיע, כדי ער זאָל זיך באַקענען מיט דער שטימונג ביי די מיטאַרבעטער פון רעדאַקציע, אפשר וועט ער עפּעס נאָכלאָזן...

ווען ס׳איז אין צוויי טעג אַרום געקומען אַ מעלדונג אַז זשאַבאָטינסקי האָט דעם פאָרשלאַג אָנגענומען, האָבן מיר אַלע לייכטער אָפּגעאָטעמט...

די זיצונג איז באַשטימט געוואָרן אויף מאָנטיק אויפדערנאַכט. סעגאַלאָוויטשעס גרופּע האָט אַפילו אַרויסגערופן טעלעגראַפיש סוריצן, וועלכער איז דעמאָלט געווען אויף אורלויב אין זאַקאָפּאַנע. געפעלט האָט בלויז איינער און דאָס איז געווען רעדאַקטאָר יוסף העפטמאַן, וועלכער איז דעמאָלט געווען אין ארץ - ישראל.

זשאַבאָטינסקי איז, ווי זיין שטייגער, געקומען צו דער זיצונג נישט אַליין. מיט אים זיינען געקומען די רעוויזיאָניסטן יוסף קלאַרמאַן און דר. וודאָווינסקי. דעם פאָרזיץ האָט געפירט דער „אַלטער״ בכבודו ובעצמו. ער האָט איינגעלאַדן טורקאָוון אַלס סעקרעטאַר און מיך האָט ער באַשטימט צו פירן דעם פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג.

די שטימונג איז תחילת געווען זייער אַ שווערע: עפּעס האָט מען געפילט אין דער לופט, אַז צווישן זשאַבאָטינסקין און אונדז, האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַ דיקע וואַנט. כילינאָוויטש האָט אַפילו מורא געהאַט אַז די „דעבאַטע וועט זיין אַ זייער שטורמישע און האָט פאָרגעשלאָגן אַז מען זאָל צומאַכן די פענסטער...

די זייער געלונגענע רעדע פון שעף - רעדאַקטאָר, וועלכער האָט אין זיין איינלאַדונגס - וואָרט פשוט געהאַלטן אַ טאָאַסט פאַר זשאַבאָטינסקין וועמען ער האָט אָנגערופן **טייערער קאָלעגע.** האָט פאַרטריבן די שווערע שטימונג.

דאָס ערשטע וואָרט האָט באַקומען נח פּרילוצקי. אין אַ רעדע, וועלכע האָט געדויערט כמעט אַ שעה האָט ער אַרומגענומען דאָס פּראָבלעם וועגן קאַמף פאַר רעכט פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אויך ער, כאָטש אַ פאַרביסענער קעגנער פון זשאַבאָטינסקין האָט גערעדט זייער טאַקטיש און אויסגעמיטן אָנצוגרייפן אים. ביים סוף האָט נח פּרילוצקי אַזוי געזאָגט:

„וואָס הייסט? קאָלעגע זשאַבאָטינסקי וויל עוואַקואירן אַ טייל

יידן פון פוילן? הלוואי וואָלטן מיר דאָ געווען נישט פערטהאַלבן מי־ליאָן, נאָר זיבן מיליאָן וואָלט אונדזער קאַמף קעגן די אַנטיסעמיטן געווען פיל שטאַרקער".

סטופּניצקי, וועלכער האָט גערעדט דער צווייטער, האָט אָפּעע־לירט צו זשאַבאָטינסקין, אַז — „ער פאַרשטייט דאָך געוויס אַז ס'דאַרף געגעבן ווערן אַ מעגלעכקייט אויך די מיטאַרבעטער וואָס זיינען קעגן עוואַקואַציע צו קענען אויסדריקן זייער מיינונג".

זייער שווער איז מיר אָנגעקומען אין אָנהייב צו נאָטירן די רעדע פון ר' הללן· עפּעס האָבן דעם גרויסן דענקער און סטיליסט הלל צייטלין פאַרפּעלט ווערטער אויף אַרויסצוברענגען זיין געדאַנק.

ער האָט גערעדט מיט אָפּגעהאַקטע זאַצן און זיי אָפּטמאָל נישט פאַרענדיקט. עפּעס האָט מען געפילט אין זיין רעדע, אַז ער אַליין קען זיך נישט קיין עצה - געבן מיט דעם פּראָבלעם עוואַקואַציע, וואָס מען טאָר אָבער בשום אופן מיט דער האַנט נישט אָוועקמאַכן. ביים סוף האָט ער שוין גערעדט קלאָר און אַזוי געזאָגט:

„אוודאי דאַרף דער „מאָמענט" געבן זשאַבאָטינסקין די מעג־לעכקייט, אַז ער זאָל קענען פריי ברענגען צום אויסדרוק זיין גרויסן פּלאַן. פריינד סטופּניצקי און איך וועלן מיט אים דיסקוטירן אין „מאָמענט" און פאַרשטייט זיך, אַז די דיסקוסיע דאַרף געפירט ווערן אין אַן אַקאַדעמישן טאָן און זי טאָר בשום אופן נישט טראָגן קיין פּערזענלעכן כאַראַקטער".

ר' הללס פּאַרשלאַג, דאָס איז אייגנטלעך געווען די שטעלונג פון דער מעסיקער גרופּע, וועלכע האָט געהאַט די מערהייט. אין יענעם מאָמענט איז אויך געווען די שטימונג, אַז זשאַבאָטינסקי וועט דערויף איינגיין.

נאָך ר' הללס רעדע האָט זשאַבאָטינסקי געבעטן אַ הפסקה אויף 10 מינוט.

פון דער זעצעריי איז מען געקומען צולויפן: „וואָס הערט זיך"? „זשאַבאָטינסקי איז מסכים אויף דיסקוסיע?" — מיר האָבן נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע. נאָר דר. גאָטליב, וועלכער איז אידעאיש און אויך פּערזענלעך געווען אָמנאָ־ענטסטן צו זשאַבאָטינסקין, האָט מיר מיט אַ טרויעריק פּנים אַ זאָג־געטאָן אויפן אויער:

„באָרענשטיין, היינט פאַרלירן מיר זשאַ־באָטינסקין..."

און אַז דר. גאָטליב איז געֿרעכט געוועז, האָבן מיר זיך אײַ־בערציינגט אין 5 מינוט שפּעטער ווען זשאַבאָטינסקי האָט נאָך דער הפסקה גענומען דער ערשטער דאָס וואָרט.

זיין רעדע האָט געדויערט נישט מער ווי צוויי מינוט און ער האָט אַזוי געזאָגט:

„טייערער שעף ־ רעדאַקטאָר און ליבע קאָ־לעגן פון „מאָמענט”!

„ליידער בין איך געצוואונגען זיך געזעגענען מיטן „מאָמענט”. איך באַדויער זייער וואָס דאָס קאָלעגיום גיט זיך נישט אָפּ קיין חשבון וועגן דער פינסטערער כמאַרע, וואָס רוקט זיך אָן אויף די־יידן אין איראָפּע”.

דערמיט איז יענע היסטאָרישע זיצונג אויף נאַלעווקעס 38 גע־וואָרן געשלאָסן.

ר׳ הילל ז״ל

כאָטש אין „מאָמענט” זיינען געווען עלטערע פון אים, האָט מען אים דאָך גערופן אַנדערש ווי אַלע. נישט „חבר” און נישט „פּאַניע רעדאַקטאָזשע”, נאָר ר׳ הלל.

אַזוי האָט אים גערופן דער זקן וארי שבחבורה, דער שעף־רעדאַקטאָר צבי פּרילוצקי, און אַזוי אויך דער רעדאַקציע ־ סעק־רעטאַר י. י. פּראָפּעס. אפילו „פריינד סטופּניצקי” (שאול יצחק סטופּניצקי), וועלכן מיר אַלע האָבן אַזוי גערופן, צוליב דעם, וואָס ער האָט, סיי די עלטערע מיטאַרבעטער און סיי די יינגערע אַזוי טיטו־לירט, האָט אויך לגבי **אים** געענדערט זיין שטענדיקן נוסח פון „פריינד”...

ר׳ הלל פלעגט אין די פריערדיקע יאָרן קומען אין „מאָמענט” אַריין יעדן טאָג איינס אַזייגער. אפילו אין די טעג, ווען ער האָט דאָס לייט ־ אַרטיקל נישט געשריבן. ער פלעגט דורכוואַרפן די פּרע־סע און שפּעטער כאַפּן אַ געמיטלעכן שמועס מיט די מיטאַרבעטער. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון יוסף טונקעלן (דער טונקעלער) און אָפּט

געלאכט ממש אויפן קול פון זיינע וויצן. אהיימגיין אויף מיטיק פלעגט ר׳ הלל שפעטער פון אלע פובליציסטן. ער פלעגט זיך דאן ארומ־דרייען איבערן לײדיקן צימער אהין און צוריק און פון צייט צו צייט צוגיין צו דער גרויסער ספרים ־ שאנק, ארויסנעמען א ספר און מעיין זיין.

צו קיין פארטיי האט ר׳ הלל נישט געהערט. כאטש צוליב זיין באקעמפן די אסימילאציע און זיין ליבשאפט צו דער יידישער שפראך, האבן די פאלקיסטן געדרונגען, אז ער איז מיט זיי, איז דאס נישט געווען ריכטיק. ר׳ הלל איז געווען א קעגנער פון פארטייען און פארטיי ־ קאמפן אויף דער יידישער גאס. און ווען בשעת די סיים־וואלן אין יאר 1928 האט זיך צעפלאקערט דער קאמף צווישן די ציור־ניסטן און „אגודה״, האט עס אים שטארק ווי געטאן. אין א ריי ארטיקלען איז ער שארף ארויסגעטראטן קעגן די באזונדערע פארטיי־פירער אלס די שולדיקע אין שאפן א תהום צווישן די פוילישע יידן.

ר׳ הלל איז געווען א שטרענג ־ אפגעהיטענער ייד. איז אויב מען קאן רעדן וועגן זיינע סימפאטיעס צו גרויסע פארטייען אויף דער יידישער גאס, זיינען דאס געווען „מזרחי״ און „אגודה״.

צווישן דריי און פיר בייטאג פלעגן די רעדאקציע ־ צימערן אויפן צווייטן שטאק זיין כמעט ליידיק: די פובליציסטן זיינען שוין אוועק אהיים, און די מיטארבעטער פון דער ווארשעווער כראניק, אדער ווי באנטשע (דער פעליעטאניסט אברהם ראזענפעלד) פלעגט זיי אנרופן „גראפמאנס קאפעליע״ (צו וועלכער אויך איך האב גע־הערט), פלעגן ערשט פון פיר אזייגער אנהייבן קומען צו דער ארבעט.

איך קום אין דער רעדאקציע און הער, ווי דר. יהושע גאטליב שרייט אריין אין טעלעפאן ־ טרייבל:

— באשקע! איך קען זיך גארניט העלפן. איך האב נישט דעם ארטיקל פון ר׳ הללן און וועל אהיים ניט קומען.

דר. גאטליב איז דעמאלט געווען א מיטגליד פון רעדאקציע־קאמיטעט, וועלכער איז באשטאנען פון דריי פערזאן, און ער האט געדארפט זארגן וועגן דעם פובליציסטישן מאטעריאל ער דרייט זיך ארום איבער די ליידיקע צימערן און ווייסט נישט וואס דא איז געשען, ווייל פון שליסקע 60 (דארט האט געוואוינט ר׳ הלל) האט מען גע־ענטפערט, אז דער שליח פון רעדאקציע האט שוין מיט א שעה פריער אפגענומען דאס ארטיקל.

באלד קלינגט ווידער דער טעלעפאן. דר. גאטליב האט פאר־

שטאַנעז, אַז דאָ קלינגט ווידער זיין ווייב, און ער בעט מיך, אַז איך זאָל אים פאַרטרעטן, ווייל "ער האָט שוין קיין כוח נישט"...

איך נעם אָפּ דעם טעלעפאָן. עס רעדט דר. גאָטליבס פרוי.

— הארציקער בארענשטיין! איך בעט אייך, זאָגטס מיין שיען, ער זאָל אהיימקומען. דער מיטאָג ווערט דאָך קאַלט. איר ווייסט דאָך, אַז ער איז אַ קראַנקער מענטש.

אינמיטן דערינען לויפט־אַן דער שליח, אַ פאַרסאַפּעטער מיטן אַרטיקל. אויף גראַניטשנע איז געווען אַ שריפה, און די גאַס איז געווען אָפּגעשלאָסן סיי פאַר טראַמווייען, סיי פאַר פוס־גייער.

צוליב דער שפּעטער צייט האָט דר. גאָטליב גענומען אין איי־לעניש דורכקוקן דאָס אַרטיקל אין מיין צימער און נישט, ווי תמיד, אין שעף־רעדאַקטאָרס קאַבינעט.

דר. גאָטליב נעמט לייענען און הייבט זיך יעדע ווײַלע פון בענקל.

— איי, איי, איי...

— פּאַניע דאָקטאָזשע! וואָס'י געשען? — פרעג איך.

דר. גאָטליב שטייט אויף פון דער שטול ממש אַ צעשטראַל־טער פון שמחה און, האַלטנדיק פעסט די שמאָלע און לאַנגע בלעטלעך (ר' הלל פלעגט נישט האַלטן פון קיין שרייב־מאַשין), רופט ער זיך אָפּ צו מיר אויף זיין פינסקער יידיש:

— איר העכט? (הערט). איך באוואונדער דעם סטיל פון ר' הללן. ניט קיין נפקא־מינה, וואָס ער שרייבט און וועגן וואָס ער שרייבט. איך זאָג אייך, ניטאָ און ניט געווען צווישן אונדזערע שריי־בער אַזאַ סטיליסט.

דער גאַנצער כעס צוליב די טעלעפאָנען פון שטוב איז פון אים פאַרשוואונדן, און אַ צופרידענער איז ער, דער גרויסער און שווער־וואָגיקער דר. גאָטליב, דאָס מאָל אַליין אַראָפּ אין זעצעריי און באַפוילן דאָס אַרטיקל גלייך אויסצוזעצן.

דער רעדאַקציע־קאָמיטעט פלעגט געווײלט ווערן אויף אַ ספּעציעלער פאַרזאַמלונג פון דער גאַנצער קאָלעגיע דורך אַ געהיי־מער אָפּשטימונג, און זיין קאַדענץ האָט געדויערט אַ יאָר צייט. נאָכן דאָזיקן טערמין פלעגט מען ווידער רופן אַ פאַרזאַמלונג און קלייבן אַ נייעם קאָמיטעט. אין משך פון מיינע 18 יאָר מיטאַרבעט אין „מאָמענט" דערמאָן איך זיך נישט קיין איין פאַל, ווען דער זעלבער צוזאַמענשטעל

פון רעדאַקציע - קאָמיטעט זאָל געווײלט ווערן אויף נאָך אַ יאָר. תּמיד פלעגן זיין נישט צופרידענע, וועלכע האָבן געשאַפן אָפּאָזיציעס, און נישט איינמאָל האָט געטראָפן, אַז דער אָדער יענער שרײבער פלעגט קומען מיט טענות (נישט אַלעמאָל גערעכטע, פאַרשטייט זיך) צו רע־דאַקציע - קאָמיטעט און אפילו זידלען... מהאי טעמא האָבן מיר טאַקע ר׳ הלל נישט געקליבן.

ווי געזאָגט, איז דער רעדאַקציע - קאָמיטעט באַשטאַנען פון דריי פּערזאָן, און פלעגט פון זיך אויסטיילן איינעם אויף דער שווערער און שווארצער ארבעט פון קוואַליפיצירן און רעדאַגירן די אַרטיקלען. דעם דאָזיקן רעדאַקטאָר פלעגן מיר רופן: „דער קרבן״.

אין אָנהייב פון די דרײסיקער יאָרן איז ב. קאַרלינסקי ע״ה געווען דער „קרבן״. שפּעטער איז אַמאָל „דער קרבן״ געווען יוסף העפּטמאַן און אַמאָל — נח פּרילוצקי, אָדער גאָטליב און סטופּניצקי. מער מזל פון אַלעמען האָט געהאַט העפּטמאַן. אָט דער דאָזיקער גוטמו־טיקער מענטש האָט געוויזן ביי דער ארבעט אַ שטאַרקע האַנט און פון קיין שום שרײבער זיך נישט געלאָזט טעראָריזירן...

אויף די פּוילישע יידן האָבן זיך אָנגערוקט פינצטערע כמארעס. דאָ איז אַ פּױשיטיקער פּאָגראָם, און דאָ אַ ביטערע שחיטה - גזירה. עפּעס אַ נישט נאָרמאַלער קאַלושינער ייד כאַסקעלעוויטש, האָט אין אַ שטעטל הינטער וואַרשע, אין מינסק - מאַזאָוויעצק, דערשאָסן אַ פּוי־לישן וואַכמײסטער (פעלדפעבל) — ברעכט אויס אַ פּאָגראָם אין שטאָט, און אַלע יידן ליגן פיר טעג און פיר נעכט באַהאַלטן אין די קעלערס און אויף די בוידעמער. פון דער פּראָווינץ הייבט מען אָן צו אַלאַרמירן וועגן באַגיסן מיט נאַפט די סחורות פון די יידישע קליינהענדלער, וועלכע פאָרן אויף מערק. עפּעס אַ נייע פּאַרטײ איז אויפגעשטאַנען אויף דער פּוילישער גאַס, וועלכע האָט באַשלאָסן „ראַדיקאַל״ צו לייזן דאָס יידישע פּראָבלעם.

די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער פּאַרטײ הייבט מען שוין אָן פילן אויך אין דער הויפּט - שטאָט. אין דער רעדאַקציע פון „מאָ־מענט״, וועלכע ליגט אין הארץ פון יידישן וואַרשע, אויף די נאַ־לעווקעס, קומען יעדן טאָג צעשלאָגענע און צעבלוטיקטע יידן.

ר׳ הלל, דער זייער הייסער ייד און טעמפּעראַמענטפולער פּוב־ליציסט, שרײבט שאַרפע אַרטיקלען קעגן די מאַכט - אָרגאַנען. פון רע־גירונגס - קאָמיסאַריאַט מאַכט מען דערויף אויפמערקזאַם דעם שעף־רעדאַקטאָר צבי פּרילוצקי, וועלכער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער

צייטונג, און דער „מאָמענט" ווערט דורך דער מאַכט אָפּטמאָל קאָנ־פיסקירט.

העפּטמאַן פּאַרט קיין ארץ ־ ישראל. מיר, אַ גרופּע מיטאַרבע־טער מיט בנציון כילינאָוויטש בראש האַלטן, אַז דער „מאָמענט" מוז אויך ווייטער גאַנץ שאַרף רעאַגירן אויף די געשעענישן אין לאַנד, און מיר באַשליסן פאַרצושלאָגן ר' הללן, אַז ער זאָל אַריין אין רעדאַקציע־קאָמיטעט און שטיין אין דער שפּיץ.

ב. כילינאָוויטש און איך באַזוכן ר' הללן אויף שליסגע 60.

ר' הלל האָט זיך דעמאָלט געפילט זייער שוואַך: די צרות פון די פּוילישע יידן האָבן אים שרעקלעך צעבראָכן. ווען מיר דער־קלערן אים, דאָס מיר האַלטן, אַז זיין אויטאָריטעט איז אין איצטיקן שווערן מאָמענט באַזונדערס נייטיק, האָט ר' הלל מסכים געווען. ער האָט אָבער געשטעלט פאָלגנדיקע צוויי באַדינגונגען: 1) די רעדאַקציע מוז געשלאָסן ווערן פון ליכט ־ צינדן ביז נאָך הבדלה. (פאַקטיש איז דער „מאָמענט" אום שבת נישט דערשינען. נאָר אין די זומער־חדשים, ווען די טעג זיינען געווען זייער גרויס, האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע, אַז צוליבן זונטיק ־ נומער איז געמאַכט געוואָרן אַ שטאָך אין שבת אַריין). 2)מען זאָל אויפהערן דרוקן די טעגלעכע צייטונגס־ראָמאַנען.

איך דערמאָן זיך נישט, אַז ר' הלל זאָל ווען עס איז האָבן געווען אין יידישן טעאַטער.

בלויז איין מאָל, געדענק איך, איז ר' הלל געקומען מיט זיין פרוי אין יידישן טעאַטער. דאָס איז געווען אויף דער פּרעמיערע פון י. י. זינגערס „יאָשע קאַלב", וואָס מאָרים שוואַרץ האָט אויפגע־פירט אין וואַרשע.

צומאָרגנס האָט מען אין רעדאַקציע, ווי דער שטייגער איז, גערעדט וועגן דער פאָרשטעלונג. איך האָב געפרעגט ר' הללן, צי עס געפעלט אים די פאָרשטעלונג. ר' הלל האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

וואָס שייך צו זאָגן צי ס'געפעלט מיר יאָ, צי ס'געפעלט מיר נישט.

ר' הלל שמייכלט און זאָגט מיר, אַז ער באַוואונדערט ווי אַזוי קאָן שוואַרץ, וועלכער איז שוין נישט געווען אין פּוילן העכער דריי־סיק יאָר, אַזוי נאָכמאַכן אַ פּוילישן רבין...

מיין שוועסטער דבורה, אַ סטודענטקע פון קאָנסערוואַטאָריום (זיך געראַטעוועט אויף דער אַרישער זייט) האָט שוין דעם 4טן דע־צעמבער 1939, געטראָפן איר דירה פאַרשלאָסן, מיט אַן אויפשריפט אויף דייטש, אַז די וואוינונג און אַלץ, וואָס עס געפינט זיך דאָרט, איז קאָנפיסקירט דורך דער דייטשער מאַכט. דאָס אַלץ איז געקומען פאַר איר אינגאַנצן אומגעריכט, און זי האָט זיך דערפילט ווי אויפן וואַסער: וואוהין זאָל זי גיין? און וואו זאָל זי זיך אהינטאָן? ס'איז שוין באַלד זיבן אַזייגער אין אָוונט, די פּאָליציי ־ שעה, ווען אַ ייד טאָר זיך נישט ווייזן אויף דער גאַס. אין קיין שטוב קאָן מען נישט אַריינגיין. קיינער וועט נישט אַריינלאָזן. מענטשן האָבן מורא פאַרן איינענעם שאָטן. איז איר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אוועקצוגיין אויף שליסקע 60 צו הלל צייטלין. אין איין אָטעם האָט זי זיך געלאָזט אויף דער שליסקע גאַס. הלל צייטלין האָט זי נישט געקענט. זי האָט אים געזאָגט, אַז זי איז באָרנשטיינס שוועסטער, און ר' הלל האָט זי גלייך אַריינגענומען צו זיך אין שטוב אַריין.

ביי הלל צייטלין אין שטוב איז דעמאָלט געוועזן דער איידעם האָכערמאַן, דעם עלטסטן זונס, אהרנס, ווייב און קרובים פון דער פּראָווינץ. מענטשן האָבן געצאָלט גרויסע געלטער צו קאָנען קריגן אַ שטיקל צימער ביי יענעם אין דער יידישער געגנט. ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז ר' הלל האָט ביי מיין שוועסטער נישט בלויז נישט גע־נומען קיין איין פּרוטה, נאָר ס'איז איר אַפילו שווער אָנגעקומען צו קאָנען פועלן מ'זאָל זי לאָזן גיין אין דער פּאָלקס ־ קיך אויף לעשנאָ 2, צו ברענגען מיטיק פאַר ר' הללס שטוב.

ווי אַן אייגן קינד איז זי שוין געבליבן ביי זיי אין שטוב ביז דער ליקווידאַציע.

הרב ר' איטשע ־ מאיר לעווין

דאָס האָט געקענט זיין ביים סוף די צוואַנציקער, אָדער תחילת פון די דרייסיקער יאָרן, ווען דער נשיא פון אגודת ישראל אין פּוילן, הרב ר' יצחק מאיר לעווין האָט אונדז, זשורנאַליסטן, איינגעלאַדן אויף אַ באַזוך אין אַן אָרטאָדאָקסישער קאָלאָניע פון „הכשרת הישוב”; מיר האָבן די איינלאַדונג גערן אָנגענומען, ווייל דאָס איז געווען פאַר אונדז, אַ גאָר אָנגענעמע איבערראַשונג וואָרעם

אין יענער צייט האָבן די פּאָליטישע קעגנער פון „אגודת ישראל" אין זייער קאַמף קעגן איר, זי באַצייכנט אַלס אַ פּאַרטיי, וואָס איז בפירוש קעגן ארץ - ישראל.

די קאָלאָניע איז געלעגן זייער ווייט פון וואַרשע ביים יידישן שטעטל כאָזשעל, אויף דער סאַמע דייטשער גרענעץ.

ווען מיר זיינען גאַנץ פרי אָנגעקומען צום זאַמל - פּונקט פונ־וואַנען מיר האָבן געזאָלט אָפּפאָרן, האָבן מיר געטראָפן קרוב צו צוויי צענדליק זשורנאַליסטן דערונטער אויך די רעדאַקטאָרן פון יידיש־פּוילישן „נאַש פּשעגלאָנד" יאקוב אַפּענשלאַק און נאַטאַן שוועלבע.

פאַר די לעצטע איז באַזונדערס געווען אינטערעסאַנט צו זען ווי אַזוי רעליגיעזע יונגעלייט פון „צעירי אגודת ישראל" מיט איי־דעלע תורה - פּנימער פון דער ישיבה, ספּראַוועון זיך מיט דער האַר־טער ערד - אַרבעט.

ביים ספּעציעל - צוגעגרייטן אָמניבוס האָט אונדז אויפגע־נומען דער נשיא פון אגודת ישראל, ווי אויך דער גאון און קדוש וטהור ר' זושע פרידמאַן (דער מחבר פון די ספרים „כתבים נבחרים" און „דער תורה - קוואַל") ר' יהודה לייב אַרלעאַן הי"ד און אים צו לענ־גערע יאָר, הרב ר' בנימין זאב הענדעלעס, וועלכער געפינט זיך איצט אין ניו יאָרק.

הרב ר' יצחק מאיר לעווין האָט זיך אויף דעם ווייטן און לאַנגן וועג מיט אונדז כסדר אונטערגעהאַלטן און אונדז אויך דערציילט הריפּישע תורה - ווערטלעך און פריילעכע חסידישע מעשהלעך.

ווען מיר זיינען ווייט נאָך האַלבן טאָג, אָנגעקומען אויפן אָרט האָבן אונדז אויפגענומען עטלעכע צענדליק יונגע לייט, טייל מיט לאַנגע פּאות און טייל מיט קירצערע פּאות אָבער אַלע, מיט געזונטע און אָפּגעברענטע פּנימער פון דער פעלד - אַרבעט. מיר האָבן אויך געטראָפן אַ גרופּע מיט קאָסעס און לאָפּאַטעס, וועל־כע זיינען געקומען גלייך פון פעלד, ווען 4 בחורים האָבן פאַר אונדז גאַלאָפּירט אויף 4 הויכע פערד אַזוי ווי קאַוואַלעריסטן...

דער באַזוך אין דער חסידישער קאָלאָניע האָט געמאַכט אויף אונדז דעם בעסטן איינדרוק און עס איז איבעריק צוצוגעבן, אַז הרב לעווין, וועלכער איז געווען דער איניציאַטאָר פון דער דאָזיקער אידיי, איז שטאַרק צופרידן געווען.

אַ גאָר אחריותדיקע ראָל איז צוגעטיילט געוואָרן דעם נשיא פון אגודת ישראל אין פוילן מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען עס

האָבן אָנגעהויבן אָנקומען קײן פּוילן שמועות רעות, אַז אויף די ייִדן אין שכנותדיקן דײטשלאַנד, האָט געגומען האָגלען פּינצטערע גזרות.

פאַר די מנהיגים פון דער ייִדישער עדה אין פּוילן איז קלאָר געוואָרן אַז דאָס איז אַ גורלדיקער ענין צו וועלכן מ'טאָר בשום אופן נישט בלײבן גלײכגילטיק דעמאָלט — געדענק איך — איז הרב לעווין געווען פון די ראשי המדברים אויף דער גענעראַל - אסיפה אין װאַרשע צו וועלכער עס זײנען געקומען 500 פּרעזידענטן פון אַלע קהלות אין דער מדינה בײַ דער װײַסל, װען עס איז געפּאַסט געוואָרן דער היסטאָרישער באַשלוס צו פּראָקלאַמירן אַ חרם און אַ באָיקאָט אויף אַלע סחורות, וואָס קומען פון היטלער - לאַנד הרב לעווין איז אויך געווען פון די וואָס האָבן דורכגעזעצט דעם באַשלוס וועגן אַ פּראָטעסט־שטרײק ווען אַלע ייִדישע געשעפטן און פאַבריקן אין גאַנצן לאַנד זײַנען געשלאָסן געוואָרן אויף אַ טאָג.

לײדער האָט די גרויסע גויאישע וועלט צו אונדזער אַפּעל זיך נישט צוגעהערט, ווײַל עס איז קײן ספק נישט, אַז ווען זײ וואָלטן זיך צו דעם צוגעפּאַסט, וואָלט דער היטלער - רעזשים עקאָנאָמיש נישט אויסגעהאַלטן און געמוזט צוזאַמענברעכן.

אַ צווייטער גורלדיקער פּראָבלעם איז געווען ווען אין 1936 האָט זיך באַוויזן אין פּוילן דער גלח טשעטשאַק, אַ תלמיד פון באַרימטן שונא - ישראל (נאָך פון ביילים - פּראָצעס) דעם גלח פּראַנײטיס. אָט דער גלח טשעטשאַק האָט נעבעך נישט געקענט פאַרטראָגן וואָס די בהמה ווערט געקוילעט פון אַ חלף און אָנגעהויבן אין גאַנצן לאַנד אַן אַקציע צו פאַרווערן די ריטועלע שחיטה. ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז דערמיט וויל מען דערלאַנגען די ייִדן ניט בלויז אַ מאָראַלישן, נאָר אויך אַן עקאָנאָמישן קלאַפּ, ווײַל דער פלײש - מסחר איז געלעגן 90 פּראָצענט אין ייִדישע הענט און מען מוז דעריבער אָנווענדן די שאַרפסטע מיטלען קעגן דער שחיטה - גזירה. דעמאָלט איז ווידער הרב לעווין געווען פון די, וועלכע האָבן געהאַלטן אַז אחוץ די פּראָטעסטן דאַרף מען אויך אָננעמען אַ פּראַקטישן קאַמפּס - מיטל צו שלאָגן די שונאים איבער די קעשענעס און ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ באָיקאָט קעגן די פּוילישע קאַרפּן, וואָס איז געלעגן אויסשליסלעך אין גויאישע הענט.

ווײַהי, און ס'איז אָנגעקומען דער ביטערער סעפּטעמבער 1939, ווען היטלער איז אָנגעפאַלן אויף פּוילן; הרב לעווין, צוגעבונדן צו זײַן משפחה און ישוב איז תחילת אַרײַן אין די נעגל פון שונא. אָבער די השגחה האָט געוואָלט און אין 1940 האָט ער צוזאַמען מיט

זיין שוואָגער דעם גערער, רבין הרה״ג ר׳ אברהם מרדכי אלטער זצ״ל און אַ טייל פון דער משפחה זיך אַרויסבאַקומען פון גיהנום און בשלום אָנגעקומען קיין ארץ ישראל.

עס איז גאַנץ נאַטירלעך אַז אין ארץ ישראל האָט זיך פאַר דעם מנהיג פון תורה - יידנטום אָנגעהויבן אַ גרויס פעלד פון אַר־בעט און ער האָט אָרגאַניזירט אויפסניי דעם וועלט - עקזעקוטיוו פון דער אגודת ישראל. מיט דער גרינדונג פון דער יידישער מדינה איז הרב לעווין נאָמינירט געוואָרן אַלס מיניסטער פאַר סאָציאַלער שוץ און ביי זיין גרויסער פּאָפּולאַריטעט איז ער אויך יעדעס מאָל געוויילט גע־וואָרן אַלס דעפּוטאַט פון כנסת אין ירושלים.

מיט 15 יאָר צוריק האָט ער געגרינדעט די גרויסע העברע־אישע טאָג - צייטונג „המודיע״; גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין אָר־גאַניזירן דעם רעליגיעזן חנוך אין מדינת ישראל און די מועצת גדולי התורה׳

ווי אַזוי „דער מאָמענט״ האָט אויפגענומען ז. שניאורן

אין די יאָרן צווישן ערשטן און צווייטן וועלט - קריג האָט שניאור געוואוינט אין פּאַריז. אין משך פון דער צייט איז ער עטלעכע מאָל געקומען קיין וואַרשע דערונטער איינמאָל אויף דער איינלאַדונג פון „מאָמענט״. שניאורס קומען האָט ביי אונדז, די מיטאַרבעטער, אַרויסגערופן אַ גרויסע שמחה און די באַלעבאַטים האָבן אים איינגע־אָרדנט אַ גאַר רייכן באַנקעט, אין דעם שענסטן יידישן רעסטאָראַן „פּיקאַדילי״. ס׳איז אויך דעמאָלט גראַד דערשינען שניאורס „שקלאָווער יידן״ מיט דער באַרימטער עפּאָפּייע „לייבע האָרב״, וואָס האָבן זיך אָגב שוין געהאַט געדרוקט אין המשכים אין „מאָמענט״. אָבער די שמחה ביי די באַלעבאַטים איז געווען צוליב נאָך עפּעס:

ווען ה. ד. נאָמבערג, דער חריף און אָפענער־מוח איז געש־טאָרבן, האָט זיך „דער מאָמענט״, די גרויסע יידישע וועלט־צייטונג, אַ לייכטן טרייסל - געטאָן; מ׳האָט זיך אפילו געשושקעט, אַז אין דער קאַלאַפּאַרטאַזש - אָפּטיילונג האָבן אָנגעהויבן קומען בריוו פון די צייטונג - אַגענטן אויף דער פּראָווינץ צו פאַרקלענערן די צאָל פון

די פרייטיק - נומערן... אמת, ס'האָט זיך געהאַנדלט נאָר וועגן ווייניק שטעט אָבער פאַר אַ צייטונג איז דאָס נישט קיין גוטער סימן. האָבן די באַלעבאַטים תיכּף „געקלאַפּט טעלעגראַמעס" צו שניאורן קיין פּאַריז און ער האָט מסכּים - געווען צו ווערן אַ מיטאַרבעטער אין „מאָ־מענט". אַלץ איז געמאַכט געוואָרן אַזוי שנעל, אַז שניאור האָט נאָך באַוויזן צו שיקן אויך אַ ספּעציעלן אַרטיקל לכּבוד די שלושים פון נאָמ־בערגן. כ'געדענק נאָך ווי היינט אַז ב. קאַרלינסקי (דער רעדאַקטאָר פון דער ליטעראַרישער ביילאַגע), אַ שרייבער מיט אַ גאָר פיינעם ליטע־ראַרישן געשמאַק איז געווען אַזוי אַנטציקט פון שניאורס אַרטיקל וועגן נאָמבערגן, אַז ער האָט אים אונדז איבערגעלייענט נאָך איידער ער האָט אים געגעבן צו דרוקן. דאָס ווייזט וועגן דער גוטער שטימונג וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין רעדאַקציע, ווען מען האָט שניאורן אָנגעהויבן צו דרוקן אין „מאָמענט".

ס'איז איבעריק צוגעגעבן אַז מיט שניאורן האָט דער „מאָ־מענט" שטאַרק מצליח געווען.

געקומען איז שניאור דעמאָלט נישט אַליין נאָר מיט זיין פרוי סאַלאָמע, אַן עלעגאַנטע דאַמע, די טאָכטער פון איינעם פון די רייכס־טע און אָנגעזעענסטע סוחרים אויף נאַלעווקעס, דן לאַנדוי. אויפן באַנ־קעט לכּבוד שניאורן איז געקומען אַזאַ גרויסער עולם אַז מען האָט אין „פּיקאַדילי" געמוזט פאַרייניקן עטלעכע זאַלן.

דעמאָלט איז שניאור געבליבן עטלעכע וואָכן אין וואַרשע און איז כמעט יעדן טאָג געקומען אין רעדאַקציע אויף נאַלעפּקעס 38. אַ הויכער, אַ שלאַנקער ברונעט מיט אַ דין געשניצטער נאָז און שוואַרצע אויגן איז ער אויך געווען זייער עלעגאַנט געקליידעט. אַלץ איז געווען אויפן פּונקט. אַפילו דאָס פּירקאַנטיקע פראַנצויזישע בערדל איז געווען אַזוי ווי צוגעפיילט. עס האָט אים בלויז געפעלט אַ צילינדער - הוט מיט ווייסע הענטשקעס.

תמיד ווען ער פלעגט קומען אין רעדאַקציע איז אין קאַבינעט פון שעף - רעדאַקטאָר פּרילוצקי געוואָרן טומלדיק; שייע דער דינער האָט לאַנג געוואַשן די גלעזער ביים דערלאַנגען פרישע און שמעקעדי־קע טיי. באַזונדערס האָט זיך געפרייט איינער פון די באַלעבאַטים, ה' חיים פּרוזשאַנסקי, וועלכער האָט געהאַלטן אַז שניאורס קומען אין „מאָמענט" - אַריין איז אויסשליסלעך זיין פאַרדינסט. אַזוי האָט זיך געטומלט עטלעכע וואָכן אויף נאַלעווקעס 38 און אויף נאָך אַן אָרט אויף... טלאָמאַצקע 13. דאָרט, אין שרייבער - פאַראיין זענען די נישט - פאַרגינערס און דווקא די גרויסע שרייבער געווען אש להבה

הלמאי דער „מאָמענט" מאַכט אַזאַ טאַראַראַם מיט שניאורן. אַזאַ ליטעראַרישער קאַנאָן ווי איטשע מאיר ווייסענבערג האָט צו מיר איינ־מאָל א מאך ־ געטאָן מיט כעס:

— „ווי לאַנג וועט עטץ ענק זיך אַזוי צאַצקען מיטן שקלאָ־ווער ליטוואַק"?

א צווייטער האָט דווקא געוואָלט וויסן וויפיל דער „מאָמענט" צאָלט שניאורן פאַר „זיינע זאַכן".

אין א ווינקל זיצן אַנדערע שרייבער וועלכע האָבן ליב א רכי־לות און איינער פרעגט מיך:

— „ווען פאָרט ער שוין אַוועק דער אַגענט פון זינגערס ניי־מאַשינען"!

דאָס האָט מיך שוין פאַרדראָסן; איך האָב גענומען אויספאָרשן פון וועמען ס'שטאַמט דער דאָזיקער „מעטאַפאָר", און בין דערגאַנגען אַז דער „מחבר" זאָל האָבן געווען דער שרייבער, ס.

און טאַקע דערפאַר ווייל וואָס גרעסער דער שרייבער אַלץ גרעסער די שנאה צו אים מצד אַנדערע שרייבער. „קנאת סופרים תרבה שנאה"...

אויף טלאָמאַצקע 13 האָט מען געהאַלטן אַז א שרייבער מוז זיין א „פת במלח תאכל" שניאור אָבער איז געווען רייך און האָט געוואוינט אין א פּרעכטיקער ווילע, האָט מען אים טאַקעפיינט געהאַט.

נאָמבערג ציטערט פאַר מאָטקע גנב

ווען מען איז אין ליטעראַטן ־ פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13 געוואויר געוואָרן אַז זיגמונד טורקאָוו גרייט זיך אויפצופירן צום ערשטן מאָל אויף דער בינע „מאָטקע גנב", האָט זיך דאָרט געטון „אויף טיש און אויף בענק": נאָמבערג, געדענק איך אַזוי ווי היינט — האָט זיך אַנאויפגערעגטער אַרומגעדרייט מיט ווייסבערגן איבערן גרויסן זאַל פון ליטעראַטן ־ פאַראיין און געשריגן: „נו, נו, כ'בין ענק נישט מקנא, הייבטס אָן מיט אשן"!

דאָס האָט ער אַזוי געוואָרנט סעגאַלאָוויטשן מיט קאַרליניוסן, וועלכע זיינען געזעסן ביי א טישל און קאָנפערירט מיט טורקאָוון און לאַנדוין וועגן דער קאָנצעפציע פון דער אויפפירונג.

נאָמבערג האָט געוואוסט, אַז ער וועט מיט זיינע דראַאונגען גאָר ניט פּועלן, ווייל די פּראָבעס האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן און די אַקטיאָרן האָבן געהאַט שטאַרק חשק צו „מאָטקע גנב". אַלס פּאָרזיצער פון ליטעראַטן ־ פאַראיין האָט ער אָבער מורא ־ געהאַט, אַז טאָמער וועט די אויפפירונג חלילה נישט געלונגען, וועט אַש זיין „להשמיד ולהרוג"... ער האָט דעריבער פאַרלאַנגט פון זיי 2 זאַכן. ערשטנס, זאָל מען מודיע זיין אַשן קיין ניו יאָרק, אַז מען גייט אויפפירן זיין „מאָטקע גנב" און צווייטנס, זאָל אַלע ראָלן, פון די גרעסטע ביז די קלענסטע אויסגעפירט ווערן דורך די בעסטע שוישפּילער.

דאָס האָט נאָמבערג אויסגעפירט און אויב דער זכרון נאַרט מיך ניט האָט אַזאַ עפּיזאָדן ־ ראָל ווי די „רויטע ליטוואַטשקע" געשפּילט נישט קיין אַנדערע ווי אסתר רחל קאַמינסקי ע"ה.

די נעמען פון די אויספירער פון די איבעריקע ראָלן געדענק איך זייער גוט און דאָס זענען געווען באמת די בעסטע שוישפּילער וואָס דאָס אַמאָליקע גרויסע יידישע פּוילן האָט פאַרמאָגט:

„מאָטקע" האָט געשפּילט אייזיק סאַמבערג ע"ה, וועלכער איז געווען אַ יחיד בדורו. דעם „פּריץ" האָט געשפּילט אַזאַ אַקטיאָר ווי זיגמונד טורקאָוו. דעם „קאַטאַרינאַזש" האָט געשפּילט לאַנדוי. „מלך באַווארניק" האָט געשפּילט פּאָליפּאַדע אין די ראָל פון „מערי" האָט געשפּילט מיט אַן איבעראַשנדיקן דערפאָלג קלאַרא סעגאַלאָוויטש ע"ה.

די פּרעמיערע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתן טעאַטער ־ יום ־ טוב און ווען שלום אַש איז אין אַ יאָר שפּעטער ספּעציעל אַראָפּגעקומען קיין וואַרשע איז געפייערט געוואָרן דער יובל פון דער 200סטער פאָרשטעלונג. אָבער אַ שטיק צייט נאָך דעם איז נאָך די פּיעסע נישט אַראָפּגענומען געוואָרן פון רעפּערטואַר און האָט דערגרייכט אַ רעקאָרד פון 400 פאָרשטעלונגען.

ווי האָט אויסגעזען דער ספּעקטאַקל „מאָטקע גנב" אין סאַן פּאַולאָ?

כ'בין זיך מודה אַז כ'בין געגאַנגען אין טעאַטער „קולטורא אַרטיסטיקאַ" מיט אַ שטיקל טרעמע ווייל אויף וויפל כ'האָב געהערט איז אפילו נישט געווען קיין צייט אויף צו מאַכן פּראָבע. ווי כ'האָב מיך אָבער שנעל איבערצייגט זענען אונדזערע אַקטיאָרן באַהערשט פון אַ געוואַלדיקער אַמביציע צו שפּילן גוט און די פאָרשטעלונג איז — מיט קליינע אויסנאַמען — אַראָפּ גאַנץ באַפרידיקנד.

אהרון אַלעקסאַנדראָווו האָט געגעבן אַ גאַנץ לעבעדיקן „מאַטקע”. בלויז אין דריטן אַקט ביי זיין באַגעגעניש מיט דער מאַמע האָט ער אַביסל איבערגעטריבן.

דינה האַלפּערין (מערי) האָט ווידער אַמאָל באַשטעטיקט, אַז זי איז אַ שוישפּילערין פון אַ גאָר הויכער קלאַס. זי האָט געשפּילט מיט אַ געוואַלדיקן טעמפּעראַמענט (אין 2טן אַקט) און איז געווען זייער צאַרט אין 3טן אַקט, ווען זי ווערט געוואויר, אַז מאַטקע פאַרלאָזט זי.

אסתר פּערלמאַן האָט זיך זייער גוט געפילט אין דער ראָל פון מאַטקעס מאַמע. באַזונדערס איז זי געווען גוט אין ערשטן אַקט.

ישכר האַנטפּוס איז אָן שום ספק אַ גוטער קאָמיקער. דאָס בלויזע באַווייזן זיך פון אים אויף דער בינע רופט שוין אַרויס גרויס הייטערקייט אין זאַל. ער האָט אָבער אין דער ראָל פון „מלך באַוואַרניק” אַ ביסל שאַרזשירט און צופיל אַרומגעטאַנצט אויף דער בינע, וואָס איז לחלוטין ניט געווען נייטיק.

מיכאַלאָוויטש איז געווען גאַנץ אויסגעהאַלטן אין דער ראָל פון „קאַטאַריניאַזש”.

אַ זייער אָנגענעמע איבעראַשונג איז געווען בעלאַ אייזן די ראָל פון דעם נאַאיוון מיידל חנהלע איז געווען פאַר איר אַזוי ווי געמאָסטן און אין דעם מאָמענט ווען זי ווערט דערשראָקן פון מאַטקעס פּלוצלינגדיקער ליבעס - דערקלערונג איז זי געווען רירנד ביז גאָר. זייער נאַטירלעך און איבערצייגנדיק האָבן געקלונגען אירע ווערטער, וואָס זי האָט אים געענטפערט אויף דעם טיפּישן וואַרשעווער יידיש:

— „אוי ווייי איז מיאַ! יאַך געפעל איהן? פאַרוואָס עפּעס פּונקט יאַך? ס'זענען דאָך דאָ נאָך מיידלעך!”

מיטגעהאָלפן צום אַלגעמיינעם דערפאָלג פון דער פאָרשטעלונג האָבן אויך די שוישפּילער: צילי טעקס (באַשקע) ציפּקוס (הינדל), ראָזאַ (שפּרינצע), גאָלדבערג (שלומקע) סאַוער (קאַנאַרעק) און בילאַרד (פּאָליציאַנט).

נישטאָ מער די לעבעדיקע יידישע שטאָט קוטנא פונוואַנען אש האָט אַרויסגענומען אַזוי פיל שטאָף פאַר זיינע ווערק. די נאַציסטיש - רוצחישע האַנט איז דאָרט געווען אַזוי אכזריותדיק אַז איך האָב אין קוטנא קיין איין יידן נישט געטראָפן. עס לעבן בלויז די קוטנער טיפּן, וועלכע דער גרויסער קינסטלער שלום אש האָט אַזוי מייסטעריש פאַראייביקט אין זיינע ווערק. און דערפאַר וועט „מאַטקע

גנב" תמיד זיין אַ געשעעניש אויף דער יידישער בינע.

אויך דאָס טעאַטער אין סאַן פּאַולאָ איז געווען פול באַזעצט און דער עולם האָט ווארים אַפּלאָדירט די שוישפּילער.

דר. יצחק שיפּער

אַ בשותפותדיקן בריוו האָב איך באַקומען פון ריאָ. דאָס האָבן מפּא"יניקעס און לינקע פּועלי - ציון זיך געשפּאַרט צו וועלכער פּאַרטיי ס'האָט געהערט דער גרויסער יידישער געלערנטער און היסטאָריקער דר. יצחק שיפּער ע"ה.

זיי שרייבן:

„היות ווי מיר זיינען איבערצייגט, אַז איר האָט אים געקענט פּערזענלעך, בעטן מיר אייך איר זאָלט דעם ענין קלאָר מאַכן".

אַלזאָ דר. שיפּער איז אַ לענגערע צייט, באַזונדערס אין די יאָרן בעת און נאָכן ערשטן וועלט - קריג געווען טעטיק אין דער פּאַרטיי פון די לינקע פּועלי - ציון. מיר האָבן אים נישט איינמאָל געהערט אַרויסטרעטן אויף פּאָליטישע מיטינגען צוזאַמען מיט די פירער פון די לינקע פּועלי - ציון: ישראל רייכמאַן ע"ה, זרובבל א. א. אינמיטן פון די צוואַנציקער יאָרן איז אַנטשטאַנען אַן ענגע דערנענטערונג צווישן דר. שיפּער און אים צו לענגערע יאָר יצחק גרינבוים, וועלכער איז ווי באַקאַנט געווען אין פּוילן דער פירער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן (ראַדיקאַלע גרופּע על המשמר)· ער איז צוזאַמען אַרויסגעטראָטן מיט גרינבוימען בעת פּאַרשידענע אַקציעס סיי אַלגעמיין פּאָליטישע און סיי ציוניסטישע. ער איז עטלעכע מאָל געווײלט געוואָרן אַלס דעפּוטאַט צום פּוילישן סיים און טאַקע פון גרינבוימס ליסטע.

דר. שיפּער האָט זיך אַזוי אַרום דערווייטערט פון דער ענגפּאַרטייאישער אַרבעט אין די לינקע פּועלי - ציון. אין זיין וועלטאַנשויאונג איז דר. שיפּער געווען און געבליבן אַ סאָציאַליסט מיט אַ שטיקל אָפּנויג אויף רעכטס. אָבער אַז ער זאָל האָבן אַריינגעטראָטן אין דער פּאַרטיי פון די רעכטע פּועלי - ציון איז אונדז נישט באַקאַנט. פאַרשטייט זיך אַז פאַר אַלעם איז ער געווען אַ ציוניסט.

צום אָפּרוקן זיך פון ענג - פּאַרטייאישער פּאָליטישער טעטי-

קייט האָט אויך געווירקט זיין שוואַכער געזונט — צושטאַנד און דאָס ווידמען זיך זיין וויסנשאַפטלעך — היסטאָרישער אַרבעט.

דער גרויסער יידישער געלערנטער האָט טראַגיש פאַרענדיקט זיין לעבן אין האַרבסט 1943 אַלס קדוש אין מיידאַנעק.

יעזשי באָריישאַ

אין קרינסקיס גימנאַזיע אין וואַרשע איז אַמאָל גערופן געוואָרן אַ דרינגענדיקע זיצונג פון פּעדאַגאָגישן ראַט. אויפן סדר־היום איז געשטאַנען איין פּונקט: וואָס טוט מען מיט אַ שילער, וועלכער אָרגאַניזירט שטרייקן אין דער שול און רופט די תלמידים נישט צו פאָלגן די לערער, די רעאַקציאָנערן און שונאים פון אַרבעטער - קלאַס.

דער שילער, דער רעוואָלוציאָנער און בונטאַוואַטשיק וועלכער איז דעמאָלט קוים 13 יאָר אַלט געווען, איז געווען בנימין גאָלדבערג, דער עלטסטער זון פון רעדאַקטאָר פון „היינט", אברהם גאָלדבערג ז"ל.

דער דאָזיקער פאַקט האָט אַביסל קאָמפּליצירט דעם ענין פאַרן פּעדאַגאָגישן ראַט און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מען זאָל אויף אַ דיסקרעטן אופן מודיע זיין די עלטערן וועגן די התנהגות פון זייער זון, מיט דער עצה, אַז זיי זאָלן אים בעסער אַוועקגעבן אין אַ פּוילישער שול.

בנימין גאָלדבערג איז געווען אַ יינגל מיט נישט דורכשניטלעכע פעאיקייטן. ער האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ און אַ גוטע פעדער. ער איז געווען אַ בקי אין מיצקעוויטשן און אין מאַרקסן. ווען ס'איז געקומען די אָקטאָבער רעוואָלוציע האָט ער זיך מיט זיינע אַלע רמ"ח אברים איבערגעגעבן דעם קאָמוניזם׳ מען דאַרף וויסן, אַז אין פאַרמלחמהדיקן האַלב - פאַשיסטישן פּוילן, האָט אַ קאָמוניסט און בפרט נאָך אַ יידישער קאָמוניסט, נישט געהאַט קיין לייכט לעבן, אָבער ער האָט זיך פאַר קיין שום זאַך נישט אָפּגעשראָקן. ער האָט מיטגעאַרבעט און אַליין אַרויסגעגעבן פאַרשידענע אומלעגאַלע פעריאָדישע אויסגאַבן סיי אויף יידיש און סיי אויף פּויליש. אין אַ ריי עסייען וועגן „די אויפגאַבן פון דער מאָדערנער פּוילישער ליטעראַטור" האָט יעזשי באָריישאַ שוין גאַנץ דייטלעך געוויזן זיין שרייבערישן טאַלאַנט. אָבער נישט איינמאָל פלעגט ער פלוצלינג פאַרשוואונדן ווערן פון שטוב, און דער טאַטע, דער רעדאַקטאָר, פלעגט אַלאַרמירן די צייטונגס - רעפּאָרטערן צי זיי וויסן נישט אַמאָל וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זיין זון.

איינמאָל, דאָס איז געווען אינמיטן פון די צוואָנציקער יאָרן, האָט מיך דער שעף ־ רעדאַקטאָר פון „היינט" פאַרבעטן אַרויסצוקו־ מען צו אים אויף אַ שבת אויף זיין זומער ־ וואוינונג אין מיכאַלין (הינטער וואַרשע).

— איך האָב מיט אייך — האָט ער געזאָגט — עפּעס וויכ־ טיקעס צו שמועסן.

לאַנג האָבן מיר שפּאַצירט אין וואַלד און אַברהם גאָלדבערג האָט מיר דערציילט, וואָס ער האָט אַלץ אויסצושטיין פון זיין געראָ־ טענעם זון, וועלכער איז לײדער אַראָפּ אויף אַ שלעכטן וועג...

היות ווי איך בין דעמאָלט געווען אַ טוער אין „מכבי", האָט ער אַ פּלאַן, אַז איך זאָל באַריישאַן אַריינציען אין די ספּאָרט־קרייזן און אפשר וועט מען אים אַזוי אַרום „אָוועקנאַרן" פון קאָמוניזם. גראַד האָט אויך דער דעמאָלטיקער וועלט ־ באַרימטער ווינער „הכוח" גע־ זאָלט קומען קיין וואַרשע און ס'איז געווען אַ גוטע געלעגנהייט דערצו.

אין וואַלד האָבן מיר אויסגעאַרבעט אַ „סטראַטעגישן" פּלאַן, אַז ווען מיר וועלן אַלע זיצן פּרייטיק צו נאַכטס ביי דער סעודה, זאָל מען אָנהייבן שמועסן וועגן ספּאָרט און טאָקע וועגן ווינער „הכוח" און איך זאָל געבן באַריישאַן אַ פּרעסע ־ בילעט אויפן מעטש. ס'איז שוין צוגעפּאַלן די נאַכט און באַריישאַ, וועלכער פּלעגט תמיד קומען צום טאַטן אין מיכאַלינער וואַלד, איז דאָס מאָל נישט געקומען. ער איז אויך נישט געקומען צומאָרגנס און אין שטוב איז געווען אַן אמתער תשעה באב. ערשט אין עטלעכע טעג אַרום איז מען געוואויער געוואָרן, אַז מען האָט אים אַרעסטירט.

קיין יידישע קאָמוניסטישע ציישונג איז אין וואַרשע נישט גע־ ווען. בלויז אינמיטן פון די דרייסיקער יאָרן האָט אַלטער קאַציזנע אַרויסגעגעבן דעם קאָמוניסטישן „פריינד", וועלכער האָט אָבער נישט מאריך ימים געווען.

צווישן די זשורנאַליסטן, מיטגלידער פון טלאָמאַצקע 13, איז די קאָמוניסטישע גרופּע געווען זייער שוואַך פאַרטרעטן. דאַקעגן האָבן די קאָמוניסטן געהאַט אַ שטאַרקע אָרגאַניזירטע גרופּע צווישן די יונגע דיכטער און שרייבער, זייער ליטעראַרישער פּאַטראָן איז געווען קאַ־ ציזנע און זייער פּאָליטישער פּאַטראָן — באַריישאַ׳ תמיד, ערב דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אין ליטעראַטן ־ פאַראיין פּלעגט ער שוין קו־ מען אויף טלאָמאַצקע 13 מיט די געהעריקע רעזאָלוציעס און אינס־ טרוקציעס פאַר דער קאָמוניסטישער גרופּע ווי אַזוי צו „דראָבערן"

טלאָמאַצקע 13. אמת, אַז קיין מערהייט האָבן די קאָמוניסטן קיינ־מאָל נישט געהאַט אונזייערע רעזאָלוציעס פלעגן אָפּגעוואָרפן ווערן, אָבער אַ שטורעם האָבן די קאָמוניסטן מיט יעזשי באַריישאַ בראש, תמיד געמאַכט.

כ'געדענק ווי איינמאָל האָט באַריישאַ טאָרפּעדירט די אַלגע־מיינע פאַרזאַמלונג ביז שפּעט ביינאַכט צוליב זיינס אַ רעזאָלוציע קעגן יאַפּאַן, וואָס איז אַנגעפאַלן אויף כינע. אין דער דיסקוסיע האָט אויך גענומען אַ וואָרט זיין פאָטער אברהם גאָלדבערג, אַז ער פאַרשטייט נישט פאַרוואָס מוז עפּעס דווקא טלאָמאַצקע 13 ראַטעווען כינע, צי עקזיס־טירן נישט פאַרן יידישן ליטעראַטן ־ פאַראיין קיין יידישע פּראָבלעמען?

קעגן דער דאָזיקער „רעאַקציאָנערער" רעדע איז שאַרף אַרויס־געטרעטן באַריישאַ און געענטפערט: „איך בין נישט מסכים מיט די אויספירונגען פון הערר אברהם גאָלדבערג".

דער דאָזיקער ווערטער ־ דועל — צווישן טאַטן און זון — האָבן אַרויסגערופן גרויס הייטערקייט אין זאַל אָבער דער פלאַם פיי־ערדיקער קאָמוניסט האָט זיך דערמיט אַבסאָלוט נישט איבערגענומען; פאַר אים האָבן שוין דעמאָלט נישט עקזיסטירט קיין יידישע פּראָב־לעמען.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז צוליב „יאַפּאַן און כינע" האָט די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג זיך געשלעפּט עטלעכע אָוונטן, אָבער די בירגערלעכע שרייבער און זשורנאַליסטן מיט הלל צייטלין, סטופּ־ניצקי, דר. גאָטליב און העפטמאַן האָבן זיך גענומען אָרגאַניזירן קעגן „יאַפּאַן און כינע", אָבער קעגן באַריישאַ האָט אויך דאָס נישט גע־האָלפן.

פאַר דער קומענדיקער פאַזאַמלונג האָט באַריישאַ צוגעגרייט שוין נישט „יאַפּאַן און כינע", נאָר אַ נייע „סדרה", וואָס האָט גע־הייסן „אַביסיניע". ווייל באַריישאַ האָט געהאַלטן, אַז דאָס וואָס דער פעלקער ־ בונד קען נישט איינהאַלטן מוסאָלינים מאַרש אויף אַביסיניע דאָס איז נישט וויכטיק, אָבער טלאָמאַצקע 13 דאַרף דאָ יאָ טאָן...

אין נייעם „פאָלקס ־ דעמאָקראַטישן" פּוילן איז יעזשי באַ־ריישאַ געווען אַ צענטראַלע פיגור, כאָטש ער האָט נישט פאַרנומען נישט קיין מיניסטער ־ פּאָסטן און אויך נישט קיין דיפּלאָמאַטישן אמט.

די מלחמה ־ יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין סאָוויעטרוסלאַנד און געאַרבעט צוזאַמען מיט וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ אין דעם פּוילישן

זשורנאל „נאווע האריזאנטי" און נאך דעם קאנפליקט צווישן סאוו־יעט ־ רוסלאנד מיט שיקארסקים רעגירונג אין לאנדאן איז באריישא געשטאנען בראש פון דער גרויסער פוילישער צייטונג אין מאסקווע „וואלנא פאלסקא". ארום דער דאזיקער צייטונג האט מען שוין אין מאסקווע באצייטנס צוגעגרייט די נייע קאדרן פון יונגע אינטעלעק־טואלן, וואס וועלן דארפן זיין טעטיק אין נאך מלחמהדיקן פוילן.

יעזשי באריישא האט זיך ארויסגעוויזן נישט בלויז אלס פע־איקער שרייבער און פובליציסט, נאר אויך אלס גוטער ארגאניזאטאר. שוין אין 1945 האט ער געגרינדעט אין קראקע דעם ליטעראריש ־ גע־זעלשאפטלעכן זשורנאל „פזשעקרוי", וועלכער האט שנעל דערגרייכט דעם טיראזש פון איבער 100 טויזנט עקזעמפלארן. ער איז אויך געווען דער גרינדער פון ליטעראריש ־ פאליטישן זשורנאל „אדראדזעניע". ארום וועלכן ס'האבן זיך גרופירט די בעסטע דיכטער און שרייבער פון פוילן׳ ער איז אויך געווארן דער פארזיצער פון גרעסטן מלוכהשן פאר־לאג „טשיטעלניק"; ער איז אזוי ארום געווען דער פאקטישער שעף פון גאנצן פארלאגס ־ וועזן אין פוילן. און דער וואס איז אביסל בא־קאנט מיטן קאמוניסטישן רעזשים, דער ווייסט, אז דאס איז אפשר דער פאראנטווארטלעכסטער אמט אין א קאמוניסטישער מדינה.

אין 1947 האט ער באקומען גאר א וויכטיקע מיסיע, וואס איז באשטאנען אין געווינען די אמעריקאנער פרעסע פאר דעם נייעם פוילן. יעזשי באריישא איז געפארן קיין אמעריקע און ס'איז אים געלונגען צו ברענגען קייןווארשע „אינקאגניטא" דעם בארימטן פובליציסט וואל־טער ליפמאן, וועלכער איז געווען זיין גאסט.

אין משך פון דער צייט האט באריישא געשריבן א סך ליטע־ראַ־ישע און אויך פאלעמישע ארטיקלען. צווישן אנדערע האט ער גע־פירט א שארפע פאלעמיק מיט מיקאלייטשיק'ן.

אין יאר 1948 איז באריישא געווען דער איניציאטאר און אר־גאניזאטאר פון בארימטן אינטערנאציאנאלן קאנגרעס פון אינטעלעק־טואלן אין ווראצלאוו; ער איז אזוי ארום געווען דער שעפער פון די באקאנטע קאמוניסטישע „שלום ־ קאנגרעסן" ער איז אויך געשטאנען בראש פון ליטעראטן ־ פאראיין, אבער נאר פון פוילישן און נישט פון יידישן. אינטערעסאנט, אז איך האב אים קיין איין מאל נישט געזען נישט אין יידישן ליטעראטן ־ פאראיין און אפילו נישט אין יידישן צענטראל ־ קאמיטעט. ס'איז מיר אויך נישט באקאנט דער פאל אז באריישא זאל אמאל קומען אין יידישן ־ היסטארישן אינסטי־טוט, כאטש יוליאן טובים פלעגט דארט קומען גאנץ אפט. דאס אויס־

מיידן פון באַריישאַן די יידישע גאַס איז נישט דערפאַר, וואָס ער האָט דערמיט געוואָלט אָנגיין פאַר אַ כשרן גוי, נאָר פּשוט, ווייל קיין יידישע פּראָבלעמען האָבן פאַר אים נישט עקזיסטירט.

מיר זענען אַמאָל אין סעפּטעמבער 1946 צוזאַמען מיט אברהם סוצקעווער, חיים גראַדע, ש. קאַטשערגינסקי און עטלעכע יידישע שרייבער פון ניו יאָרק געווען איינגעלאַדן צו דער דערעפענונג פון מוזיי אין מיידאַנעק;

לכבוד דעם אָנדענק פון די פאַרפייניקטע קרבנות אין די דאָרטיקע גאַז - אויוונס, האָט די פּוילישע רעגירונג אויפגעשטעלט פּאַווי־ליאָנען לויט דער צאָל פעלקער, וואָס זענען דאָרט פאַרפייניקט געוואָרן. פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז אויך געווען אַ יידישער פּאַוויליאָן מיט דער ווייס - בלויער פאָן.

ס'איז געווען באַלד נאָכן קעלצער פּאָגראָם, און אין די וועלדער פון לובלינער געגנט האָבן נאָך גאַנץ שטאַרק גראַסירט באַוואָפנטע פאַ־שיסטישע באַנדעס.

צוזאַמען מיט פאַרשטייער פון דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס האָבן מיר אַלע פאַרנומען איין גרויסן וואַגאָן אין דער סאַמע מיט פון צוג און פון פאָרנט און פון הינטן זענען געפאָרן זעלנער מיט פּאָליעמיאָטן כדי אונדז צו היטן. אויך באַריישאַ איז געפאָרן אין דעם זעלבן וואַגאָן, אָבער אין אונדזער „יידישן" קופּע איז ער נישט אַריינגעקומען. ווען מיר האָבן אים צומאַרגנס געזען בשעת דער טרויער - צערעמאָניע אין מיידאַנעק האָט ער זיך אויך געהאַלטן פונדערווייטנס, פון דער איינצי־קער יידישער גרופּע פון 12 פּערזאָן, וועלכע איז געווען פאַרזאַמלט צווישן 30 טויזנט פּאָליאַקן. אפילו אויף די געטאָ - פייערלעכקייטן איז ער נישט געקומען!

בלויז אויף איין אָרט איז ער געקומען יעדן זונטיק: דאָס איז געווען אויפן גענשער בית - עלמין. באַריישאַ פלעגט פאַרפאָרן מיט זיין אויטאָ, צוגיין צו דער „ליטעראַרישער אַלעע" און אוועקלייגן לעבעדיקע בלומען אויפן קבר פון זיין פאָטער אברהם גאָלדבערג.

איצט איז אויך יעזשי באַריישאַ אוועק אויפן בית - עלמין, אָבער נישט אויפן בית - עלמין פון זיין טאַטן. אים האָט מען מיט מלוכהשן און מיליטערישן פּאַראַד אוועקגעפירט אויף אַ בית - עלמין — אַ קאָמוניסטישן...

יעזשי באַריישאַ האָט אַזוי אַרום אויך נאָכן טויט, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אַקטיוון סטאַליניסטישן מאַרקסיסט, זיך אָפּגעטיילט פון זיין

פּאָלק, וואָס האָט זיך, ווי באַקאַנט... „פּאַרקויפט צום אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם".

אָפּאַטאָשו אין פּוילן...

דאָס איז געווען מיט 40 יאָר צוריק. איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ יונגער רעפּאָרטער אין גרויסן וואַרשעווער „מאָמענט", וועלכער האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן דרוקן טעגלעך אין המשכים אָפּאַטאָשוס היסטאָרישן ראָמאַן „אין די פּוילישע וועלדער". דער שעף - רעדאַקטאָר צבי פּרילוצקי איז געווען צופרידן מיטן ליטעראַרישן סוקצעס פון אָפּאַטאָשוס ראָמאַן. אָבער נאָכמער צופרידן זיינען געווען די אַרויסגעבער, די בעלי־הבתים: פון די צייטונגס - אַגענטן פון דער גרויסער פּראָווינץ האָבן אָנגעהויבן קומען בריוו אין רעדאַקציע: „שיקט מער בלעטער", „ביי אונדז האָבן אויסגעפּעלט „מאָמענטן"..."

חיים פּרושאַנסקי ע"ה, איינער פון די בעלי - בתים אין „מאָמענט", וועלכער האָט אָנגעפירט מיטן רעסאָרט פון פאַרשפּרייטן די צייטונג, האָט פּשוט געשטראַלט פון שמחה. און כאָטש די טבע פון יעדן באַלעבאָס איז צו פאַרהוילן פאַרן פּערסאָנאַל, אַז די אונטערנעמונג גייט גוט (כדי די אָנגעשטעלטע זאָלן חלילה נישט פאָדערן קיין הוספה...) האָט פּרושאַנסקי פונדעסטוועגן גאַנץ אָפן געזאָגט, אַז דער „מאָמענט" מאַכט ב"ה גוטע געשעפטן.

און דאָ איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון ניו יאָרק, אַז אָפּאַטאָשו קומט קיין וואַרשע. דער „מאָמענט" האָט פאַרשטייט זיך וועגן דעם מודיע - געווען און באַלד האָבן זיך גענומען שיטן בריוו פון פּאַרטייען און קולטור - אינסטיטוציעס פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן מיט בקשות, אַז אָפּאַטאָשו זאָל צו זיי אַראָפּקומען אויף רעפעראַטן.

אָפּאַטאָשו אַליין איז שטאַרק צופרידן געווען דערפון און אויסגעדריקט זיין גרייטקייט צו פאָרן איבער די אַלע שטעט כדי זיך צו טרעפן מיט די פּוילישע יידן פון וועלכע ער איז שוין שיינע עטלעכע יאָר געווען אָפּגעריסן.

נו, ס'רעדט זיך אַזוי לייכט מאַכן אַ טור איבער פּוילן: מ'דאַרף דאָך דינגען זאַלן, דרוקן אַפישן, פאַרקויפן בילעטן... און ווער וועט דאָס מאַכן, אַז קיין שום אימפּרעסאַריאָ האָט דאָס נישט געוואָלט אונ־

טערנעמען. און וואָס פאַר אַ פּרייזן אויף בילעטן קען מען אימשטיינס געזאָגט מאַכן? — האָבן זיי געטענהט. יאָ, אַ שאַליאַפּין אָדער להבדיל אַ גרשון סיראָטע, דאָס איז אַ ענין, אָבער אַ שרייבער? בקיצור, ס'לוינט זיי נישט דער עסק ווייל זיי קענען דערלייגן דעם קאָפּ...

אין יענער צייט האָט אין „מאָמענט" געפירט אַ שאַך - אָפּטיילונג דער וואַרשעווער מייסטער, ש. וויסבלאַט. די דאָזיקע רובריק האָט וויסבלאַט געפירט איין מאָל אין וואָך (פרייטיק) און געהאַט דערפון „וואַסער אויף קאַשע". האָט אים פּרושאַנסקי פאַרגעלייגט, אַז ער זאָל ווערן אַפּאַטאָשעס אימפּרעסאַריאָ און ווען וויסבלאַט האָט זיך אַביסל געקווענקלט האָט אים פּרושאַנסקי דערקלערט, אַז ער דעקט פון זיין קעשענע דעם גאַנצן דעפיציט, דאַקעגן דער ריוח זאָל געהערן צו וויסבלאַטן. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ גרויסן שאַנס האָט דער שאַך־מייסטער אָנגענומען.

אַפּאַטאָשעס טור האָט געהאַט אַזאַ דערפאָלג, וואָס האָט איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. נישט בלויז די זאַלן וואו ער האָט געלייענט זיינען געווען פול געפּאַקט נאָר אויף די וואָקזאַלן וואו ער פלעגט נאָר אָנקומען מיטן צוג האָבן געוואַרט הונדערטער מענטשן כדי אים מקבל - פּנים - צו זיין.

ביי אַפּאַטאָשעס אָנקומען קיין פּיעטריקאָוו איז אויפן וואָקזאַל געווען אַזאַ ענגשאַפט אַז פּאָליציי האָט געמוזט האַלטן אָרדענונג. די באַן - באַאַמטע, די פּאָליאַקן האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט־פאָר און געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג: „צאָ שיען סטאַלאָ"? (וואָס איז געשען? אַ צדיק איז געקומען?").

עפּעס איז זיי, די גויים, דער „צאַדיק" נישט געפעלן געוואָרן. אַ „צאַדיק" אָן פּאות און אָן אַ באָרד? זיי האָבן נאָך אַזעלכעס נישט געזען.

געריסן זיך צו אַפּאַטאָשען האָבן אַלע פּאַרטייען אָנהייבנדיק פון ציוניסטן, פאָלקיסטן, ביזן בונד און אפילו קאָמוניסטן.

אין אַ טייל שטעט האָבן די פּאַרטייען צווישן זיך "קאָנקורירט" און „אויסגעדונגען" ביי וויסבלאַטן, אַפּאַטאָשען.

דער „אימפּרעסאַריאָ", דער שאַכמאַטיסט האָט קיין אַרבעט לגמרי נישט געהאַט ווייל אַלץ האָבן געטאָן די אָרטיקע פּאַרטייען אָדער קולטור - אינסטיטוציעס: זיי האָבן געדונגען די לאָקאַלן, געדרוקט אַפישן, אַלץ אויף זייער חשבון. וויסבלאַט האָט געטאָן איין

זאַך: ער האָט איינקאַסירט ס'געלט פאַר די בילעטן, וועלכע זיינען אַלע געווען אויספאַרקויפט.

קיין הוצאות האָט ער אויך נישט געהאַט ווייל וועלכער נגיד אָדער קולטור - טוער פון שטאָט וועט דאָס צולאָזן, אז אַפּטאַ־טאָשו זאָל איינשטיין אין א האָטעל, און פאַרוואָס טאָקע נישט נעמען אזא חשובן גאַסט צו זיך אין שטוב אריין!

איצט איז געגאַנגען א סדרה באַנקעטן אזוי, אַז אפילו קיין עסן האָט דעם אימפּרעסאַריאָ אויך נישט געקאָסט.

דאָס אַלץ האָט מיר דערציילט נישט קיין אַנדערער ווי ווייס־בלאַט אליין, וועלכער איז געווען מיט אַפּאַטאָשון דריי חדשים אין א רייזע איבער פּוילן. ער האָט זיך מיר פאַרטרויט, אז ער האָט אין דער רייזע פאַרדינט אויף דריי יאָר פּרנסה. ער האָט שוין מער אין „מאָמענט” נישט געפירט די שאַך - אָפּטיילונג ווייל ס'האָט זיך אים נישט געלוינט. ער איז פון דעמאָלט אָן געוואָרן אַן אימפּרעסאַריאָ... וועגן אַפּאַטאָשון האָט ער געזאָגט, אז ער האָט נאָך אזא טייערן און האַרציקן מענטש נישט געזען: „דאָס איז א מזג טוב”. „ער האָט דאָך ביי מיר גאָרנישט געפאָדערט קיין געלט” — האָט ער מיר געזאָגט מיט באַוואונדערונג.

און אַפּאַטאָשו?

איך האָב אים געזען אין רעדאַקציע ווען ער איז א פרישער מיט אן אָפּגעברוינט פּנים געקומען פון וועג. ער איז געווען באַגייס־טערט פון די יידישע יידן אויף דער פּוילישער פּראָווינץ, וועלכע זיינען געקומען צו זיינע רעפעראַטן. קיין געלט האָט אים נישט אינטערעסירט.

אזוי האָט דאָס יידישע פּוילן געיומטובט ווען אַפּאַטאָשו איז דאָרט געווען. אָבער דאָס איז געווען אמאָל. היינט זיינען פון די אַלע יידישע שטעט געבליבן בלויז די נעמען.

II

די קאַטאַסטראָפע

די קאַטאַסטראָפע

אין יענעם פרייטיקדיקן, זוניקן פרימאָרגן — אַ טאָג פון גאָלדענעם פוילישן האַרבסט — בין איך געווען אין אָטוואָצק. דאָרט האָב איך פאַרענדיקט מיין צעריסענעם אורלויב און אַנטלאָפן פון אַ קוראָרט נישט ווייט פון דער טשעכישער גרענעץ... געווען נאָך עטלעכע יידישע זשורנאַליסטן, אויסגעקאָכטע אין דער וועלט - פּאָליטיק, וועלכע זיינען געלאָפן קיין אָטוואָצק אָפּרוען אַ ביסל די נערוון נאָך די שטורמישע „יאָ מלחמה - טעג, און נישט מלחמה - טעג", וועלכע האָבן אָנגעהאַלטן אין אונדזער הויפּט - שטאָט אין משך פון דער גאַנצער וואָך ערב דעם ערשטן סעפּטעמבער. מען האָט דעמאָלט געשמועסט, אַז אויך דער אויסערן - מיניסטער בעק זאָל האָבן געווען אינקאָגניטאָ אין גורעוויטשעס פענסיאָנאַט.

אין יידישן פענסיאָנאַט „זאַכענטאַ" האָב איך מיט אַ דריי טעג פריער געטראָפן די יידישע פובליציסטן: בערנאַרד זינגער און נאַטאַן שוואַלבע (שוואַלבע איז אומגעקומען אין חודש יולי 1941 אין אָדעס. ער האָט זיך עוואַקואירט אויף אַ שיף קיין קרים. די שיף איז באָמבאַרדירט געוואָרן און צוזאַמען מיט אים איז אויך אומגעקומען דער רעדאַקציע - סעקרעטאַר פון „נאַש פּזשעגלאָנד" שאול וואַגמאַן און זיין ברודער לעאָן, דער באַקאַנטער פילם - רעזשיסער „טריסטמאַן").

אין יענעם יידישן פענסיאָנאַט האָט מען באַלאַגערט שוואַלבן מיט זינגערן, זיי זאָלן זאָגן, צי עס וועט זיין אַ מלחמה, אָדער נישט? איך געדענק אַזוי ווי איצט די דיסקוסיע צווישן די דערמאָנטע צוויי זשורנאַליסטן, פון וועלכע דער ערשטער האָט זיך געהאַלטן פעסט, אַז קיין מלחמה וועט נישט זיין, ווייל היטלער וועט נישט ריזיקירן... און זינגער האָט דערקלערט, אַז ער צאָלט פינף קעגן איינס, אַז פון די אונטערהאַנדלונגען צווישן אַמבאַסאַדאָר הענדערסען מיט ריבענטראָפּן וועט זיך אויסלאָזן אַ בוידעם און אָט - אָט וועט אויסברעכן די מלחמה.

אין אָט יענעם פרימאָרגן פון ערשטן סעפּטעמבער 1939. אַכט אינדערפרי. איך, בין אין גאַס, כדי עפּעס געוואויר צו ווערן. עפּעס האָט מען שוין געשמועסט, אַז מען שלאָגט זיך, אָבער קיינער האָט דערין נישט געגלייבט.

יידישע ווייבער מיט קיישלעך אין די הענט זיינען זיך רואיק געגאַנגען איינקויפן לכבוד שבת. אויף דער צענטראַלער וואַרשעווער

גאַס, וואו ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן די גרויסע גאָלדבערגס שול (איצט איז פון איר קיין זכר נישטאָ) זיינען אַרויסגעגאַנגען בערדיקע יידן מיט גרויסע טליתים - זעק אונטער די אָרעמס און געשמועסט. די יידן האָבן נישט געגלייבט און בשום אופן נישט געוואָלט גלייבן, אַז עס ברעכט אויס אַ מלחמה. יעדער האָט דערציילט, אַז דער רבי און יענער רבי האָט געזאָגט, אַז קיין מלחמה וועט נישט זיין.

אין זעלביקן מאָמענט האָבן זיך אויפן הימל באַוויזן דריי אַעראָפּלאַנען און כהרף עין: טראַך, טראַך, טראַך!

די אָפּטימיסטן (אַזעלכע זיינען דעמאָלט געווען זייער אַ סך) האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז געווען בלויז אַ פּראָבע...

ווי אַזוי די „פּראָבע" האָט אויסגעזען, האָט מען זיך באַלד געקאָנט איבערצייגן: אויף דאָראָשקעס און אויטאָמאָבילן האָט מען געפירט צעבלוטיקטע יידן פרויען און מענער אין די שפּיטעלער. עס איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע פּאַניק און אַלץ איז געלאָפן אין דער ריכטונג צו זשעראָמסקי - גאַס. דאָרט — האָט מען געזאָגט — האָט זיך אויסגעגאָסן גאַטס צאָרן. פאַרשידענע קלאַנגען זיינען אַרומגעגאַנגען אין שטאָט סיי וועגן דער צאָל קרבנות און סיי וועגן די, וואָס זיינען געווען די ערשטע קרבנות. באַלד איז עס קלאָר געוואָרן: אויף דער יידישער קינדער - היים פון „צענטאָס" איז געפאַלן די ערשטע באָמבע. אין יענעם מאָמענט זיינען די קינדערלעך געזעסן אויף דער וועראַנדע ביים פרישטיק און זעכצן לעבעדיקע יידישע קינדער זיינען פון דער וועלט געגאַנגען.

צווישן די קרבנות, וועלכע האָבן באַקומען אויך שווערע, אָדער לייכטע וואונדן, האָט זיך אויך געפונען דער דיכטער קלמן ליס, וועלכער איז געווען דאָרט טעטיק אַלס לערער. יידן האָבן דערציילט, אַז דער אַעראָפּלאַן איז געפלויגן זייער נידעריק און דער רוצחישער פּליער האָט גאַנץ גוט געזען, אַז דאָרט זיצן קינדער און עסן.

אַ צווייטע באָמבע איז געפאַלן אויף עטלעכע הונדערט מעטער ווייטער און חרוב געמאַכט אַ יידישן פּענסיאָנאַט. אַ יידישע פרוי, אַ הענדלערין וועלכע איז, ווי געוויינלעך, אַריינגעגאַנגען אין פּענסיאָנאַט מיט געבעקס איז צעריסן געוואָרן אויף שטיקער.

יידן, וועלכע האַלטן זיך פאַר קענער פון די מלחמה - געזעצן און ווייסן וואָס מען מעג יאָ באָמבאַרדירן און וואָס מען טאָר נישט, האָבן געחקרנט און געוואָלט דערגיין, וואָס די דייטשן האָבן דאָ גע־מיינט. ווייל אין אָטוואָצק זיינען נישטאָ נישט קיין מיליטערישע קאָ־

שאַרן און אויך נישט קיין פאַבריקן און די איינציקע פאַבריק, וואָס איז דאָרט געווען, איז געווען די מעכאַנישע בעקעריי, וועלכע עס האָט אויפגעשטעלט האַרט פאַר דער מלחמה דער אָטוואָצקער שטאָט־פּרעזי־דענט גוזשינסקי. די דאָזיקע יידן האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין, אַז די דייטשן האָבן אין אָטוואָצק נישט געזוכט קיין פאַבריקן, נאָר פּשוט מאָרדן יידן.

אַזוי האָט מען געגלייבט און געטראַכט דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, און ווען אין עטלעכע טעג שפּעטער האָבן פּוילישע יידן אָנגע־הויבן לויפן אויף מזרח און געפּילט, אַז יידן טאָרן ביי די דייטשן נישט זיין, האָבן זיך געפונען אַ סך און לײדער זייער אַ סך, וועלכע האָבן גע־זאָגט, אַז עס איז נישט אַזוי שרעקלעך. „קיין פרידלעכע איינוואוינער וועלן זיי נישט טשעפּען״.

מ׳לויפט אויף מזרח

ערב יום ־ כפור ת״ש בין איך געקומען קיין לוצק; ס׳רעדט זיך אַזוי: **געקומען**, אַז בס״ה מיט 2 טעג פריער בין איך דורכגע־גאַנגען אַ פּאָגראָם אין דער שכנותדיקער שטאָט קאָלקי און בכלל האָבן מיר אין משך פון די 2 וואָכן פון אַנטלויפן פון וואַרשע, יעדן טאָג געשפּילט מיטן לעבן. מיר האָבן געוואָלט איבערכיטרעווען די דייטשן און געלאָפן נישט מיטן שאָסיי נאָר דורך זאַמדיקע „באָטשנע״ וועגן; אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפן; 10 טעג נאָך היטלערס בליץ ־ קריג האָט שוין די פּוילישע אַנטי ־ לופט ־ אַרטילעריע, כמעט ווי נישט עק־זיסטירט; די דייטשע עראָפּלאַנען „יונקערס 88״ און די „מעסער־שמידס״ זיינען הפקרדיק געפלויגן ממש איבער אונדזערע קעפּ; ווען מיר זיינען צומאַרגנס נאָך ראש השנה אַנטלאָפן פון ראָזשישטשע האָט נאָך גישט אָנגעהויבן צו טאָגן אָבער ווי נאָר די פּליטים זיינען אַרויס אויפן שאָסיי האָבן די „מעסערשמידס״ געעפנט אַ געדיכט פייער פון פּולעמיאָטן.

ר׳ וועוועלע גוטנעלד, — אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמי־טעט פון „אגודת ישראל״ און איינער פון די רייכסטע יידן פון וואַרשע דער ראש פון אונדזער גרופּע, — איז אַריין אין אַ ראָוו, שנעל אָנגע־טאָן דעם טלית און געזאָגט שמעישראל. הונדערטער יידן זיינען זיך שנעל צעלאָפן איבער די פעלדער אין גרוים בהלה; געציילטע סעקונדעס

האָט געדויערט די שיסעריי און דאָך האָבן מיר נאָך דעם דאָזיקן קורצן „בלוטיקן שפּאַס" איבערגעציילט 12 טויטע; יאָ, אַ „בלוטיקער שפּאַס", ווייל די רוצחים זיינען געפלויגן אַזוי נידעריק, אַז מיר האָבן אפילו געהערט זייער טרפהנעם געלעכטער.

ענלעכע פאַלן האָבן מיר איבערגעלעבט כמעט אין יעדער שטאָט פון יענעם דאַנערשטיק דעם 7טן סעפּטעמבער 1939, ווען מיר זיינען צופוס אַנטלאָפן פון וואַרשע;

אין גאַרוואָלין — וואו מיר זיינען אָנגעקומען פאַרנאַכט, — האָט אונדז דאָס פּוילישע מיליטער נישט געלאָזט בלייבן; גאַרוואָלין האָט געברענט און רעטונגס־קעטשלעך זיינען געלאָפן אהין און אהער.

מיר האָבן געקויפט פערד און־וואָגן און נאָך אין דער זעל־בער נאַכט געפאָרן קיין ריקי; דאָס שטעטל איז געווען ווי אויסגע־שטאָרבן; אָרטיקע יידן, — טאַטעס פון קליינע קינדער, — האָבן אין פאַרצווייפלונג געפרעגט ביי אונדז, וואָס זיי זאָלן טאָן, ווייל ס'גאַיעס האָט זיך שוין אָנגעהויבן גרייטן „צו עפּעס".

מיר האָבן געפּלאַנט צו נעמען דעם „קורס" אויף לובלין אָבער דער שאָסיי איז געווען באַלעגט מיט מיליטער און מיר האָבן פאַר־קירעוועט אויף מיעכאָוו און ליובאַרטאָוו.

מיר פאָרן דורך אַ וועג, וועלכער איז פון ביידע זייטן מיט געדיכטע ביימער; עס איז נישט צו פאַרשטיין ווי אַזוי האָבן די דייטשע באָמבערס באַוויזן דאָ צו פאַרברענען אַ לאַסט־אויטאָ מיט מיליטער; מיר זעען נאָך די פלאַמען, וועלכע טליען שוין. מיר זעען אויך זעלנערישע היטלעך. אַ ביסל ווייטער אין אַ ראָוו — עטלעכע מתים אין ציווילע מלבושים.

קיין מיעכאָוו זיינען מיר אָנגעקומען פרייטיק־צו־נאַכטס און פאַרטאָג האָבן מיר זיך געלאָזט קיין ליובאַרטאָוו.

שבת 9 אַזייגער אינדערפרי: מיר הערן אַ קאַנאָנאַדע פון גאַנץ ווייט אַזוי ווי אַ עכאָ און ווען מיר האָבן אויך דערזען שטיקער פייער, וואָס האָבן געבליצט אין דער לופטן איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס האָבן די דייטשן לכבוד שבת באָמבאַרדירט די עיר ואם בישראל, לובלין; און די באָמבאַרדירונג איז ווירקלעך געווען אַ מוראדיקע, ווייל פון דעם אָרט וואו מיר האָבן זיך געפונען איז געווען נישט ווי־ניקער ווי 28 קילאָמעטער קיין לובלין; — אַזוי האָט געוויזן די מאַפּע.

אַרום האַלבן טאָג זיינען מיר אָנגעקומען! קיין ליובאַרטאָוו.

רבונו־של־עולם!: וואו זיינען אַהינגעקומען די האַרציקע

יידן פון ליובאַרטאָוו? מען האָט זיך דאָך פּשוט געריסן איבעראונדז!

מ׳האָט אונדז געברענגט פיש און פלייש און אוועקגעגעבן די בעטן, אַז מיר זאָלן זיך אויסרוען.

נאָך הבדלה — ווען מיר האָבן זיך געגרייט אין וועג אַריין, — האָט מען אונדז מיטגעגעבן חלות און קיכלעך; איין שכן האָט גע־ברענגט אַפּלאַש מאַלינע־זאַפט; „ס׳וועט אייך צונוץ־קומען אין וועג, ווייל דאָס איז אַ רפואה צום מאָגן”.

דער וועג קיין לענטשנע איז געווען אַ שרעקלעך פינצטערער; מיר האָבן כסדר גערעדט וועגן די ליובאַרטאָווער יידן און ס׳איז אונדז פריילעך געוואָרן.

ס׳איז געווען אַרום 11 ביינאַכט ווען מיר זיינען אַריין אין אַן אכסניא און נאָכן דערוואַרעמען זיך מיט אַ גלעזל טיי, — זיינען מיר אַוועק אין שיל אַריין צו סליחות, — וואָס זיינען אייגנטלעך געווען נישט קיין סליחות, נאָר קינות.

דער גרויסער מאַרק איז געווען איינגעהילט אין אַ געדיכ־טער פינצטערניש, וואָס האָט אויך האַרמאָנירט מיט די טרויעריקע פּנימער פון די לענטשנער יידן, וואָס מיר האָבן געטראָפן אין שיל. :מעט אַלע אין אָפּגעריסענע מלבושים, האָבן די לענטשנער יידן נישט גערעדט, נאָר געברומט.

אין אַ שווערער שטימונג האָבן מיר פאַרלאָזט לענטשנע זונטיק פאַרטאָג. אָבער די ליכטיקע זון, — וואָס האָט גאַנץ פרי גענומען אויפשיינען, — האָט אונדז מחיה־געווען. אגב, איז אויך דער וועג קיין שעדלאַשטשע געגאַנגען דורך שמעקעדיקע פּוילישע וועלדער; מיר האָבן געלאָזט די פערד גיין זייער אייגענעם וועג און מיר זיינען לאַנג־זאַם נאָכגעגאַנגען; און דאָ טאַקע האָבן מיר געשמועסט וועגן ליובאַר־טאָוו און לענטשנע, צוויי שכנותדיקע יידישע שטעטלעך און צוויי באַזונדערע וועלטן; אָבער ווי זאָגט מען ביי יידן: פּרנסה איז מלחמה; ליובאַרטאָוו איז געווען אַ פּרנסה־שטעטל און כמעט אַלע יידן זיינען געווען נגידים און לענטשנער יידן האָבן געהאָרעוועט אַ גאַנצע וואָך און נישט געהאַט אויף שבת; אגב איז לענטשנע שוין אין די ערשטע טעג 2 מאָל באָמבאַרדירט געוואָרן און געהאַט אויך יידישע קרבנות.

אין שעדלאַשטשע — וואו מיר זיינען אָנגעקומען אַרום 3 אַזיי־גער נאָכמיטאָג — איז געווען אַ זייער לעבהאַפטע באַוועגונג; אַלע רעס־טאָראַנען זיינען געווען פול אָבער פון בלויז קריסטן. יידן האָט מען נישט געזען;

מיטן צופאַלן פון דער נאַכט האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין; ווען מיר זיינען שפּעט אין דער נאַכט דורכגעגאַנגען כעלעם האָט די שטאָט געברענט אַזוי, אַז די פערד האָבן זיך דערשראָקן און גענומען לויפן אין גאַלאָפּ; מעשה שטן האָט אַ דייטשע באָמבע גע־טראָפן אויף דער סטאַציע פון די פייער־לעשער.

די מהומה אין הרוביעשאָוו

ווען מיר זיינען פּאַרטאָגס געקומען קיין הרוביעשאָוו האָבן שוין די דאָרטיקע יידן געוואוסט וועגן דער בראַך אין כעלעם און וועגן דער שרעקלעכער באָמבאַרדירונג, וואָס איז שבת אינדערפרי פאָרגעקומען אין לובלין, און געקאָסט איבער 50 יידישע קרבנות.

מאָנטיק דער 11טער סעפּטעמבער 1939; אין הרוביעשאָוו איז אַ מאַרק ־ טאָג און די שטאָט איז פול מיט פּויערין אָבער פּלוצלינג ווערט אַ געלויף און מיר זעען עטלעכע צעבלוטיקטע יידן; אין הרובי־עשאָוו איז געשען דאָס, וואָס די טרויעריקע יידן אין ריקי האָבן אונדז דערציילט מיט 3 טעג צוריק: פּויערים זיינען אַריין אין יידישע קראָמען געקויפט סחורה און נישט געוואָלט באַצאָלן; ווען דער קרע־מער האָט פּראָטעסטירט האָבן אים די פּויערים גענומען שלאָגן. די אומ־גליקלעכע יידן זיינען געלאָפן אין דער פּאָליציי אָבער דאָרט האָט מען זיך אויסגעלאַכט. יידן האָבן אין בהלה גענומען פאַרמאַכן די געוועלבער, וואָס האָט נאָכמער פאַרביטערט די שטימונג, וועלכע איז געוואָרן אַ גערייצטע.

אין שטאָט זיינען געווען אַ סך פּליטים, — דערונטער אויך עט־לעכע יידן פון לאָדזש; — זיי זיינען געווען מער דענערווירט פון אונדז; זיי האָבן שוין געהאַט דאָס אומגליק אָנצוקוקן די פּנימער פון דינאַציסטישע רוצחים.

מ'האָט נאָך געדאַרפט אַריבער דעם בוג, 8 קילאָמעטער פון הרוביעשאָוו; די לאָדזשער האָבן מורא געהאַט, אַז די דייטשן וועלן אויפרייסן די בריק און געראָטן, אַז מיר זאָלן אַלע וואָס שנעלער פאָרן; אונדזער „קריגס ־ סטראַטעגיע" איז אָבער געווען נישט צו פאָרן אין קאַראַוואַנען כדי נישט צו געבן די היטלעריסטן קיין ביליקע שאַנסן. ווען מיר זיינען אַרום האַלבן טאָג אָנגעקומען צום טייך, איז די היל־צערנע בריק שוין געווען איבערפולט פון פּליטים; אַלע זיינען באַ־

הערשט געוועז פון אַ שטאַרקן פּחד, טאָמער באַווייזן זיך די מחבלים אויפן הימל...

די 10 מינוט גיין איבער דער בריק זיינען אויסגעקומען ווי 10 שעה אָבער מ'איז אַדורך בשלום. דערפאַר אָבער ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין שטעטל אוסטילא האָבן מיר געטראָפן די מחבלים. וואָס זיי האָבן געזוכט אין יענעם שטעטל איז שווער צו זאָגן אָבער יידן האָבן „פאַרשטאַנען", אַז אין די דאָרטיקע וועלדער אַרום וולאַדימיר־וואָלינסקי (לודמיר) איז געווען דער פּוילישער גענעראַל ־ שטאַב מ'האָט אַפילו געזען אַ פּוילישן עראָפּלאַן אויך...

מיר האָבן גענומען דעם „קורס" אויף לוצק אָבער היות ווי ס'האָט זיך דערנענטערט דער ראש ־ השנה און ביז לוצק איז נאָך געווען 70 קילאָמעטער, האָבן מיר באַשלאָסן צו האַלטן יום ־ טוב אין אַ זייטיק פּויליש שטעטל, וואָס ליגט ווייט פון שאָסיי, אָן אַ באַן און אָן אַ בריק... אַ שטעטל וואָס איך האָב אַפילו קיינמאָל דעם נאָמען נישט געהערט — לוקאַטש.

ווי אָנגענעם איז געווען אונדזער איבעראַשונג ווען מיר זיינען — אַראָפּגייענדיק פון וואָגן — אויפגענומען געוואָרן פון סאָלטים אַליין, וועלכער האָט געהייסן... אייזיק. די יידן אין ליקאַטש האָבן זיך געפילט דערהויבן אויפּצונעמען געסט און ווען דער סאָלטים איז געוואויר ־ געוואָרן ווער מיר זיינען האָט ער אונדז אַוועקגעפירט צום רב און טאַקע ביים רב האָבן מיר געהאַלטן ראש ־ השנה, אָבער לײדער נישט מער ווי איין טאָג, ווייל די צווייטע נאַכט ראש ־ השנה איז דער הימל אַרום געווען איין שטיק פייער; יידן האָבן געזאָגט, אַז די דייטשן האָבן דורכגעריסן דעם פראָנט ביי ראַווא ־ רוסקא און דערנענטערן זיך קיין לוקאַטש.

אין דעם מנוחהדיקן שטעטל איז געוואָרן אַ יללה. ווייבער האָבן געבראָכן די הענט און דער רב האָט געזאָגט, אַז ס„איז פּיקוח־נפש און אונדז מתיר ־ געווען צו פאָרן מיט פערד און וואָגן אום ראש ־ השנה.

דאָס מאָל זיינען מיר געפאָרן שנעל און מיט דעם ביטערן געפיל, אַז די דייטשן טרעטן אונדז אויף די פּיאַטעס.

אין ראָזשישטשע האָבן מיר געהאַט דעם „בלוטיקן שפּאַס", וועלכן איך האָב פריער באַשריבן. אָבער דאָס איז שוין געווען „לעצט־געלט", ווייל ווען מיר זיינען צומאַרגנס אַריינגעקומען קיין קאָלקי האָבן אונדז די יידן געזאָגט, אַז מיר האָבן זיך מער נישט וואָס צו איילן...

זיי האָבן נאָרוואָס געהערט דורך ראַדיאָ, אַז די רויטע זיינען אַריבער די פּוילישע גרענעץ און האָבן אַריינמאַרשירט קיין טאַרנאָפּאָל און קיין לעמבערג, און אַז דאָס איז געשען לויטן אָפּמאַך צווישן ריבענטראָפּן און מאָלאָטאָוון. אַ ליאַדע שעה קאָנען זיי אויך דאָ אַריינקומען...

אָבער ווען די „ליאַדע שעה" האָט געדויערט 5 טעג און „יענע" זיינען נישט געקומען קיין קאָלקי האָבן עטלעכע יידישע הייז־קעפּ צונויפגעזאַמען מיט אוקראַינישע קאָמוניסטן, אויפגעהאָנגען אויפן צענטראַלן וועג די פאָן פון „האַמער מיטן סערפּ" מיט אַ „דאָזדראַסט־וואויעט" לכבוד דעם רויטן „מאָשיאַך".

צו אונדזער אומגליק איז מיטיק־צייט דורכגעגאַנגען דורך קאָלקי אַ רעשטל פון אַ צעשלאָגענער פּוילישער דיוויזיע. דערזעענדיק דעם רויטן פאָן האָט מען אָנגעהויבן וואַרפן גראַנאַטן אין די פענצטער אַריין; ס'גאַיעס ההאָט אָנגעהויבן ראַבירן יידישע קראָמען און מיר די פּליטים זיינען געלאָפן אויפן פעלד און זיך באַהאַלטן אונטערן שוץ פון הויכע גראָזן. פון שטאָט האָבן זיך געטראָגן פאַרצווייפלטע קולות. פון די גראַנאַטן האָבן זיך אַטייל הייזער אָנגעצונדן.

די שיסעריי האָט אָנגעהאַלטן ביז אינמיטן דער נאַכט; די שפּעטער געקומענע פון שטאָט האָבן דערציילט, אַז מען האָט די יידי־שע קאָמוניסטן אַריינגעוואָרפן פון דער הויכער בריק אין טייך סטיר.

אין דער מהומה האָבן איך פאַרלוירן מיין גרופּע מיט וועל־כער איך האָב צוזאַמען פונוואַרשע אָן זיך געהאַלטן.

צוליב דעם, וואָס מאָרגן אויפדערנאַכט איז שוין געווען כל־נדרי האָב איך באַשלאָסן נישט פאַרלירן קיין צייט און האָב זיך איינער אַליין געלאָזט צופוס אין דער הויפּט־שטאָט פון יידישן וואָלין, לוצק: —

כ'וויל שוין זעען דעם ערשטן באָלשעוויק...

דער וועג פון קאָלקי קיין לוצק, גייט דורך קיווערצע, וואָס איז אייגנטלעך מער באַן - סטאַציע ווי שטאָט; אָבער אויך דאָרט האָבן יידן געוואוינט.

ס'האָט געקענט זיין אפשר 5 פאַרטאָג, ווען איך האָב פאַר־לאָזט קאָלקי; פון אייניקע הייזער האָט נאָך געטליעט אַ רויך אָבער קיין ילוד - אשה האָב איך אין שטאָט נישט געזען; די איינוואוינער האָבן

מורא געהאַט אַרויסצוגיין און די פּליטים זיינען געגאַנגען דורך די פּעלדער אָבער אַלע אין דער ריכטונג נאָך קאָוועל און נישט נאָך לוצק, וואָס איז געלעגן ווייטער; איך האָב אָבער אויסגעקליבן לוצק, ווייל מיטן מרא דאתרא הרה"ג ר' זלמן סאַראַטשקין האָב איך אַלס מיט־אַרבעטער פון „מאָמענט" זיך אָפטמאָל געטראָפן אויף רבנישע אסי־פות אין וואַרשע אַזוי, אַז מיר האָבן זיך גוט געקענט;

ס'איז געווען אַ הערלעכער טאָג פון פּוילישן „גאָלדענעם האַרבסט" מיט אַ זון, וועלכע האָט געלויכטן אָבער נישט געבריט, ממש אַ אידעאַלער טאָג אויף צומאַרשירן...

געטראָגן פון דעם אימפּעט, אַז איך האָב מיך אַרויסגעראַ־טעוועט פון אַ שטאָט, וואו מען האָט געוואָרפן גראַנאַטן אין יידישע הייזער, האָב איך פּשוט „געשלונגען" די קילאָמעטערס אַזוי, אַז די 61 קילאָמעטער פון קאָלקי ביז קיווערצע האָב איך דורכגעמאַכט אין משך פון 12 שעה;

כ'דערמאָן זיך נישט, אַז איך זאָל האָבן אָנגעטראָפן אויפן וועג אַ פּויערשע כאַטע, און אַגב האָב איך עס נישט באַדאַרפט, ווייל פּליטים אין קאָלקי האָבן מיר אָנגעזאָגט, אַז אויב מען גייט 61 קילאָ־מעטער אין איין טאָג טאָר מען אויפן וועג נישט עסן און נישט טרינ־קען; און סתם אָנקוקן פּויערן האָב איך קיין חשק נישט געהאַט.

און הלמאי זאָל איך לייקענען? ס'האָט זיך מיר שטאַרק גע־גלוסט אָנצוקוקן אַ באָלשעוויק אָבער ווען איך האָב „זיי" ענדלעך דער־זען, האָב איך אָנגעהויבן מאַכן שנעלערע טריט כדי צו זיין פון „זיי" וואָס ווייטער...

דאָס איז געווען אַרום 3 בייטאָג; איך האָב שוין געהאַט דורכגעמאַכט 50 קילאָמעטער, ווען פון קיווערצע איז מיר אַנטקעגנ־געקומען אַן אויטאָמאָביל מיטן „האַמער און סערפּ" אַרומגערינגלט פון 4 באַוואָפנטע רויטע אַרמייער אויף פערד; דער אויטאָמאָביל איז געפאָרן זייער לאַנגזאַם און פּלוצלינג פאַרקערעוועט אַראָפּ צו אַ וועלדל. איך האָב, ווי געזאָגט גענומען מאַכן שנעלערע טריט און דאָך האָב איך אין משך פון געציילטע מינוטן געהערט עטלעכע שאָסן, וואָס האָ־בן זיך געטראָגן פון וועלדל; מןהסתם האָט מען דאָרט ליקווידירט" אַ „בורזשוי" אָדער אַן אַנדערן „פאַרברעכער".

ווען איך בין אָנגעקומען קיין קיווערצע האָט מיר גענומען שווינדלען פאַר די אויגן: אַזוי פיל רויט - אַרמייער; ממש ווי זאַמד און ערד!

אין צעריסענע שינעלן האָבן זיי מאַרשירט צו 8 אין אַ ריי: אַ טייל — מיט לאַטעס אויף די שטיוול; אָבער דערפאַר אַלע מיט ביקסן און אויטאָמאַטן און הינטער זיי — אַרטילעריע;

— קענען וועמען? — האָב איך געטראַכט גייען זיי דאָ מלחמה־האַלטן? שפּעטער איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז אַזאַ טאַקטיק, וואָס באַשטייט אין אָנוואַרפן אַ פּחד אויף די נייע איינוואוינער, אַז זיי זאָלן זיך נישט בונטעווען...

ס'הייבט שוין אָן ווערן טונקל; איך האַלט זיך קוים אויף די פיס, אָבער דאָס ווייסע הייזעלע פון דעם יידישן שניידער צו וועלכן אַ פּליט אין קאַלקי, האָט מיר געגעבן דעם אַדרעס, געפינט זיך אויף דער צווייטער זייט און צו דעם מאַרש פון די סאָלדאַטן נעמט גאָרנישט קיין עק. איך ריזיקיר דורכלויפן צווישן איין ראָטע און דער צווייטער, אָבער אַ „מיליציאָנער", שלעפּט מיך צוריק מיט אַ הויכן „נעלזיא" (מען טאָר נישט) און מעסט מיך אָן מיט אַ פּאָר צאָרנדיקע אויגן אַ שטייגער ווי איך וואָלט דאָ געגאַנגען חרוב - מאַכן רוסלאַנד.

ניט טויט און ניט לעבעדיק בין איך ענדלעך אַריין אין דעם ווייסן הייזעלע; אַן עלטערער ייד האָט מיך אויפגענומען אין אַ זייער ציכטיקער דירה. ער האָט זיך געגרייט מאַכן פאַר מיר עסן אָבער איך בין תיכף איינגעשלאָפן און געעפנט די אויגן צומאָרגנס 7 אַזייגער אינדערפרי.

די 12 קילאָמעטער קיין לוצק בין איך שוין געפאָרן מיט דער באַן; דעם בילעט האָט מיר געלעכערט אַ קאָנדוקטאָר, אַ יידיש מיידל מיט שוואַרצע האָר געשוירן אין אַ „פּאַלקע" און אָנגעטאָן אין אַ פּאַלטן, איז ער געווען גרעסער און לענגער פון איר.

אויף די גאַסן אין לוצק זע איך „גאַנץ וואַרשע". אַ סך באַקאַנטע פּנימער;

— „פּאַניע רעדאַקטאָרזשע" — רופט מען מיך פונדערווייטנס

— אויפן וואַרשעווער שטייגער, אָבער איך וויל נישט פאַרפירן קיין לאַנגע געשפּרעכן, ווייל מיין ציל איז געווען אָנצוקומען באַצייטנס צום רבֿ, ווייל ס'איז שוין האַלבער טאָג: ערב יום־כּפּור 1939:

אויף יאַגעלאָנסקאַ גאַס האָב איך באַגעגנט אַ באַקאַנטן וואַרשעווער ייד, וועלכער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ קורטקע. מילא די קורטקע האָב איך פאַרשטאַנען, אָבער פונוואַנען האָט ער פּלוצלינג גענומען די באָרד?

געווען איז דאָס נישט קיין אנדערער ווי דער הויפּט־פּובלי־ציסט פון ציוניסטישן וואַרשעווער „היינט" משה קליינבוים, — דער איצטיקער פלאַם - פּייערדיקער קאָמוניסט און לידער פון מק"י אין ישראל, — משה סנה.

ער איז אַלס דאָקטאָר מעדיצין מאָביליזירט געוואָרן אין דער פּוילישער אַרמיי און האָט פאַרשטאַנען, אַז עס קען קומען אַ מאָמענט ווען ס'וועט גלייכער זיין מען זאָל אים נישט דערקענען און נישט וויסן זיין פאַרגאַנגענהייט; די באַנגעגעניש האָט געדויערט אפשר 2 מי־נוט מיר האָבן גערעדט מער מיט די אויגן ווי מיטן מויל; מיר האָבן זיך שנעל געזעגנט אָבער אין יענעם מאָמענט האָב איך שוין אָנגעהויבן פילן די „פרייהייט" פון סאָוויעטן - לאַנד.

די אסיפה ביים לוצקער רב

— דער טאַטע בעט אייך אַריין אין בית - דין - שטוב, האָט מיר איבערגעגעבן דעם רב'ס זון, אַ יינגער שלאַנקער בחור מיט אַן איידל פּנים פון אַ בן־תורה.

אין בית - דין - שטוב איז גראד פאַרגעקומען אַן אסיפה; הרב סאַראַטשקין שטעלט מיך פאָר פאַר די נכבדי עיר און איך הער די נעמען פון די לוצקער יידן: זבולון פערקאַל, וויסמאַן, קאַמע־נעצקי א. א.

די אסיפה איז טאַקע געווען וועגן באַזאָרגן די בכבודיקע פּליטים מיט דירה, ווייל אַלע האָטעלן און קלובן האָט די נייע מאַכט צוגענומען פאַרן מיליטער.

— פּאַניע באָרענשטיין! ס'איז פאַר מיר אַ גרויסער כבוד אייך צו האָבן פאַר אַ גאַסט, איר קענט זיין ביי מיר ווי לאַנג איר וועט וועלן; מיר וועלן עסן צוזאַמען, ווייל מיר זיינען דאָך שוין אַלע באַל־שעוויקעס — האָט מיר געזאָגט מיט איראָניע דער לוצקער תושב ה' וויסמאַן, וועלכער האָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן מיין פאָרשלאָג וועגן צאָלן פאַרן עסן.

אויף דער מזרח - וואַנט אין גרויסן בית - המדרש האָב איך געטראָפן דעם סענאַטאָר פּראָפעסאָר שאָר; דעם פּרעזעס פון דער וואַרשעווער קהלה ה' אליהו מאַזור מיט זיין איידעם און נאָך עטלע־כע וואַרשעווער יידן.

ה׳ מאַזור האָט זיך שטאַרק דערפרייט ווען איך האָב אים איבערגעגעבן אַ גרוס פון זיין בעסטן פריינד ר׳ וועוועשע גוטגעלט מיט וועמען איך בין געלאָפן צוזאַמען דעם גאַנצן וועג ביז קאָלקי.

אַ קורצן שמועס האָב איך געהאַט מיט פּראָפעסאָר שאָר; דער דאָזיקער איידעלער ייד און תלמיד - חכם איז געווען רואיק און באַהערשט, אָן שום סימן פון נערוועזיטעט אָדער צוזאַמענגעבראָכנ־קייט; ער האָט אויסגעדריקט דעם בטחון, אַז מיט דער הילף פון דער השגחה וועלן מיר דעם שווערן גורל איבערטראָגן; פּראָפעסאָר שאָר האָט מיך געפרעגט צי איך האָב נישט געטראָפן אויפן וועג זיין טאָכ־טער, די פרוי פון קאָנסול מאַקס קאָן און שנור פון אָסקאַר קאָן.

מוצאי יום - כפור, — באַלד נאָך דער סעודה, — האָבן מיר געהערט דורך ראַדיאָ אַ רעדע פון גענעראַל - סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אוקראַינע, ניקיטאַ כרושטשאָוו; ער איז אַרויסגעטרעטן אויף אַ מאַסן - מיטינג אין לעמבערג, וועלכע איז שוין „אָפיציעל” פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס די הויפּט - שטאָט פון מערב־אוקראַינע און נישטאָ מער וואָלין: פון היינט אָן הייסט עס מערב־אוקראַינע!

3 שעה האָט געדויערט די רעדע און 3 שעה האָבן מיר זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון ראַדיאָ — אַזאַ פלאַם - פייערדיקער מאַסן־רעדנער איז ניקיטאַ כרושטשאָוו.

ער האָט אָנגעהויבן מיט אַן אַטאַקע אויף דער פּוילישער בורזשואַזיע אַז זי האָט געטריי געדינט דעם פאַשיסטישן רעזשים פון מאַרשאַל פּילסודסקי און נאָכדעם האָט ער געשאָסן מיט פיילן קעגן די פּעפּעס, וועלכע ער האָט אָנגערופן סאָציאַל - פאַשיסטן און לאַ־קייען פון די פּוילישע „פּאַמיעשטשיקעס” און „פּאַנעס”.

ניקיטאַ כרושטשאָוו האָט אויך נישט פאַרגעסן אָן דעם „בונד” און ציוניסטן און ביים סוף אויך „דערלאַנגט” דעם קלער, אָן אונ־טערשיד פון וועלכער רעליגיע...

זיין דריי שעהדיקער רעדע האָט ניקיטאַ כרושטשאָוו פאַר־ענדיקט מיט פאָלגנדיקן זאַץ, וועלכן איך געדענק וואָרט ביי וואָרט:

„כאַיי זשיווע, נאַש, וויעליקי אי מודרי וואָזשד, אָטיעץ נאַ־ראָדאָוו, טאָוואַריטשט יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין”; דער טייטש דערפון איז: „זאָל לעבן אונדזער גרויסער און קלוגער פירער, פאָטער פון די פעלקער, חבר יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין”.

באַלד דערנאָך האָבן מיר געהערט הילכיקע הוראַ־אויסגע־

שרייען פאר סטאלינען און מיטן „אינטערנאציאנאל" איז דער מי־טינג געווארן געענדיקט.

כ'זאל זאגן, אז די רעדע האט אונדז ארייננעפירט אין א גו־טער שטימונג וואלט עס געווען א ליגן נאר ה' ווייסמאן האט אונדז געטרייסט, אז מיט 6 טעג צוריק האט ער געהערט די זעלבע רעדע פון ניקיטא כרושטשאוו אין טארנאפאל אזוי, אז מען דארף זיך נישט שטארק איבערנעמען און מען וועט זיך צוגעוואוינען, ווייל וואס־וואס, נאר קיין רעדעס וועלן אונדז זיכער נישט פעלן.

מיר האבן זיך ביסלעכווייז אנגעהויבן צוגעוואוינען צו די צרות אבער דעם צווייטן טאג פוכות האבן מיר באקומען די טרויע־ריקע ידיעה, אז די סאוויעטן האבן אין אסטרא־וואלין (די שטאט פון מהרש"א) ארעסטירט דעם פראפעסאר שאר, וועלכער איז דארט אהינגעפארן זיך זען מיט דער טאכטער.

די דאזיקע ידיעה האט אונדז דערשיטערט, ווייל דאס איז געווען אן אנזאג אויף וויטערדיקע ארעסטן פון נאך איידעלע יידן.

דאס לעבן אין לוצק האט אויך אנגעהויבן ווערן שווערער פון טאג צו טאג; אויף די גאסן האט מען געזען לאנגע רייען נאך ברויט און זייף; צוקער האט מען שוין אינגאנצן נישט געקריגן צו קויפן. פון דער אנדערער זייט ווידער זיינען די שניט־קראמען און שיך־קראמען געווארן באלאגערט פון די רויטע ארמייער, וועלכע האבן גע־שריגן „דאוואי", „דאוואי". און געקויפט אלץ, וואס זיי האבן גע־זען, — אפילו טליתים, — נישט ווייסנדיק אינגאנצן, וואס דאס איז אזעלכעס. אין א ספרים־געשעפט האט א רוסישער סאלדאט אפ־געקויפט אלע בינטלעך ציצית. אויף דער פראגע פון סוחר, — וואס ער וועט טאן דערמיט — האט ער געענטפערט, אז דאס וועט גיין אויף קנויטלעך אין א נאפט־לעמפל.

זיי האבן געצאלט מיט פאפירענע סאוויעטישע רובלס; יעדער סוחר האט געהאט א גאנצן פאק אזעלכע „טשערוואנצעס" אבער די קראם איז געווארן ליידיק און מער האט ער שוין קיין סחורה נישט געזען, ווייל רוסלאנד איז הויל און נאקעט און דאס, וואס א לעבע־דיקער מענטש דארף צו האבן איז דארט נישטא.

געווען צווישן די סאלדאטן ספּעציעלע אגיטאטארן, וועלכע פלעגן פארזאמלען קופקעלעך מענטשן און דערציילן, אז אין רוסלאנד איז א לערער, א פ ר א פ ע ס א ר און א ארבעטער איז א מייסטער. דער עיקר — אלץ איז דארט פאראן אפילו א פאבריק, וואס

מאכט פּאַמעראַנצן. דאָ האָט אַ יידישער לץ אַ פרעג געטאָן דעם אַגיטאַטאָר:

— „סקאָזשיטיע פּאָזשאַלסטאַ":

„צאָרעס טאָזשע יעסט?"

(זאָגט מיר „כ'בעט אייך: צרות זיינען אויך דאָ אין סאָוויעט־רוסלאַנד?).

דער סאָלדאַט האָט זיך אַביסל פאַרלוירן, ווייל ער האָט נישט פאַרשטאַנען דאָס וואָרט, אָבער נאָך אַ קורצער פּויזע האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט זיכערקייט: „צאָרעס טאָזשע יעסט מנאָגאָ, מנאָגאָ (צרות זיינען אויך דאָ, אַ סך, אַ סך...

ווען איך בין נאָך יום ־ טוב — ווי געוויינלעך — אריינגע־קומען צום רב, האָט מיך דערוואַרט אַ אָנגענעמער סיורפּריז: ר' וועור־טשע גוטגעלד מיט די זון. זיי זענען פון דער ברענענדיקער שטאָט קאָלקי געלאָפן קיין קאָוועל; אָבער ס'איז דאָרט נישט גוט; מ'ארעסטירט מענטשן פאַר גאָרנישט; זיי האַלטן, אַז ביי דעם מצב איז גלייכער צו זיין אין אַ גרעסערע שטאָט; דער גורל איז געפאַלן אויף לעמבערג. —

חברים פון טלאָמאַצקע 13 ווילן מיך נעמען קיין ווילנע

אין לוצק האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די סאָוויעטן זיינען געוואָרן „ברייטהאַרציק" און האָבן באַשלאָסן „אָוועקצוגע־בן" ווילנע, די ליטווינער; פון ראָוונע זיינען אַראָפּגעקומען צוויי מיט־גלידער פון דער לעצטער פאַרוואַלטונג פון טלאָמאַצקע 13, די שריי־בער פנחס שווארץ ע"ה און זיין צו לענגער יאָר דוד פלינקער (איצט אין ישראל) מיט דירעקטיוון אונדז, — די מיטגלידער פון טלאָמאַצ־קע 13, — אריבערצונעמען קיין ראָוונע כדי צוזאַמען מיט סעגאַלאָ־וויטשן, יאושזאָנען ע"ה און אים צו לענגערע יאָר ב. שעפּנער און נאָך חברים פון ליטעראַטן ־ פאַראיין, אריבערצופאָרן קיין ווילנע.

אין דער נייטראַלער ליטווישער מלוכה — האָבן זיי דערקלערט — שאַפן זיך מעגלעכקייטן פון אַ קאָנטאַקט מיט אויסלאַנד מיט שאַנסן זיך ארויסצובאַקומען פינדאַנען...

אָבער מערקווירדיק: איך האָב זיך דעמאָלט נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, אַז זייער פאָרשלאָג וועגן ווילנע איז געווען פון גורלדי־קער באַדייטונג פאַר מיר, ווייל איך וואָלט אויסגעמיטן דעם שרעק־לעכן פּיין אויף סטאַלינס קאַטאָרגע און דאָס פינצטערע לעבן פון 6 מיט א האַלב יאָר אין דער סאָוויעטישער מדינה.

אָבער ווי פריער דערמאָנט האָב איך זיך קיין חשבון נישט אָפּ־געגעבן; — אגב בין איך שוין געווען „אַנגאַזשירט" אין דער רייזע קיין לעמבערג, מיט פּערספּעקטיוון זיך אריינצובאַקומען קיין רומעניע, וואו עס איז דאָ א פּאָרט, וואָס הייסט קאָנסטאַנצאַ און שמעקט מיט ארץ־ישראל...

איך האָב באַגלייט מיינע שרייבער ־ קאָלעגן צום אָמניבוס קיין ראָוונע און בין געבליבן אין לוצק.

ניכטערע רייד פון אַ ביאַליסטאָקער ייד

איר זענט שוין אַמאָל געפאָרן אין א סאָוויעטישער באַן? צי האָט איר שוין אַמאָל געפּרואווט קויפן א באַן ־ בילעט! אויפן וואָק־זאַל אין לוצק האָבן מיר געטראָפן א ריזיקן „אָטשערער" נאָך באַן־בילעטן אָבער ס'פענצטערל פון דער קאַסע עפנט זיך נישט.

פּלוצלינג וואַקסט אויס אַרום אונדז א ייד, — א „מאַכער", — אַז פאַר כך ־ וכך וועט ער אונדז ברענגען בילעטן, ווייל דער קאַסירער — זאָגט ער — דאַרף לעבן און דער „מיליציאָנער" דאַרף אויך לעבן און ער אַליין האָט אויך א ווייב מיט קינדער.

ס'דויערט נישט קיין 10 מינוט און מיר האָבן שוין די בילעטן.

און דאָ הייבט עס זיך ערשט אָן; ווייל ווי אַזוי קאָנען מיר פאָרן, אַז די טירן פון די וואַגאָנעס זיינען אָפּגעשלאָסן?

וואַקסט ווידער אויס א „מאַכער" (דאָס מאָל נישט קיין ייד) און ווידער די זעלבע דרשה נאָר מיט דעם אונטערשיד, וואָס ער פאָר־לאַנגט א גרויסע סומע געלט, צען מאָל מער וויפיל ס'קאָסטן די בילעטן, ווייל ס'זיינען דאָ קאָנדוקטאָרן מיט מאַשיניסטן און אַלע דאַרפן לעבן; מיר האָבן זיך גענומען דינגען און לסוף נאָכגעגעבן; מיר האָבן דען גע־האַט אַן אַנדערע ברירה?

כהרף ־ עין עפנט עמיצער פון אינעווייניק א פענצטער; דער

„מאַכער״ הייבט אונדז אין דער הייך; יענער פון אינעווייניק שלעפּט אונדז ביי די אָרעמס און אַזוי אַרום האָט מען אונדז אַריינגעוואָרפן אין וואַגאָן אַריין.

דער צוג איז געגאַנגען פון ביאַליסטאָק און איז געווען אי־בערפולט מיט לויטער אחינו בני ־ ישראל; אַלץ פאָרט קיין לעמבערג;

מ׳רעדט יידיש הויך אויפן קול און מען שמועסט זיך שוין אָפּ וועגן אַ מנין צו מנחה ־ ומעריב; און פאַר וואָס טאַקע נישט? מען האָט דען בעסערע געשעפטן? אַ סברה, אַז מען וועט דאָ האַלטן שבת אויך, ווייל אָט זיינען מיר שוין דאָ עטלעכע שעה און דער צוג רירט זיך נישט.

אַ יונגערמאַן אין אַ „זאַקאַפּאַנסקע״ היטעלע וויצלט זיך: „דער מאַשיניסט איז מן הסתם געפאָרן קיין מאָסקווע נאָך קוילן״...

דער עולם איז ווייזט אויס נישט געשטימט צו קיין וויצן, ווייל מען וואָרנט דעם יונגנמאַן ער זאָל אויפהערן מיט אַזעלכע פּלוי־דערייען; ענדלעך האָט זיך דער צוג אַ שאָקל ־ געטאָן און — מיר פאָרן.

די שטימונג הייבט אָן ווערן אַביסל הייטערער; דער עולם לאָזט זיך איבער די וואַגאָנעס זוכן באַקאַנטע און אפשר קרובים אויך. איך טו אויך דאָס זעלבע. אין איין קופּע טרעף איך אַ געזעמל יידן, וואָס הערט מיט אינטערעס יעדעס וואָרט, וואָס איינער אַ יונגערמאַן דערציילט; דער יונגערמאַן האָט שוין „זוכה ־ געווען״ צו כאַפּן קלעפּ פון די דייטשן בשעת זיי זיינען אַריינגעקומען קיין וואַרשע. די שרעקלעכסטע באָמבאַרדירונג איבער וואַרשע איז פאָר־געקומען ראש ־ השנה ביינאַכט; די פּראַנטשישקאַנער גאַס האָט געברענט און אויך די נאַלעווקעס זיינען באַהאָנגלט געוואָרן מיט צינד־באָמבעס. ווען דער יונגערמאַן האָט גענומען דערציילן הויך אויפן קול וועגן די אכזריותן פון די דייטשן, האָט איין ייד, וואָס איז גע־שטאַנען ביים פענצטער זיך אָנגערופן מיט אַ זייער געדעמפּט קול; געדענקטס, אַז מיר געפינען זיך איצט אין אַ מדינה, וואָס האָט גע־שלאָסן אַ פריינטשאַפטס ־ אָפּמאַך מיט די דייטשן; מ׳דאַרף אויס־מיידן וועגן דעם צו רעדן אויף עפנטלעכע ערטער און בכלל דאַרף מען וואָס ווייניקער שמועסן וועגן פּאָליטיק.

די דאָזיקע ניכטערע ווערטער האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם און אַפילו אָנגעוואָרפן אַ פּחד.

איך באַקען זיך מיט דעם דאָזיקן ייד, וועלכער איז בכלל

נישט קיין פּליט; ער איז אַ ביאַליסטאָקער לעדער - פאַבריקאַנט און צוליב די מורא פאַר די אָרטיקע מוסרים איז ער אַנטלאָפן פון שטאָט. ער דערציילט, אַז עטלעכע יידישע פאַבריקאַנטן זיינען שוין געפאַלן קרבנות פון מוסרים, אַרבעטער, וואָס האָבן פאַרלוירן די שטעלעס און זיינען זיך איצט נוקם אין זייערע געוועזענע באַלעבאַטים. ס'איז גע־נוג איין וואָרט אין נ. ק. וו. ד. און ביינאַכט נעמט מען דעם קרבן אַרויס פון בעט. לויט ווי ער דערציילט פאַרן אין דעם צוג אַ סך אַזעל־כע יידן פון פאַרשידענע שטעט.

אין האָראָכאָוו איז אונדזער וואַגאָן פול - געוואָרן מיט פרי־שע יידן, וועלכע מען האָט אויך — פּונקט ווי אונדז, — אַריינגע־וואָרפן דורך די פענצטער. פון זיי ווערן מיר געוואויר, אַז אין לעמ־בערג זיינען פאַראַן איבער אַ פערטל מיליאָן יידישע פּליטים; אין אַלע פאַראיינען, קלובן, פּאַרטיי - לאָקאַלן און אַפילו שילן האָט מען אויס־געשטעלט בעטלעך פאַר פּליטים און טראָץ דעם וואַלגערן זיך אַ סך אויף בענק אין די פּאַרקן און גערטנער.

אין אַט אַזאַ שלעכטער שטימונג זיינען מיר אַרום 8 אין אָוונט אָנגעקומען קיין לעמבערג.

זעלבסטמאָרד פון אַ יידישן גענעראַל

אַז די האָראָכאָווער יידן האָבן דערציילט דעם ריינעם און ביי־טערן אמת האָבן מיר געזען גלייך אויפן וואָקזאַל; אויף דער הוילער ערד האָבן מיר געטראָפן יידישע פּליטים, מיט אַזעלכע טרויעריקע און אויסגעלאָשענע אויגן. צום אומגליק האָט נאָך געגאָסן אַ קאַלטער האַרבסט - רעגן, אַזוי אַז כמעט אַלע פּאַסאַזשירן זיינען געבליבן אויפן וואָקזאַל און וואו קאָן מען דאָ גיין אין אָוונט אין אַ פרעמ־דער שטאָט?

עס ווילט זיך אָבער נישט אַוועקלייגן אויף דער הוילער ערד און דאָ פאַלט מיר איין אַ געדאַנק: „חשמונאי", דער יידישער ספּאָרט־קלוב! דאָרט איז מיין נאָמען באַקאַנט און מען דאַרף אַהינפאָרן. עמי־צער פון מיין גרופּע האָט מסכים - געווען צופאָרן מיט מיר צוזאַמען און אין 20 מינוט אַרום זיינען מיר שוין געווען אין „חשמונאי".

אַלע קלובן פון גרויסן יידישן ספּאָרט - קלוב זיינען איבער־פולט מיט בעטלעך און מיט יונגוואַרג; אויף די טירן זעען מיר שילד־

לעך: „קראָקעווער מכבי"; „ביליצער הכח"; „קאַטאָוויצער יידישער טורן - פאַראיין" א. א.

דאָס האָט „השמונאי" אויפגענומען מיט אַ ברידערלעכער האַנט אַלע יידישע ספּאָרטלער, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון די פריער־דערמאָנטע שטעט, וועלכע האָבן געהאַט דאָס אומגליק שוין אין דער ערשטער וואָך פון דער מלחמה אַריינצופאַלן צום שונא.

איינער פון די פירער פון קלוב ה' עפּשטיין גיט אונדז איבער אַ העכסט - אינטערעסאַנטן פאַל וואָס האָט פּאַסירט אין קראָקע.

דער קאָמענדאַנט פון דאָרטיקן מיליטערישן גאַרניזאָן גענע־ראַל אַלפרעד מאָנד, — דער איינציקער יידישער פּראַנט - גענעראַל אין דער פּוילישער אַרמיי, — האָט אָנגעפירט מיט דער 3טער פּאָד־האַלאַנסקער אַרמיי אין די קאַרפּאַטן. 5 טעג האָט די אַרמיי — אונטער דער אָנפירונג פון יידישן גענעראַל — זיך העלדיש פאַרטיידיקט קעגן דער פילצאָליקער אויבער־מאַכט פון די דייטשע פּאַנצער - דיוויזיעס. אויפן 6טן טאָג האָבן די דייטשן דורכגעבראָכן דעם פּראָנט ביי האַ־ליטש און עס האָט געדראָעט צו ווערן אַרומגערינגלט. דורך אַ געשיקטן מאַנעווער איז געלונגען דעם גענעראַל אָפּצוראַטעווען אַ טייל פון זיין מיליטער אָבער ווייטער קעמפן איז געווען האָפענונגלאָז. ווען ער האָט אויף זיינע וואַנדערונגען אין פּוילישן גענעראַל - שטאַב נאָך הילף, באַ־קומען אַ תשובה, אַז ער מוז זיך אַליין ראַטעווען, — האָט דער העל־דישער יידישער גענעראַל — זיך דערשאָסן; גלייכער דער טויט איי־דער אין געפאַנגענשאַפט ביי די נאַציס.

בעתן שמועס וועגן דער לאַגע פון די פּליטים, כאַפּן מיר אַ בליק אויפן ביליאַרד - טיש, וועלכער איז געווען ליידיק...

— דאָ איז נאָך קיינער נישט געשלאָפן און אויב איר ווילט איז ביטע זייער.

מיר האָבן זיך אויסגעבעט אויפן ביליאַרד - טיש און צוגע־דעקט מיטן בלוי - ווייסן פאָן פון „השמונאי".

קאַפע „שטוקא" אויף לעגיאָנאָוו איז געווען דאָס אָרט פון די וואַרשעווער פּליטים.

אויף די טרעפּ שטייען יידן און הערן אויס אַ ייד מיט ברילן. צוגעבונדענע מיט שטריקלעך צו די אויערן.

דער ייד איז נאַרוואָס געקומען פון „יענער" זייט און איז דער סעקרעטאַר פון דער קהלה אין ראַדאָם. אַזוי ווי די דייטשן זיינען אַריין האָבן זיי געכאַפּט יידן פון די גאַסן און געשלעפּט צו דער אַר־

בעט; קוים איז דאָס נאָך ווייניק געווען האָט מען נאָך אַרויסגעשלעפּט ייִדן פון די הייזער אויך; זיינען די דאָזאָרעס אַוועק צו דער מאַכט, אַז זיי זיינען גרייט אַליין צוצושטעלן די ייִדן צו דער אַרבעט. יעדן טאָג פלעגן פאַר דער קהלה זיך צונויפזאַמלען 80 ייִדן און ער פלעגט זיי פירן צו דער אַרבעט. 12 בייטאָג פלעגט די קהלה באַזאָרגן מיטיק און 6 פאַרנאַכט האָט מען זיי אַהיימגעלאָזט. אַזוי האָט זיך געפירט 3 וואָכן.

— „הער לויטענאַנט! איך מעלדע דאָס איך האָב געבראַכט 80 לויטע צו דער אַרבעט"...

מיט אָט דעם פּזמון פלעגט ער זיך פאָרשטעלן יעדן טאָג פאַר דעם דייטשן אָפיציר.

דאָס לעצטע מאָל, — ווען ער האָט זיך ווי תמיד געמאָלדן ביים אָפיציר — האָט אים דער נאַצי דערלאַנגט אַ פּאַטש, אַז פונקען זיינען אים געפלויגן פאַר די אויגן און צעבראָכן די ברילן.

טראַכטנדיק, אַז אפשר האָט ער זיך שלעכט געמאָלדן האָט ער איבערגעחזרט און צוגעגעבן דאָס וואָרט „געהאָרכזאַם". אויך דאָס מאָל האָט ער געכאַפּט אַ פּאַטש מיט אַ געשריי „ווייסטו דעם ניכט אַז יודען זינט קיינע לויטע?"

נאָך אין דער זעלבער נאַכט איז דער סעקרעטאַר פון דער ראַדאָמער קהלה אַנטלאָפן פון שטאָט. —

אַ זייער שווערן רושם האָט געמאַכט די ידיעה, וואָס האָט זיך בליץ - שנעל פאַרשפּרייט, אַז מען האָט אַרעסטירט דעם דעפּוטאַט דר. עמיל זאָמערשטיין. —

איך וויל שוואַרצן די רויטע גרענעץ קיין ווילנע

דר. זאָמערשטיין האָט באַקומען 7 יאָר טורמע; פאַרטיידיקט האָט אים דער גרעסטער אַדוואָקאַט אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן, דר. לייב לאַנדוי, אָבער וואָס האָט ער געקאָנט מאַכן, אַז פאַר ניקיטאַ כרושטשאָוו, איז דר. זאָמערשטיין געווען אַ טאָפּלטער „פאַרברעכער" אי אַ דעפּוטאַט אין פּוילישן סיים און אי אַ ציוניסט.

אויף די גאַסן האָבן זיך באַוויזן קלעפּסידרעס — אַז עס איז געשטאָרבן דער שווים - קאַמפּיאָן פון פּוילן בעלאַ דאַווידאָוויטש פון ביליצער „הכח".

דער ווינטער איז געווען זייער אַ שווערער, מיט פראָסט אי־בער 30 גראַד; דערצו זיינען נאָך די פּליטים געווען אינגאַנצן אָן וואַ־רעמע מלבושים;

דעם 21סטן דעצעמבער זיינען די סאָוויעטן באַגאַנגען אַן אַקט פון רשעות, וואָס האָט אַלעמען אויפגעטרייסלט; זיי האָבן אָן אַ שום פריערדיקער מעלדונג אַנולירט די פּוילישע וואַליוטע; הונ־דערטער טויזנטער פּליטים זיינען פּלוצלינג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בעטלערס און נישט געהאַט פאַרוואָס צו קויפן אַ שטיקל ברויט. אַ חוץ אכזריות, האָט דאָ געשטעקט נאָך עפּעס און נעמלעך צווינגען די הונגעריקע פּליטים זיך פאַרשרייבן אַלס שקלאַפן אין די קוילנגרובן פון דאָנבאַס צו אַרבעטן פאַר אַ הונגער־לוין;

אָבער יידן זיינען דאָך אַן עם קשה־עורף האָט מען גע־קריצט מיט די ציין און געהונגערט; אַ חוץ דעם האָבן יידן געליטן אויך מאָראַליש; אַזוי למשל האָבן די צוויי לעמבערגער צייטונגען — אַן אוקראַאינישע און אַ פּוילישע — (קיין יידישע איז נישט געווען) פאַרעפנטלעכט יעדן טאָג אויספירלעכע באַריכטן פון היטלעריסטישן גענעראַל־שטאַב און קוים צוויי שורות, פון ענגליש־פראַנצויזישן גענעראַל־שטאַב;

אַז די מערב־מלוכות האָבן דערטרונקען די היטלעריסטישע פּאַנצער־שיף „גראַף שפּעע" איז מען געוואויער־געוואָרן דורך ראַדיאָ; מיר האָבן זידשטאַרק געפרייט אָבער אין דעם אָוונט ווען מיר זיינען געזעסן ביים ראַדיאָ כדי צו הערן טשערטשילס קאָמענטאַרן וועגן נצחון האָבן די סאָוויעטישע רשעים געלאָזט אין גאַנג אַזעלכע היל־כערס, וואָס האָבן געברומט און געבילט כדי מיר זאָלן נישט הערן די טרייסט־ווערטער פון ענגלישן פרעמיער.

די פאַרביטערונג איז געוואַקסן פון טאָג־צו־טאָג. אין זלאָטשעוו איז אפילו פאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע פון הונגעריקע פּליטים און צענדליקער זיינען אַרעסטירט געוואָרן.

פון קאָוועל איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה וועגן אַרעסט פון די בונדישע פירער ערליך און אַלטער; אַ סך פון אונדזערע האָבן געטראַכט וועגן לויפן צוריק, צו די... דייטשן.

איך האָב באַשלאָסן צו גיין קיין ווילנע מיט דעם „חשבון" צו שוואַרצן די רויטע גרענעץ פּונקט אין סילוועסטער־נאַכט, ווען די ענקאַוועדיסטן וועלן זיין שיכור...

דאָס איז געווען אין לידע (די לעצטע גרויסע סטאַציע פאַר

ווילנע) אין אַ פּריוואַט פּאַרנאַכט, ווען אויפן פּוסטן מאַרק איז אָנ־געפאַרן אַ לאַסט־אויטאָ פול מיט עלטערע מענטשן פרויען און מע־נער, וועלכע זיינען אויסגעשטיגן און שנעל זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

דער לעצטער איז אויסגעשטיגן אַ זקן מיט ברילן אין אַ פאָר־טערנעם היטל און די ווייסע באָרד פאַרבונדן איבערן קאָפּ מיט אַ פאַטשיילע.

צוליבן זעקל, וואָס ער האָט נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון דער האַנט, איז אים געווען שווער אַראָפּצוגיין פון דעם הויכן לאַסט־אויטאָ; איך האָב אים דערלאַנגט מיינע ביידע הענט און אים כמעט ווי אַראָפּגעטראָגן.

— איר זענט דאָך דער ריישער רבֿ!!!

— יאָ, וואָס איז איצט דער חילוק?... —

איך האָב אים געזאָגט ווער איך בין;

אויף מיין פראַגע פונוואַנען ער קומט איצט, האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ שמייכל, אַז פון... חפץ־חיימס ישיבה אין ראַ־דון; דאָרט האָט נ. ק. וו. ד. איינגעאָרדנט אַ צייטווייליקע תפיסה פאַר די, וואָס מען כאַפּט ביים אַריבערגיין די גרענעץ קיין ווילנע. אים האָט מען פאַרהאַלטן מאַנטיק ביינאַכט; זיי האָבן געוואָרפן רעפ־לעקטאָרן און אָנגעלאָזט אַזעלכע גרויסע הינט, וואָס קאָנען צערייסן מענטשן; אים האָט מען באַהאַנדלט נישט שלעכט און דערלויבט יעדן אינדערפרי אָנצוטאָן טלית ותפילין. אין דער „ישיבה" האָט ער אויך געטראָפן דעם רייכן וואַרשעווער באַנקיר, וואַוועלבערג; מען וועט אים מסתמא אויך באַפרייען; דער ריישער רבֿ רעדט מיך שטאַרק אָפּ פון גיין קיין ווילנע. וויל נאָר עלטערע מענטשן לאָזט מען אַרויס נאָך דער „סליעדסטוואָ" דאַקעגן יינגערע מאַכט מען פּראָצעסן פאַר „שפּיאָנאַזש" און זיי באַקומען 10 יאָר קאַטאָרגע.

אויף מיין וועג צוריק נאָך לעמבערג האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין ביאַליסטאָק, וואָס האָט געהייסן „מערבֿ ווייס־רוסלאַנד".

די שטאָט ביאַליסטאָק איז געווען מער „סאָוויעטיזירט" און נאָך פינצטערער ווי אין לעמבערג. אויף די גאַסן האָב איך געטראָפן וואַרשעווער יידן אין צעריסענע מלבושים; דאָרט האָט מען שוין גע־רעדט גאַנץ אָפן וועגן צוריקגיין צו די דייטשן; מען האָט מיר אָפּי־לו איבערגעגעבן נעמען פון באַקאַנטע, וועלכע זיינען שוין אַריבער אויף „יענער" זייט;

אין ביאַליסטאָק איז יאָ דערשינען אַ יידישע צייטונג און טראָץ

דעם, וואָס חברים האָבן מיך צוגערעדט איך זאָל בלייבן, האָב איך לענגער ווי 10 טעג נישט אויסגעהאַלטן. אָבער אין משך פון די דריטהאַלבן וואָכן, וואָס איך בין געווען אין וועג איז אויך אין לעמבערג פינצטערער געוואָרן: די לאָקאַלע מאַכט האָט זיך באמת אָנצוטאָן, וואָס מער צרות די פּליטים; מען האָט געשלאָסן קלובן און קאַוויאַרניעס וואו די אומגליקלעכע מענטשן פּלעגן אריינקומען זיך אָנוואַרעמען ביי אַ גלאָז טיי (אָן צוקער פאַרשטייט זיך);

אויף די טרעפּ פון קאַפע „שטוקאַ" געזעגנט זיך מיט מיגורעוויטש, — דער אייגנטימער פון גרעסטן האָטעל אין אָטוואָצק; — ער פאָרט צוריק אַהיים.

ווען איך האָב אים געפרעגט היתכן? וואו קאָן דאָס אַ ייד פועלן ביי זיך פאָרן צו די היטלעריסטן! האָט ער מיר געענטפערט קורץ און שאַרף: „דאָ איז אַ פּערמאַנענטע גסיסה און דאָרט אַ שנעלער טויט". ער האָט אויסגעקליבן דאָס צווייטע. גורעוויטש האָט נישט מגזם - געווען; איבעריקנס, ער איז געווען נישט דער איינציקער: טויזנטער יידן זיינען צוריקגעלאָפן צו די היטלעריסטן;

יהושע פּערלע — דער מחבר פון פּרעמירטן ווערק „יידן פון אַ גאַנץ יאָר" ווייזט מיר אַ קאַרטל פון לעאָ פינקעלשטיין פון ביאַליסטאָק, וועלכער שרייבט, אַז ער טראַכט ערנסט זיך צו זען מיטן עלטערן חבר ר' הלל (געמיינט ר' הלל צייטלין, וועלכער איז געבליבן אין וואַרשע).

פאַר פּסח איז געקומען די רעגיסטראַציע פון די פּליטים; יעדער האָט געמוזט קומען אין נ. ק. וו. ד. און אויספילן אַ בויגן מיט אָן אַ שיעור שאלות; די הויפּט - שאלה איז געווען צי ער וויל בלייבן דאָ אָדער צוריקפאָרן. פאַקטיש איז די „רעגיסטראַציע" געווען נישט מער ווי אַ „פאַסטקע" כדי נ. ק. וו. ד. זאָל האָבן די גענויע אַדרעסן פון די פּליטים, ווייל דעם 24סטן יוני ביינאַכט האָט מען אָפּגעשלאָסן אַלע גאַסן און אַרויסגעשלעפּט די פּליטים פון די בעטן.

אויף סאָוויעטישער קאַטאָרגן

אויף לאַסט - אויטאָס האָט מען אונדז אוועקגעפירט אין תפיסה — וואו מען האָט אונדז געהאַלטן אין די שוידערלעכסטע באַדינגונגען: אין אַ קאַמער, וואָס איז באַשטימט געווען פאַר 15 פּערזאָן,

האָט מען אונדז אַריינגעוואָרפן 106 ממש דערשטיקט צו ווערן; מיר זיינען געלעגן אויף דער הוילער פּאָדלאָגע, איינער צוגעקוועטשט צום אַנדערן. עטלעכע מאָל האָט מען אונדז געוועקט אינמיטן דער נאַכט צו דער אויספאָרשונג.

פאַרן אַרויספירן אונדז פון די „בריגיטקעס" (די באַרימטע לעמבערגער תפיסה) וואו מיר זיינען געזעסן 18 טעג, האָט מען אונדז אויפן הויף אויסגעטאָן נאַקעט און געהייסן שפּרינגען, צי מען האָט נישט אַמאָל ערגעץ באַהאַלטן אַ באָמבע...

דער גאַנצער וועג פון תפיסה ביז צו דער באַן איז געווען אויסגעשטעלט רויט - אַרמייער, וועלכע האָבן קיינעם צו אונדז נישט צוגעלאָזט.

11 טעג זיינען מיר געפאָרן אין פאַרהעמערטע וואַגאָנעס וואָס האָבן בלויז אין דער הייך געהאַט אַ שפּאַרע פון אַ פענצטערל.

אויסגעלאָדעוועט האָט מען אונדז, 1.545 אַרעסטאַנטן, אין אַ לאַגער, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ וואַלד, 140 קילאָמעטער פון דער שטאָט גאָרקי (ניזשני - נאָוואָגאָראָד);

אויפן צווייטן טאָג האָבן מיר געהאַט דעם ערשטן קרבן, — אַ ווינער ייד פון 49 יאָר, — ראָבערט שטייגער, וועלכער איז בעת דער רייזע געשוואָלן געוואָרן און ס'זיינען נישט געווען קיין מעדיצינען מיט וואָס אים צו היילן.

דער לאַגער האָט געהייסן „סיכאָבעזוואָדנאָיע"; אויף אַ קליינעם שטח זיינען געווען 26 אַזעלכע לאַגערן; אונדזערער האָט געהאַט דעם נומער 17.

די אַרבעט און דאָס עסן איז געווען פּונקט ווי אין מיידאַ־נעק אָדער אוישוויץ, נאָר מיט דעם בלויזן אונטערשיד, וואָס אין „סוכאָבעזוואדנאָיע" זיינען קיין גאַז - קאַמערן נישט געווען; אָבער סטאַלין האָט נישט באַדאַרפט קיין גאַז - קאַמערן, ווייל פון דער שווערער וואַלד - אַרבעט אין שרעקלעכע זומפּן, 14 שעה אַ טאָג און עסן זיינען אונדזערע געפאַלן ווי די פליגן.

ווען טשערטשיל האָט דעם 19טן סעפּטעמבער, 3 חדשים נאָכ־דעם ווי די ברוינע נאַצים זיינען דעם 22סטן יוני 1941 באַפאַלן די רויטע נאַצים, געצוואונגען דעם באָלשעוויסטישן צאַר ער זאָל אַרויסלאָזן פון די לאַגערן די פּוילישע בירגער, זיינען מיר געבליבן נישט מער ווי 335;

די רוסישע אַרעסטאַנטן האָבן אונדז „געטרייסט", אַז אויף

דער פרייַ איז אויך נישט בעסער ווי אין „לאַגער"; זיי האָבן קיין סך נישט איבערגעטריבן.

אין יוני, 1942, ווען די היטלעריסטישע חיילות האָבן פאַר־ניכטעט טימאָשענקאָס אַרמיי און זיך דערנענטערט צו וואָראָניעזש, איז די שטאָט אוריופינסק — וואו איך בין געווען, — באַדראָט געוואָרן פון די דייטשן.

נאָך עטלעכע וואָכן וואַנדערן האָב איך זיך דערשלאָגן קיין קויבישעוו.

אין דער פוילישער אַמבאַסאַדע האָט מען מיך זייער וואַרעם אויפגענומען (אַמבאַסאַדאָר איז געווען דער ליבעראַלער דעמאָקראַט, פּראָפעסאָר סטאַניסלאַוו קאָט); מען האָט מיר געגעבן די שענסטע מלבושים, נייע שיך (עטלעכע פּאָר, כדי איך זאָל קאָנען — אין אַ נויט — טוישן אויף שפּייז - פּראָדוקטן(און אפילו אַן אָרט צו שלאָפן אויפן שטח פון דער אַמבאַסאַדע (כדי מען זאָל מיך נישט אַרעסטירן...).

אין קויבישעוו האָט זיך דעמאָלט געפונען די „סאָוואינפאָרמ־ביוראָ" מיט דער רעדאַקציע „אייניקייט"; איציק פעפער האָט מיר געשאָפן „פּראָוואַשיטעלסטאָוו" און איך האָב זיך אָנגעהויבן פילן „צוריק אין די פעדערן"; פון אים טאַקע בין איך געוואויר געוואָרן, אַז אויף קויבישעווסקאַ 84 געפינט זיך אַ שיל; „ס'וועט זיין פאַר אייך זייער אינטערעסאַנט" — האָט מיר פעפער געזאָגט.

מ'לערנט דעם דף־יומי אין קויבישעוו

ביי אַ גרויסן טיש האָב איך — בין מנחה למעריב, — גע־טראָפן אַן עולם פון אַ דריי מנינים יידן, וועלכע האָבן געלערנט דעם דף יומי; דעם שיעור האָט געזאָגט דער יעלעצער רב און דער עולם לומדים אַרום האָט זיך מפלפל געווען אַזוי ווי אַמאָל אין חברה ש"ס אויף נאַלעווקעס 39.

ביי אַ באַזונדערן שטענדער איז געשטאַנען אַ ייד אַ הויכער מיט אַ ווייסער באָרד, פּאַטריאַרכאַלער ייד אָנגעטאָן אין אַ זיידן היטל מיט אַ ברייטער דענקע אַזוי ווי די ליובאַוויטשער חסידים.

דאָס איז געווען ר' מרדכי דובין, — דער פירער פון אגודת ישראל אין ריגע, — און דעפּוטאַט אין לעטישן פּאַרלאַמענט, — איינער פון די רייכסטע יידן אין לעטלאַנד.

נאָך מעריב האָב איך מיט דעם דאָזיקן אײדעלן ייד געהאַט א שמועס.

אויף מײן פראַגע, וואָס ער מאַכט, האָט מיר ר' מרדכי געענט־פערט: „אַ גלענצנדיקן אײנדרוק; די קאַפּאָטע גלאַנצט, די תחתונים, גלאַנצן...״

דובינען האָבן די סאָוויעטן אַרעסטירט אין 1940 ווען זײ זענען אַרײן קײן ריגע און נאָך אן אינטערווענץ פון אמעריקע האָבן זײ אים אין סוף 1941 אַרויסגעלאָזט פון תפיסה אָבער ער האָט יעדע צווײ וואָכן זיך געמוזט מעלדן אין נ. ק. וו. ד.

איך האָב זיך אויך באַקענט מיט אײנעם פון די לומדים ר' אהרן קאַצענעלסאָן פון באַברויסק, אַ טיפער זקן, אַ פעטער פון פירער פון מפא"י בערל קאַצענעלסאָן.

סוכות האָבן די יידן געהאַט א פאַרשטערטן יום־טוב; נ. ק. וו. ד. האָט בשום אופן נישט געלאָזט מאַכן קײן סוכה; זי האָט מורא געהאַט, אַז אין סכך זאָל מען אַמאָל נישט באַהאַלטן קײן געהײ־מע ראַדיאָ אָדער אַ באָמבע.

לאַנג בין איך אין קויבישעוו נישט געווען, ווײל צוליבן קאָנ־פליקט מיט דער פּוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן — אַרום דעם מאַסן־מאָרד פון 10 טויזנט פּוילישע אָפיצירן אין קאַטינער וואַלד — (די פּוילישע רעגירונג האָט חושד־געווען די סאָוויעטן אין דעם מאַסן־מאָרד) האָט נ. ק. וו. ד. מיך אַרויסגעשיקט פון קויבישעוו אין א פּראָ־ווינצער קאָלכאָז;

ווידער הונגער, נויט און צרות אויף וועלכע ס'איז אויסגע־שטעלט יעדער בירגער אין יענער מדינה, וואָס דאַרף מיט רעכט אָנ־גערופן ווערן „ארץ אוכלת יושביה״ (אַ לאַנד, וואָס פרעסט אויף אירע אײנוואוינער).

וואָס כ'בין אַלץ געוואָרן אין מאָסקווע

דעם 2טן אויגוסט 1945, האָבן די שרײבער־פּליטים פון מאָסקווע מיט לעאָ פינקעלשטײן בראש, אָפּגעפונען מײן אַדרעס און מיר געשיקט אַ „קאָמאַנדיראָווקע״ מיט אן „אַרויספאָדערונג״. — צו קומען אין דער סאָוויעטישער הויפּט־שטאָט, „כדי מיר זאָלן צוזאַ־

מען אהיימפאָרן קיין װאַרשע", האָבן זיי מיר געשריבן.

די לאָקאַלע מאַכט האָט מיט גרויס דרך - ארץ (פאַר מאָסקווע) מיר געגעבן די נייטיקע פּאַפּירן. מיין רייזע קיין מאָסקווע איז געווען „אַ גאַנץ בוך אָנצושרייבן" געגוג, אַז איך בין 48 שעה געשטאַנען אויף די טרעפּלעך פון וואַגאָן און ב"ה אָנגעקומען אַ גאַנצער.

אין נאָוועמבער 1945, האָט די יידישע סעקציע ביים „פאַר־באַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן" אָרגאַניזירט אין מאָסקווע אַ צוזאַמענ־פאָר פון יידישע פּליטים צו וועלכן ס'זיינען געקומען דעלעגאַטן פון גאַנץ רוסלאַנד. דער צוזאַמענפאָר איז געעפנט געוואָרן מיטן יידישן ברען: משה קוסעוויצקי האָט געמאַכט אַן „אל מלא רחמים" לכבוד די 6 מיליאָן קדושים, אַז די ווענט האָבן געציטערט און פּרץ מאַרקיש האָט מיט זיין טעמפּעראַמענט געהאַלטן אַ **יידישע** רעדע, אַזוי ווי אַ נאַציאָנאַלער פּאָעט.

דער צוזאַמענפאָר האָט געדויערט 3 טעג און דעם פּראָטאָקאָל האָבן געפירט; מיין טייערער חבר יוסף שמעון גאָלדשטיין (דער לוס־טיקער פּעסימיסט, — געוועזענער מיטרעדאַקטאָר פון וואַרשעווער „היינט" און איצט אין „פאָרווערטס") און איך.

פון די דעלעגאַטן זיינען מיר געוואויר - געוואָרן פאָלגענדיקע ידיעות: אין לאַגער - שפּיטאָל אין אַלטייסקי קראַי איז אין 1941 געשטאָרבן הרב פּראָפעסאָר משה שאָר;

אין דער סאָוויעטישער טורמע אין וויאַזמי איז אויסגעגאַנגען דר. יהושע גאָטליב, — דער גרויסער זשורנאַליסט און פּאָרזיצער פון זשורנאַליסטן - פּאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13;

אין דער שטאָט סיקטיווקאַר, איז געשטאָרבן אַ געשוואָלענער פון הונגער, דער וואַרשעווער זשורנאַליסט שמעון קראָנגאָלד; אין פער־גאַנאַ איז אין 1942 אויסגעגאַנגען דער באַרימטער וואַרשעווער דירי־גענט מ. שניאור.

אין סאָוויעטישן מיטל - אַזיע איז געשטאָרבן פון הונגער און טיפוס, דער שרייבער פּנחס קאַץ צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינ־דער; זיין ברודער דער אַרטיסט זישע קאַץ האָט זיך געהאָנגען נאָך אין ביאַליסטאָק.

אַ געפרוירענער פון קעלט איז געשטאָרבן אין ציג אין 1942 דער רעדאַקטאָר פון די וואַרשעווער „לעצטע נייעס", הלל מיימון.

אין אַלמאַ - אַטאַ איז געשטאָרבן פון הונגער דער שרייבער קיטאַי; אַ סך דעלעגאַטן האָבן מורא געהאַט צו דערציילן „אַזעלכע" ידיעות אַזוי, אַז דאָס וואָס מיר האָבן דאָ געגעבן איז בלויז אַ מקצת שבמקצת, אַ טראָפּן פון דעם גרויסן סאָוויעטישן טרערן - ים, אין וועלכן אונדזערע פּליטים זיינען דערטרונקען געוואָרן.

אין 1955 שוין ביי כרושטשאָווס ממשלה האָט אַ טעלעגראַמע איבערגעגעבן, אַז אין אַ סאָוויעטישן לאַגער איז נפטר - געוואָרן ר' מרדכי דובין ז"ל. —

יהי זכרם ברוך! —

III

נאָכן חורבן

געטאָ־אויגן...

— אפשר קאָן דער עדות דערקלערן פארן געריכט, וואָס ער האָט געמיינט מיט די ווערטער „דאָס הויז האָט געברענט"? — אויף דער ארישער זייט האָט מען דאָך אין 43סטן יאָר נישט געברענט קיין הייזער! — מיט דער דאָזיקער פראַגע האָט דער פאָרזיצער פון בירגער־געריכט ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן, אדוו. אַלעקסאַנדער אַלאָמוצקי זיך געווענדעט צו אַן עדות, בשעתן משפט איבער דערניידישער עסטראַדע־זינגערין, וויערא גראַן.

דער עדות, אַ מענטש פון אַ יאָר פערציק, פון פאַך אַן אַד־וואָקאַט מיט אַ „גוטן" אויסזען פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און ענטפערט:

— „דאָס הויז האָט געברענט" האָט געהייסן: ווען פאַרשי־דענע פאַרשוינען און שאַנטאַזשיסטן, וועלכע האָבן געזוכט לייכטע פרנסות, זיינען געוואויר־געוואָרן, וועלכער פּאָליאַק באַהאַלט־אויס יידן. אַזעלכע שאַנטאַזשיסטן זיינען געווען אַ סך.

— וואָס האָט מען געטאָן אין אַזאַ פאַל?

— ס'איז געווען זייער ביטער. ווייל בלייבן דאָרט ווייטער אויפן זעלבן אָרט האָט געהייסן אַ זיכערער טויט פאַר זיך און אַ שווע־רער אומגליק אויפן באַלעבאָס פון דער דירה און זיין גאַנצער פאַ־מיליע. מען האָט דעריבער געדאַרפט אַן אַנדער „מעלינע". בייטאָג ארויסגיין אין גאַס האָט מען נישט געקענט, האָט מען צוגעוואַרט ביז ס'איז טונקל־געוואָרן און שלייכנדיק זיך ביי דער וואַנט, איז מען צוגעגאַנגען צו פריינד, אפשר וועט מען געפינען אַן עצה.

— אָבער איר האָט דאָך אַ „גוטן" אויסזען פאַרוואָס האָט איר מורא־געהאַט צו גיין אין גאַס? — פרעגט דער פאָרזיצער.

עדות: יאָ, אַ גוטן אויסזען, אָבער די אויגן...

פאָרזיצער: איר האָט דאָך נישט קיין יידישע אויגן!

דער עדות בלייבט שטיין, גלאָצט מיט די אויגן אַרום אי־בערן גאַנצן זאַל און הייבט־אָן זייער שטיל אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ גרויסע קאָנספּיראַציע... דער וואָס איז נישט געווען אין וואַרשעווער געטאָ, דער וועט דאָס קיינמאָל נישט קאָנען פאַר־שטיין. דער עדות ווערט דרייסטער און הייבט אָן רעדן העכער: ווען איר זאָלט האָבן אפילו אַ פּנים פון אַ פּוילישן שליאַכטשיץ מיט לאַנגע

געדרייטע וואָנסעס. נאָר קוים זיינען אייערע אויגן געווען אין וואַר־שעווער געטאָ, זענט איר אַ פאַרפאַלענער... דאָס זיינען געטאָ־אויגן, אויגן פול מיט אימה און פחד, אויגן תמיד פייכטע, וועלכע קענען קיינמאָל נישט געבן קיין שמייכל.

די ווערטער פון עדות האָבן מיך דערמאָנט אין דער באַרימ־טער דערקלערונג פון הויפט - עדות אדוו. מאַשלאַנקאַ בשעתן משפט אין העכסטן טריבונאַל איבער דעם וואַרשעווער גובערנאַטאָר פישער. אַדוו. מאַשלאַנקאַ האָט נעמלעך דערקלערט: אין אָשוויענטשים האָב איך מיך געפילט ווי אַן אַרעסטאַנט לגבי וועלכן ס'גילטן אויך געוויסע געזעצן. אין וואַרשעווער געטאָ אָבער — האָט ער אויסגעשריען — בין איך געווען אַזוי ווי אַ ווערימל וואָס קאָן צעריבן ווערן ביים קלענסטן בלאָז פון אַ ווינטל!

אַ צווייטער יידישער עדות אויפן זעלבן פישער - פּראָצעס, אדוו. וואַרמאַן האָט דערציילט, ווי אַזוי ער האָט געזען אויף שליסקאַ גאַס, דאָרט וואו ס'האָט געלעבט ר' הלל צייטלין ז"ל, האָבן היטלע־ריסטן מיטן געלעכטער אין פּרצוף, געצילט פון זייערע אויטאָמאַטן צו יידישע קינדער אַזוי ווי צו קאַטשקעס: אָט דאָס איז געווען דער וואַרשעווער געטאָ.

אַליציאַ קאָזערסקאַ... דאָס איז געווען דער נאָמען, אויף וועלכן אַ יידישע סטודענטקע דבורה גאָלדשטיין, האָט אַרויסבאַקו־מענדיק זיך דורך אַ קאַנאַל פון געטאָ אויף דער אַרישער זייט, באַש־לאָסן זיך צו מאַכן אַ „קען - קאַרטע". דבורה גאָלדשטיין האָט געהאַט אַזאַ אויסזען וואָס איז פאַר יענער צייט געווען ממש ברילאַנטן... דערצו האָט זי נאָך גערעדט פּויליש שענער פון פּאָליאַקן.

ס'איז איר געלונגען אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט דער פּויליש־שער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אויך געהאַט אירע מיטגלידער אין דער פּאַספּאָרטן - אָפּטיילונג ביים וואַרשעווער מאַ־גיסטראַט. „אַליציאַ קאָזערסקאַ, די טאָכטער פון יאַן און גענאָוועפאַ, פונדערהיים מאַטושטשאַק" — האָט געדאַרפט גיין אין מאַגיסטראַט צו די באַאַמטע אין דער פּאַספּאָרטן - אָפּטיילונג כדי צו געבן איר פינגער - דרוק אויף דער קען - קאַרטע.

כדי נישט צו ריזיקירן מיט אַ יונג לעבן זיינען די באַאַמטע פון דער פּאַספּאָרטן - אָפּטיילונג געווען זייער פּאָרזיכטיק און גע־היים, אַז זי זאָל פריער צושיקן דורך אַ שליח איר פאָטאָגראַפיע. די מורא איז געווען דערפאַר, ווייל דעם אונטערשריפט אויף דער „קען־

קאַרטע" האָט געדאַרפט געבן אַ פאַרשווין צו וועלכן די באַאַמטע האָבן קיין צוטרוי נישט געהאַט.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די ערשטע צוויי פאָטאָגראַפיעס האָבן די באַאַמטע מורא - געהאַט אָנצונעמען. אַלץ איז געווען אין אָרדענונג: דאָס פּנים, די פריזור, דאָס פאַררויסענע נעזל... נאָר איין זאַך האָט דאָרט נישט געטויגט: די אויגן... „אוי וואָס פאַרא טרויעריקע אויגן האָט די קאָזערסקאַ" — האָבן די באַאַמטע פּשוט זיך דערשראָקן. ערשט ביים דריטן מאָל פאָטאָגראַפירן ווען דער פאָטאָגראַפיסט (אויך פון דער אונטערערד) האָט מיט איר איינשטודירט ווי אַזוי זי זאָל קינסטלעך שמייכלען, איז אים דאָס קוים - קוים אַביסל געלונגען.

אַליציאַ קאָזערסקאַ איז אַליין אַוועק אין מאַגיסטראַט, געגעבן איר פינגער - צייכן און באַקומען אַ קען - קאַרטע, אַ כּשרע על צד היותר טוב.

ביים אַוועקגיין האָבן איר די באַאַמטע געראָטן, אַז מיט אַזעלכע טרויעריקע אויגן זאָל זי פונדעסטוועגן זיצן אינדערהיים...

דער פּאָליאַק ביי וועלכן אַליציאַ קאָזערסקאַ האָט געוואוינט איז געווען אַ פרייליכער און אַ זייער ליבעראַלער מענטש. וועגן יידן האָט מען שוין דאַמאָלסט ווייניקער גערעדט, ווייל ס'איז שוין געווען 8 חדשים נאָך דער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ, אַליציאַ קאָזערסקאַ איז אָבער אַלץ געזעסן אין שטוב און נישט אָנגעקוקט די ליכטיקע שיין. דער בעל - הבית האָט איר געוואָלט אַ ביסעלע אויפהייטערן און איר פאָרגעלייגט זי זאָל גיין צוזאַמען מיט זיין גאַנצער פאַמיליע אין קלויסטער אויף „באָזשע נאַראָדזעניע".

דאָס יידישע מיידל האָט מסכּים געווען, ווייל דער קלויסטער איז ווירקלעך געווען אַ זיכער אָרט. בפרט נאָך מיט אַזאַ אויסזען ווי זי האָט געהאַט.

צי זי האָט זיך גוט געפילט צי נישט, געדענקט זי שוין איצט נישט נאָר איין מאָמענט איז איר פאַרבליבן אין זכּרון: ביים אַרויסגיין פון קלויסטער אין גרויס ענגשאַפט האָט זי זיך פּלוצלונג צונויפגעטראָפן מיט נאָך אַ פּאָר אויגן. פּונקט אַזעלכע טרויעריקע געטאָאויגן ווי זי האָט געהאַט. יענע אויגן האָבן זיך שנעל אַוועקגעדרייט. אויך אַליציאַ קאָזערסקאַ האָט געטאָן דאָס זעלבע.

מער איז זי שוין אין קלויסטער נישט געגאַנגען. 4 געטאָ־אויגן אויף איין אָרט זיינען דעמאָלט געווען צו געפערלעך...

יצחק באָרענשטיין

איידעלע פעלקער

די גאַנצע וועלט איז מודה, אַז אָן דער מיטהילף פון דער אָר־טיקער ציווילער באַפעלקערונג וואָלט נישט מעגלעך געווען דער מורא־דיקער ציפער: **זעקס מיליאָן** אומגעבראַכטע יידן. סוף־כל־סוף איז קיין שום ייד נישט געגאַנגען פרייוויליק צו די דייטשע תלינים. פאַרקערט, אין אַ גאַנצע ריי שטעט אין פוילן ווי: וואַרשע, ביאַליסטאָק, בראַנסאָוויטש א. א. האָבן יידן געשטעלט אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד און כמעט אומעטום, אפילו אין די קאָנצענטראַציע ־ לאַגערן איז אָנגע־גאַנגען דער ווידערשטאַנד. יעדער איינער האָט געטאָן אַלץ כדי אויס־צומיידן דעם ביטערן גורל אַזוי, אַז די דייטשן איז די פאַרטיליקונג נישט אָנגעקומען לייכט. ווען מען נעמט נאָך אין אַכט, אַז אָנהייבנדיק פון 22־סטן יוני 1941 (נאָכן איבערפאַל פון היטלערן אויף סאָוויעט־רוסלאַנד) האָבן די דייטשן געמוזט האַלטן אַ פראָנט פון 2000 קילאָ־מעטער, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז זייער טייוולאָנישער פּלאַן קעגן אונדזער פאָלק, כאָטש ער איז געהעריק אויסגעאַרבעט און צוגע־גרייט געוואָרן, איז ער דאָך „טעכניש" געווען גאָרנישט אַזוי לייכט דורכצופירן.

אָבער אין דאָזיקן קאַפּיטל בין איך נישט אויסן זיך אָפּצושטעלן ברייטער אויף די גאַנץ ־ רוצחישע און האַלב ־ רוצחישע פעלקער, וועלכע האָבן צוגעהאָלפן די היטלעריסטן אויסצופירן זייער בלוטיקע אַרבעט. אויב איך טו דאָס יאָ איז עס כדי מקיים־צו־זיין דעם:

„זכור את אשר עשה לך עמלק".

יאָ, זיי זענען לײדער געווען זייער אַ סך די עמלקים. דאָס מיינט מען: די אוקראַינער, די ליטווינער, די לאַטישן, די ווייס ־ רוסן און ־י פּאָליאַקן.

איך האָב קלאַסיפיצירט די אוקראַינער אויפן ערשטן אָרט. זיי, די אוקראַינער האָבן דעם דאָזיקן „בכבודיקן" פּלאַץ כשר פאַרדינט.

זיי האָבן נישט געוואַרט אויף די באַפעלן פון די דייטשן. די אוקראַאינער האָבן געשאָכטן יידן אויף אייגענער האַנט און האָבן אין דער הינזיכט דערגרייכט ממש אַ רעקאָרד.

נישט איינער פון זיי רימט זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג, אַז אין קיעוו, אין דער גרויסער יידישער שטאָט זענען פון 110 טויזנט יידישע איינוואוינער, לעבן - געבליבן בלויז **דרייצן.**

איך האָב וועגן דעם געהאַט אַ שמועס מיט איליאַ ערנבורג, ווען ער איז אין סוף 1947 געווען אין וואַרשע. ערנבורג האָט מיר מודה־געווען, אַז דער ציפער שטימט. ער האָט נאָר בלויז צו מיין וואָרט „אוקראַאינער" צוגעטשעפּעט דאָס וואָרט „פאַשיסטן". איך בין שטאַרק מסופק צי די הונדערטער טויזנטער אוקראַאינער, וועלכע האָבן אויסגעקוילעט די יידן פון: קיעוו, באַרדיטשעוו, זשיטאָמיר, ראָוונע און אָטוואָצק האָבן געהאַט פאַשיסטישע לעגיטימאַציעס אין קעשענע. לויט ווי מיר דוכט זיך האָבן שוין די אַלע אוקראַאינער געהאַט (ביז דער צייט פון חורבן) העכער צוויי צענדליק יאָר קאָמוניסטישע דערציאונג מיט גאָר אַנדערע לעגיטימאַציעס ווי פאַשיסטישע...

איך האָב אויך נישט בדעה מיט מיין „קלאַסיפיצירן" די פּאָליאַקן אויפן לעצטן אָרט פון די רוצחישע פעלקער, כדי אויף זיי מלמד־זכות־צו זיין. עס האַלט גאַנץ ווייט דערפון. די פּאָליאַקן זענען פאַרשריבן מיט אַ טרויעריק קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון אונדזער חורבן. דאָך אָבער קען מען זיי נישט פאַרגלייכן מיט די אוקראַאינער. ס'איז דאָך אַ באַקאַנטער פאַקט, וואָס ס'האָבן מיר איבערגעגעבן דאָס ביסל לעבנ־געבליבענע וואַרשעווער יידן, אַז ווען נישט דער טראַגישער אויפשטאַנד פון גענעראַל באָר - קאָמאַראָווסקי אין אויגוסט 1944 וואָלטן מיר געהאַט אין וואַרשע נאָך 20 טויזנט לעבעדיקע יידן, וואָס זענען געווען אויסבאַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט. דאָס ווייזט, אַז אַ געוויסער פּראָצענט פּאָליאַקן האָט נישט געאַרבעט מיטן מעסער. דאָס זעלבע קען מען אָבער נישט זאָגן, נישט וועגן די ליטווינער און אויך נישט וועגן די ווייס - רוסן, וועלכע האָבן אין מינסק און אין האָמעל אָנגע־

הויבן דורכפירן שחיטות אויף יידן נאָך איידער זיי האָבן באַקומען דעם באַפעל פון די דייטשן.

ווי פריער דערמאָנט איז אָבער נישט דאָס דער צוועק פון מיין אַרטיקל. אגב איז וועגן די רוצחים - פעלקער און פעלקערלעך ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן געשריבן געוואָרן, דאַקעגן האָט מען זייער ווייניק דערמאָנט און כמעט ווי גאָרנישט, נישט געשריבן וועגן די פעלקער און מלוכות אין אייראָפּע, וועלכע האָבן אין די טעג פון שרעקלעכן חורבן יאָ אויסגעשטרעקט אַ וואַרימע האַנט צו אונדזערע גערודפטע ברידער און שוועסטער.

קודם - כל גייען דאָ דריי מאָנאַרכיסטישע (!) מלוכות: שוועדן, דענעמאַרק און האָלאַנד. שוועדן האָט געהאַט דאָס מזל אויסצומיידן די היטלעריסטישע אָקופּאַציע. דאַקעגן זענען דענעמאַרק און האָלאַנד געווען אָקופּירט. און אָט די דאָזיקע מלוכות, וועלכע זענען געווען אונטערן שרעקלעכן טעראָר (אויך שוועדן איז געווען טעראָריזירט און האָט געמוזט צושטעלן היטלערן רוי - מאַטעריאַלן פאַר זיין קריגס-מאַשין), האָבן אַסך ריזיקירט און געראַטעוועט יידן. אַזוי, למשל, האָט דער פאַרשטאָרבענער קעניג פון דענעמאַרק מעטאַקסיאַן באַוויזן אַרי-בערצושיקן אַלע יידישע בירגער קיין שוועדן און זיי זענען אַלע לעבנגע-בליבן. פאַרשטייט זיך, אַז ווען די דענער און שוועדן וואָלטן געווען רוצחים אָדער מוסרים וואָלט דער דאָזיקער פאַל נישט מעגלעך געווען.

אויך די האָלענדישע קריסטן זענען אַ שיין קאַפּיטל אין אונדזער געשיכטע:

אין האָלאַנד האָבן בשעת דער היטלעריסטישער אינוואַזיע זיך געפונען 145 טויזנט יידן. אַ סך פון זיי האָבן מיט דער הילף פון דער רעגירונג און פאָלק באַוויזן צו עמיגרירן. 40 טויזנט זענען באַהאַלטן געוואָרן דורך קריסטן. ליידער האָט זיך דאָס נישט אינגאַנצן איינגעגעבן און 25 טויזנט יידן זענען ליקווידירט געוואָרן דורך דער „געסטאַפּאָ".

די אָנגענעמסטע איבעראַשונג אָבער האָבן אונדז געמאַכט די איטאַליענער. אָט דאָס דאָזיקע פאָלק, וואָס איז געווען העכער 20 יאָר אונטער מוסאָלינים פאַשיסטישער הערשאַפט, האָט ביי יעדער גע-

לעגנהייט אַרויסגעוויזן די וואַרימסטע ברידערלעכע געפילן צו די גערודפטע יידן. געווען אויך פאַלן ווען איטאַליענישע סאָלדאַטן און אָפיצירן האָבן זיך ממש מוסר־נפש געווען פאַר יידן.

עטלעכע לעבעדיקע פאַקטן, וועלכע זענען דער ברייטער עפנט־לעכקייט אפשר נישט באַקאַנט, וויל איך דאָ איבערגעבן. דאָס זענען פאַקטן, וועלכע קענען נישט באַצווייפלט ווערן ווייל זיי זענען מיר אי־בערגעגעבן „במסיח לפי תומו":

אַ פוילישע פרוי אַן אייגנטימערין פון אַ שפּייז־און פּרוכטן־געשעפט אין שעדלעץ האָט מיר דערציילט ווען אין אַ זומערדיקן פאַר־נאַכט אין יאָר 1942 זענען אין איר קראָם אַריינגעלאָפן פאַרסאָפּעטע עטלעכע זעלנער, וועלכע האָבן געשריען צו איר אויף אַ לשון, וואָס זי האָט נישט פאַרשטאַנען. די זעלנער האָבן געכאַפּט זעמל, פּאַפּיראָסן און פּרוכטן, אַנידערגעוואָרפן אויפן טיש געלט און אַרויסגעלאָפן. די פרוי איז אַ דערשראָקענע אַרויס אויפן גאַס און געזען ווי די פרעמדע זעלנער האָבן אַריינגעוואָרפן די שפּייז מיט די פּאַפּיראָסן אין אַ מחנה יידן, וועלכע זענען פאַרהושכטע און פאַרפייניקטע באַוואַכט פון עס־עס־לייט, צוריקגעקומען פון דער אַרבעט אין געטאָ־אַריין. די פרעמדע זעלנער זענען געווען איטאַליענער און ס'איז שיער נישט געקומען צו אַ געשלעג צווישן זיי מיט די עס־עס־לייט, וועלכע האָבן מיט די קאָלבעס פון די ביקסן געשלאָגן די יידן, וועלכע האָבן געכאַפּט די שפּייז.

דעם צווייטן פאַל האָט דערציילט אַ ייד, ווען מיר זענען געזעסן ביים קאָלעקטיוון סדר אין לאָדזשער ליטעראַטן־פאַראיין אין יאָר 1947. ער האָט דערציילט אַ געשיכטע ווי איטאַליענישע אָפיצירן וועלכע האָבן הינטער מיילאַנד באַוואַכט 4000 יידן אין אַ אינטערנירונגס־לאַגער (דאָס איז געווען נאָכדעם ווי מאַרשאַל באַדאַליאָ האָט זיך אָפּ־געריסן פון היטלערן און „געסטאַפּאָ" האָט גענומען הערשן אין צפון־איטאַליע). באַקומענדיק אַ ידיעה, אַז געסטאַפּאָ דאַרף קומען און דעפּאָרטירן די יידן קיין אושוויץ האָבן די איטאַליענישע אָפיצירן איבערגעריסן די עלעקטרישע און טעלעפאָן־דראָטן און אין דער פינס־טערניש געהייסן אַלע יידן אַנטלויפן פון לאַגער כדי זיי זאָלן זיך ראַ־

טעוועז פון טויט.

אויך פראנצויזן האבן זיך בדרך כלל געהאלטן ווירדיק און זיך באצויגן מענטשלעך צו די יידישע בירגער כאטש נישט אין אזא מאס ווי די איטאליענער, וועלכע גייען לויט מיין מיינונג אויפן ערשטן ארט צווישן די פעלקער, וועלכע האבן געראטעוועט יידן.

מאדנע קלינגט עס עפעס: מוסאלינים איטאליענער גייען אויפן ערשטן ארטביים ראטעווען יידן און כרושטשאווס אוקראינער גייען אויפן ערשטן ארט ביי מארדן יידן. אבער פארפאלן: פאקטן קען מען נישט אפלייקענען, הגם עס וועט א טייל מארקסיסטן נישט געפעלן אבער איך קען מיר גארנישט העלפן.

אויך **דאס** מוזן מיר געדענקען!

מ'פירט אונדז ווייזן מאידאנעק

עשרת ימי תשובה פון יאר 1946, האט אונדז די פוילישע רעגירונג איינגעלאדן קיין מיידאנעק, אויף די פייערלעכקייטן פון אויפ־שטעלן 21 פאוויליאנען וואס סימבאליזירן די צאל פון די געפייניקטע פעלקער. מיר האבן געדארפט באערן דעם יידישן פאוויליאן.

צו יענער צייט איז די שטימונג ביי די יידן געווען זייער א געדריקטע. מיר האבן נאך נישט אפגעכאפט דעם אטעם נאך דעם שרעקלעכן פאגראם אין קעלץ (4טן יולי 1946) וואו די פאליאקן האבן אין איין טאג אויסגעשאכטן 41 יידן און 84 פארוואונדעט, און געוויזן אויף וואס זיי זיינען פעאיק.

אגב איז דאס פארן קיין מיידאנעק געווען פארבונדן מיט סכנת נפשות, ווייל אין די געדיכטע וועלדער ארום לובלין האבן דע־מאלט גראסירט באוואפנטע באנדעס פון טויזנטער פאשיסטן, וועלכע האבן געקעמפט קעגן דער רעגירונג און קודם־כל — קעגן יידן.

אונדזער גרופּע איז באַשטאַנען פון די דיכטער אברהם סוצ־קעווער, חיים גראַדע, שמערקע קאַטשערגינסקי ע״ה, עטלעכע מיטגלי־דער פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט און עטלעכע געסט פון אויס־לאַנד דערונטער אויך דער רעדאַקטאָר פון ניו יאָרקער „מאָרגן־פרייהייט" פּסח נאָוויק און ראובן זאַלצמאַן. אַרום און אַרום — 12 פּערזאָן!

ערגעץ אויף אַ ווייטער פּלאַטפאָרמע אויפן פּוסטן מזרח־וואַקזאַל, האָבן אונדז באַאַמטע פאַרנאַכט אַוועקגעפירט אין געהיים צו אַ צוג, וועלכער האָט אויף אַלעמען אָנגעוואָרפן אַ פּחד: די פאַר־דערשטע צוויי וואַגאָנעס, מיט האַרמאַטן און זעלנער. דאָס זעלבע אויך אויף די אונטערשטע וואַגאָנעס וועלכע זיינען געווען פאַר די געסט האָבן געהאַט אויף די דעכער, סאָלדאַטן מיט פּולעמיאָטן.

געפאָרן זיינען מיר דעם גאַנצן וועג אין דער פינצטער, כדי די באַנדעס זאָלן אונדז נישט דערשנאַפּן.

אין שכנותדיקן וואַגאָן זענען געזעסן די מיטגלידער פון דיפּ־לאָמאַטישן קאָרפּוס, פאָרשטייער פון די אַלע פעלקער, וועמענס זין זיינען געפייניקט געוואָרן אין מיידאַנעק.

קיין לובלין זיינען מיר אָנגעקומען שפּעט אין דער נאַכט. שלאָפן האָבן מיר סיי ווי סיי נישט געקענט, האָט חיים גראַדע גע־לייענט פאַר מיר זיינע נייע לידער.

צומאָרגנס, ווען מיר זיינען אין אַ פּרעכטיקן טאָג פון פּויִ־לישן „גאָלדענעם הערבסט" אָנגעקומען קיין מיידאַנעק, האָבן מיר די 12 יידן, געטראָפן אַן עולם פון 30 טויזנט פּאָליאַקן, מיטן לובלינער ביסקופּ און אַ סך גלחים, וועלכע האָבן אָפּגעריכט די רעליגיעזע צע־רעמאָניע. דאָך אָבער האָבן די טויזנטער פּאָליאַקן געקוקט אויף אונדז מיט ספּעציעלע אויגן, אַזוי ווי מען קוקט אויף די „אמתע מחותנים פון דער שמחה".

אויפן יידישן פּאַוויליאָן האָט מען אַרויפגעצויגן אַ בלוי־ווייסע פאָן און אויף די איבעריקע פּאַוויליאָנען די פאָן פון יעדן לאַנד דער יוסטיץ־מיניסטער הענריקאָווסקי האָט געהאַלטן אַ רעדע קעגן

די רוצחים, אז מער וועט אזעלכעס זיך נישט איבערחזרן.

אין יידישן פאוויליאָן איז געשטאַנען אן עמוד מיט ליכט; מען האָט געמאַכט אן אל מלא רחמים און געזאָגט קדיש. געוועזן לובלי־נער פאָליאַקן, אַרעסטאַנטן פון מיידאַנעק, וואָס האָבן אונדז אַרויס־געוויזן פריינטשאַפט און איבערגעגעבן דעם פאַקט וואָס אין אַלעמען דאָרט געווען באַקאַנט אַז דעם 3טן סעפּטעמבער 1943 האָט מען אין מיידאַנעק אויסגעגראָבן גריבער אויף אַ לענג פון 2 קילאָמעטער און באַגראָבן 18 טויזנט אַרעסטאַנטן, וועלכע זיינען פאַרטאָגס דערשאָסן געוואָרן. די 18 טויזנט אַרעסטאַנטן האָבן געהערט צו איין פאָלק, און נעמלעך: צום יידישן פאָלק.

אוודאי, זיינען אין מיידאַנעק, אוישוויץ, בוכענוואַלד און ראַכאַו געווען אויך אַרעסטאַנטן פון אַנדערע פעלקער; געווען ביי זיי טויטפאַלן אין די צענדליקער און אין די הונדערטער, און אפשר אפי־לו אין די טויזנטער, אָבער נישט אין די מיליאָנען. און דעריבער טוט מען אונדז אַ מאָראַלישע עוולה, ווען מען וויל די שרעקלעכע רציחות פון די נאַציס לגבי דעם יידישן פאָלק, אַריינגעמען אין דער ראַם פון „אַלגעמיינע פאַרברעכנס".

דער טויטן - לאַגער אין אָשוויענטשים

ווער ווייסט דאָס נישט, אַז אָשוויענטשים (אוישוויץ) איז געווען דער גרעסטער טויטן - לאַגער פאַר יידן און האָט גורם - גע־ווען דעם **גרויזאַמען** ציפער פון זעקס מיליאָן!

און נישט בלויז יידן ווייסן, וואָס ס'איז אַזעלכעס געווען אָשוויענטשים; נישט ווייניקער פון די יידן ווייסן דאָס אויך זייער גוט די פאָליאַקן; אין זייער מדינה האָט היטלער איינגעאָרדנט דאָס צענטראַלע „שעכט - הויז" פון גאַנץ אייראָפּע און אין דעם יידישן שטעטעלע אָשוויענטשים, וואָס ליגט איצט - אָן יידן צווישן קראָקע

און קאַטאָוויץ, האָט מען געבויט אַ טאָפּלטע באַן ־ ליניע כדי די צוגן וואָס האָבן געפירט די טראַנספּאָרטן מיט יידן פון די געטאָס, זאָלן נישט פאַרלירן קיין צייט און קענען גלייך צופאָרן צו די גאַז־אויוונס...

אָבער ווער האָט זיך געקענט פאָרשטעלן אַז די געשיכטע־פעלשער זאָלן זיין אַזוי נידערטרעכטיק און אויף אַזאַ ציניש אופן פאַר־לייקענען די שרעקלעכסטע טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק?

דער יידישער וועלט ־ קאָנגרעס האָט שוין באַצייטנס אַרויס־געגעבן זיין אויפרוף צו די קהלות איבער דער גאָרער וועלט אָפּצומערקן מיט יראת הכבוד די דאַטע פון כ״ז ניסן, וואָס פאַלט אויס היי־יאָר דאָנערשטיק דעם 17טן אַפּריל — דער 15טער יאָרטאָג פון די גבורים און קדושים.

אין פוילן ווידער האָט מען זיך צוגעאייַלט און געפּראַוועט אַ „יאָמטעף״ שוין דעם 27סטן יאַנואַר און די אָפיציעלע פוילישע פּרעסע־אַגענטור (פּאַפּ) האָט דאָס פונאַנדערגעטראָגן איבער דער גאַנצער וועלט.

און אָט איז דער אינהאַלט פון דער מעלדונג פון „פּאַפּ״, וועלכע מיר ברענגען גענוי וואָרט ביי וואָרט, נישט ענדערנדיק אפילו קיין איין אות, אַזוי ווי זי איז געווען געדרוקט אין דער וואַרשעווער „פאָלקס ־ שטימע״:

קראָקע (פּאַפּ) — דעם 27סטן יאַנואַר 1945 האָט די סאָוויע־טישע אַרמיי באַפרייט די שטאָט אָשוויענטשים און געעפנט די טויערן פונעם טויטן ־ לאַגער פאַר די נאָך לעבן ־ געבליבענע קרבנות פון היטלעריזם.

אין 13טן יאָרטאָג פון דאָזיקן אומפאַרגעסלעכן טאָג — דעם 27סטן ד. ח. איז אין דעם געוועזענעם טויטן ־ לאַגער אָפּגעגעבן גע־וואָרן כבוד דעם אָנדענק פון די 4 מיליאָן דערמאָרדעטע מענטשן פון פיל לענדער.

צו די פייערונגען זיינען צאָלרייך געקומען די געוועזענע אַרעס־טירטע פון אָשוויענטשים און בזשעזינקע.

אין טיפער שטילקייט זיינען די פאַרזאַמלטע געשטאַנען ביי דער טויטן - וואַנט פונעם בלאָק 11, וואו עס זיינען געלייגט געוואָרן קרענץ. אין נאָמען פונעם אינטערנאַציאָנאַלן אָשוויענטשימער קאָמיטעט האָט געלייגט אַ קראַנץ טאַדעוש האָלוי און אין נאָמען פון דער פּוילי־שער סעקציע פונעם אינטערנאַציאָנאַלן אָשוויענטשימער קאָמיטעט, דר. סטאַניסלאַוו קלאָדזשינסקי.

די אָנטיילנעמער פון די פייערונגען זיינען דערנאָך געגאַנגען אויפן אָרטיקן בית - עולם, וואו אויף די קברים פון די סאָוויעטישע זעלנער, וועלכע זיינען געפאַלן אין קאַמף פאַר באַפרייען אָשוויענטשים, זיינען געלייגט געוואָרן קרענץ. צוו. אנד. האָט געלייגט אַ קראַנץ דער ערשטער סעקרעטאַר פונעם וואָיעוואָדישן קאָמיטעט פון פּזפּר אין קראָקע — דער דעפּוטאַט לוציאַן מאָטיקאַ".

דעם אמת געזאָגט, קענען מיר נישט האָבן קיין טענות צו דער פּוילישער רעגירונג פאַר פּראַווען דאָרט אַזעלכע מיני זאַכן הגם אַלע ווייסן אַז דעם 27סטן יאַנואַר 1945 ווען די סאָוויעטישע אַרמיי איז דאָרט אַריין האָט זי שוין קיינעם נישט געטראָפן, ווייל שוין מיט צוויי וואָכן פריער האָט מען אַרויסגעפירט פון דאָרט דאָס לעצטע רעשטל פון 18 טויזנט יידן; נישט אַלע פון זיי זיינען לעבן געבליבן ווייל ווי ס'האָט מיר באַלד נאָכן קריג דערציילט אין וואַרשע איינע פון די קרבנות, די קונסט - מאַלערין ראָזענשטראַך (איצט אין ישראל), האָט מען זיי אַרויסגעפירט פון לאַגער בעת אַ שטאַרקער פראָסט און שניי - זאַווערוכע. אויף די פיס האָבן זיי געטראָגן שמאַטעס און אין שמאַטעס זיינען זיי געווען איינגעהילט ביז איבערן פּנים. אַזוי האָט מען זיי. געפירט אין דער ריכטונג צו דייטשלאַנד עטלעכע טעג אָן עסן און אָן טרינקען; פאַר אַראָפּבייגן זיך און כאַפּן אַ ביסל שניי האָט דער עס־עס־מאַן אַ צי - געטאָן ביים צינגל פון דער ביקס און דער קרבן איז געפאַלן אַ באַגאָסענער מיט בלוט אויפן ווייסן טרוקענעם שניי. אַזעלכע פאַלן זיינען געווען זייער אַ סך אָבער אַ טייל האָט זיך דאָך דערשלאָגן קיין דייטשלאַנד און געראַטעוועט געוואָרן דורך די

ענגלענדער און אַמעריקאַנער. און אַט דער דאָזיקער טייל „אָשוויענ־טשימער" איז דער וואָס מיר טרעפן דאָ ביי אונדז מיט די נומערלעך אויף די הענט:

אָבער ווי געזאָגט אַרט אונדז נישט וואָס מען האָט זיך איצט נאָך 13 יאָר, „דערמאָנט" אין קראָקע ווי אַזוי די רויטע אַרמיי האָט „געראַטעוועט" קרבנות אין אָשוויענטשימער לאַגער ווען דאָרט איז שוין קיין ילד - אשה נישט געווען. און קיין טענות קענען מיר דערפאַר צו דער פוילישער רעגירונג נישט האָבן, ווייל מיר ווייסן אַז זי געפינט זיך אונטער דער קאָנטראָל פון קרעמל און מען מוז אים פון צייט - צו - צייט געבן אַ שטיקעלע שאַנס. און אויב ביז איצט איז דער „שאַנס" באַשטאַנען פון געבן דעם קרעמל, קוילן מיט צוקער און אויטאָמאָבילן, מאַכט מען דאָס לעצטנס נאָך דער וואַרשעווער „רעוואָלוציע" פון אָקטאָבער 1956 מיט אַ ביסל סאָוויעטישער פראָ־פּאַגאַנדע, וואָס מאַכט אוים ביליקער...

מיר האָבן אויך נישט קיין טענות צו דער „פאָלקס־שטימע" ווייל זי האָט קיין ברירה נישט און אין אַ קאָמוניסטיש לאַנד מוזן רעדאַקטאָרן אָפּדרוקן אָפיציעלע קאָמוניקאַטן הגם מען ווייסט אַז זיי שטימען נישט מיטן אמת.

דאַקעגן אָבער ווען מיר אויסדריקן אונדזער שאַרפסטן פּראָטעסט פאַר געבן שאַנסן אויפן חשבון פון אונדזער בלוט, ווייל שרייבן אין אַן אָפיציעלן קאָמוניקאַט „4 מיליאָן דערמאָרדעטע מענטשן פון פיל לענדער" איז אַ בפירושער ליגן און אַ פרעכער ליגן! און דאָס דאַרפן מיר נישט טאָלערירן.

אוודאי זיינען געווען אין אָשוויענטשימער „טויטן־קאָמבי־נאַט" אַרעסטאַנטן פון פאַרשידענע לענדער; געווען פראַנצויזן; געווען רוסן; געווען טשעכן און געווען אוקראַינער. און דייטשע אַרעס־טאַנטן זיינען נישט געווען? און געווען זיינען זיי דאָרט אין די טויזנ־טער; ווייל היטלער האָט נאָכגעמאַלפּעוועט סטאַלינען און געשיקט אין די קאָנצענטראַציע - לאַגערן פאַרשידענע טיפּן פון קרימינעלע פאַר־

ברעכער. אויך פּאָליאַקן זיינען דאָרט געווען און צווישן דעם קליינעם טייל פּאָליטישע אַרעסטירטע איז דאָרט אויך געווען דער אַמאָליקער גענעראַל - סעקרעטאַר פון פּ. פּ. ס. און איצטיקער פּרעמיער יוזעף ציראַנקעוויטש.

געווען אויך דאָרט אַרעסטאַנטן וויים - רוסן, האָלענדער און בעלגיער און בכלל פון אַלע לענדער, וועלכער זיינען אין יענע יאָרן געווען אָקופּירט פון היטלערן, ווייל מ... דאַרף וויסן אַז דער ציפער 4 מיליאָן איז נישט איבערטריבן און האָט אַרומגענומען אַרעסטאַנטן פון אַ סך לענדער און פעלקער, אָבער צום טויט אין די גאַז - קאַמערן ההאָט מען געפירט די אַרעסטאַנטן פון איין פאָלק און געמלעך:

פון יידישן פאָלק.

און אינטערעסאַנט, אַז באַלד נאָך דער מלחמה האָט אין אונ־רזערע קרייזן געקאָכט מיט דעם סענסאַציאָנעלן פאַל יאַן מאַסדאָרף ראָס איז דער נאָמען פון דעם פירער פון די „גרינע העמדלעך" אין פאַר - מלחמהדיקן פוילן; יאַן מאַסדאָרף האָט געהעצט דער פוילישער יוגנט צו פּאָגראָמען קעגן יידן און איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער פוילישער פּאַרטיי „אָ. נ. ר.", וואָס האָט לגבי יידן געהאַט כמעט רעמזעלבן פּראָגראַם, וואָס די נאַצים. מאַסדאָרף איז ווייזט אויס געווען גלייכצייטיק אַ הייסער פוילישער פּאַטריאָט און איז אַריינגעפאַלן קיין אָשוויענטשים.

אין אָשוויענטשים האָט מאַסדאָרף וועלכער איז נאָך געווען גאָר יונג, זיך אַזוי שטאַרק איבערגענומען מיט די צרות פון די יידן, אַז זיין האַרץ איז פול געוואָרן מיט רחמנות צו די געפּייניקטע יידן און ער האָט אַ יידן דערלאַנגט אַ שפּייז - פּעקל. עמיצער האָט אים דערפאַר געמסרט און מאַסדאָרף איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. אַזוי שרעקלעך איז געווען דאָס „פאַרברעכן" פאַר דערלאַנגען אַ הונ־געריקן ייד אַ שפּייז - פּעקל אַז אַ פּאָליאַק איז דערפאַר געגאַנגען צו דער תליה.

דר. יאָהאַן קאַרל קרעמער איז געווען איינער פון די 40 אַש־

וויענטשימער תלינים, וועלכע איך האָב געזען משפטן אין קראָקע אין רעצעמבער פון יאָר 1947. דאָס איז געווען דער שרעקלעכסטער פון אַלע פּראָצעסן, וועלכע איך האָב בייגעוואוינט אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן.

יאָהאַן קאַרל קרעמער האָט אַלס דאָקטאָר באַקומען אין לאַגער די פונקציע פון האָבן די השגחה איבער דער ספּעציעלער עקיפּע פון עס־עס־לייט, וועלכע האָט „געאַרבעט" ביי דער גאַז - קאַמער.

4 שעה האָט געדויערט דער פאַרהער פון דר. קרעמער; דער פּאָרזיצער פון טריבונאַל האָט נעמלעך געוואָלט דערגרונטעווען די פּסיכאָלאָגיע ביי די פאַרשוינען וועלכע ממיתן טויזנטער מענטשן, וועלכע זיי זעען צום ערשטן מאָל. דער גאַנצער זאַל איז יענעם נאָכמיטיק געווען ווי עלעקטריזירט; מיין שכן, דער קאָרעספּאָנדענט פון פּאַריזער „פראַנס - סואַר", וועלכער האָט זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט אַלס דער איידעם פון וועלט - באַרימטן יידישן קונסט - מאָלער מאַרק שאַגאַל, איז געווען אַזוי שרעקלעך דענערווירט אַז ס'איז אים שווער געווען צו נאָטירן.

דר. קרעמער האָט דערציילט, אַז די ערשטע צייטן איז אָנגעקומען זייער שווער צו אָרגאַניזירן די קאָמאַנדע פאַר דער גאַז־קאַמער. אַ טייל האָבן פּשוט נישט געוואָלט און אַנדערע האָבן מורא געהאַט פאַר דער נקמה פון די פאַרצווייפלטע יידן, וועלכע זיינען אַהין מיט געוואָלט אַריינגעשטופּט געוואָרן.

אויף דער פראַגע פון פּאָרזיצער וועגן די נקמה - אַקטן, ענטפערט קרעמער אַז קיין טויטפאַלן צווישן די עס - עס - לייט זיינען נישט געווען. דאַקעגן זיינען נאָך יעדער אַקציע פיל עס - עס - לייט צוריקגעקומען צעבלוטיקטע. צוויי פאַלן — געדענקט ער — זיינען געווען שווערע ווען די פאַרצווייפלטע יידן האָבן דורכגעביסן מיט די ציין דעם גאָרגל פון די תלינים... דאָס איז געווען ביים פאַרגאַזעווען אַ טראַנספּאָרט גריכישע יידן.

שפּעטער איז שוין די „אַרבעט" געגאַנגען נאָרמאַל, ווייל

די מיטגלידער פון דער „גאז - קאָמאַנדאָ" האָבן באַקומען עקסטרא פּרעמיעס פון אַ פונט וואורשט, אַ ווייס ברייטל און שנאַפּס.

אויף דעמזעלבן שרעקלעכן פּראָצעס איז געווען איין עס־עס־מאַן וועלכער איז פריי - געוואָרן:

זיין נאָמען איז קורט מילער פון ווין. ער איז געווען טעטיק אַלס סאַניטאַר אין דער קראַנקן־קאַמער פון לאַגער.

עדות אין געריכט האָבן דערציילט אַז קורט מילער האָט אַ יידישן קראַנקן וועלכער איז געקומען מיט פיבער, געגעבן אין געהיים אַ פּראָשעק אַספּירין כדי די היץ זאָל אַראָפּפאַלן.

— וואָס הייסט איר האָט געגעבן אין געהיים אַ פּראָשעק אַספּירין? איר זענט דאָך געווען אַ סאַניטאַר און דאָס איז דאָך געווען אייער אויפגאַבע!

מילער האָט זיך שיעור נישט צעוויינט און געענטפערט אַז פאַר יידישע אַרעסטאַנטן איז געווען פאַרבאָטן צו געבן יעדן מין פון מעדיצין. און קוים וואָלט די לאַגער - מאַכט דערפון געוואויער־געוואָרן וואָלט ער שוין דאָ נישט געשטאַנען פאַרן געריכט...

אַנדערע עדות האָבן פעסטגעשטעלט, אַז מילער פלעגט פאַר־טאָג אַראָפּנעמען בגנבה פון אַ פאַרוואונדעטן יידירן אַרעסטאַנט דעם באַנדאַזש כדי די מאַכט זאָל דאָס נישט באַמערקן, ווייל אַ ייד מיט אַ באַנדאַזש, איז מאָמענטאַל געווען אַ קאַנדידאַט אין דער גאַז־קאַמער.

אָבער דאָס איז געווען דער איינציקער **מענטשלעכער** טיפּ צווישן אַלע 40; געווען צווישן זיי די בלאָנד'ע מאַריא מאַנדעל וועמענס בלויזער נאָמען האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אַלע יידישע פרויען אין לאַגער. זי איז תמיד געגאַנגען מיט אַ בייטש אין דער האַנט און אַ רעוואָלווער ביי דער זייט. אויף דער באַשולדיקונגס - באַנק איז זי געווען אָנגעטאָן מיט אַ פּאָר עלעגאַנטע שטיוועלעך און רייט־הויזן ווי אַן אַמאַזאָנקע...

געווען אויך איינער, וועלכער איז געזעסן ווי אַ געליימטער

און מיטביידע הענט פאַרשוועלט דאָס פּנים פון חרפּה... זיין נאָמען איז געווען בלענדאָווסקי, אַ יונגער פּאַליאַק פון לעמבערג. אים איז געפעלן געוואָרן די „בראַנזשע" פון מאָרדן יידן האָט ער זיך פריי־וויליק געמאָלדן צו די עס־עס און געקאַטעוועט יידן אויף רעכטס און לינקס.

אָט אַזוי גרויזאַם איז געווען דער גורל פון די יידישע אַרעס־טאַנטן אין אָשוויענטשים. אוודאי זיינען געווען טויט־פאַלן אויך ביי די אַרעסטאַנטן פון אַנדערע פעלקער אָבער דאָס האָט נישט פאַ־סירט זייער אָפט ווייל אין היטלעריסטישן „פּראָגראַם" איז געווען גאַנץ קלאָר דער פּונקט אַז יידן דאַרף מען פאַרניכטן.

דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 4טן דעצעמבער און זיך געצויגן ביז ניי־יאָר; אין זאַל האָט מען געהערט צוויי שפּראַכן: דייטש און פּויליש אָבער גערעדט האָט מען נאָר וועגן יידן.

און דעריבער טוט אונדז שטאַרק וויי ווען דווקא אין דעם לאַנד וואו יעדער איינוואוינער ווייסט ווי שרעקלעך ס'איז געווען דער גורל פון די יידן, פאַראוועט מען אַ „יאַמטעף" און מען שרייבט „4 מיליאָנען אַרעסטאַנטן פון פאַרשידענע לענדער"; אַזאַ באַצייכענונג הייסט ציניזם פון העכסטן גראַד!

איבערשטומבאַנפירער אַדאָלף אייכמאַן

מיט דעם נאָמען אַדאָלף אייכמאַן האָב איך זיך געטראָפן צום ערשטן מאָל אין וואַרשע, און — ביי פאָלגנדיקע אומשטענדן:

דאָס איז געווען דעם 11טן מערץ 1947, אין בנין פון העכסטן נאַציאָנאַלן טריבונאַל פון פּוילן; אין יענעם טאָג האַלב עלף אינדער־פרי האָב איך מיט מיינע אויגן געזען אַ פאַרשוין, וועלכער האָט בפני כל עם ודעה דערקלערט:

— „איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ וואָס איז געשען אין

אוישוויץ; גאַנץ עגאַל (נישט וויכטיק), צו 1 מיליאָן צו 5 מיליאָן".

די דאָזיקע שוידערלעכע דערקלערונג, געהאַלטן אַגב כמעט אין א „פייערלעכן" טאָן, האָט געווירקט ווי אַ דונער, נישט בלויז אויפן ויכטער - טריבונאַל און אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן, נאָר אויך אויפן גאַנצן עולם אין זאַל;

נישט אָראָפּלאָזנדיק מער קיין אויג פון דעם „העלד" וועלכער האָט געהאַט דעם טרויעריקן מוט צו נעמען אויף זיך די אחריות פאַר אַזאַ שרעקלעכן מאַסן - מאָרד, געדענק איך גוט ווי אַזוי די צוויי אַדוואָקאַטן, וואָס די פּוילישע רעגירונג האָט אַמטלעך געשטעלט, האָבן זיך איבערגעקוקט איינער מיטן אַנדערן, ווי איינער זאָגט: אַ שיינעם „פויגל" האָט מען אונדז דאָ געגעבן אויף צו פאַרטיידיקן"...

זיין נאָמען איז געווען רודאָלף העס; זיין „יחוס" — אויבער-שטורמבאַנפירער (קאָראָנעל) פון עס־עס; זיין פונקציע — אויבער-קאָמענדאַנט פון שרעקלעכסטן פון אַלע טויט - לאַגערן, אָשוויענטשים — אוישוויץ.

שוין פון די פריער דערמאָנטע ווערטער, מיט וועלכע רודאָלף העס האָט אָנגעהויבן זיינע דערקלערונגען פאַרן העכסטן טריבונאַל, איז קלאָר געוואָרן אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַזאַ טיף פאַרברעכער, וועלכער האָט גאַרנישט בדעה צו פאַרלייקענען, אָדער אַפילו פאַרהוילן, דעם קלענסטן פּרט פון די שוידערלעכע רציחות, וועלכע זיינען דאָרט באַגאַנגען געוואָרן קעגן יידן.

אין משך פון די דריטהאַלבן שעה, די ערשטע „סעריע" פון זיינע דערקלערונגען, זיינען מיר אַלע געוואויר - געוואָרן, ווי אַזוי ער אַליין, אַ פאָטער פון קינדער, האָט באַפוילן, אַז מען זאָל אין אוישוויץ דערשטיקן ניי - געבוירענע קינדער.

אויף אַ פראַגע פון פּראָקוראָר ווי אַזוי מען פלעגט זיך דאָרט נוהג - זיין, ביים דערשיסן אַרעסטאַנטן, האָט ער מיט דער גרעסטער קאַלטבלוטיקייט דערקלערט, אַז „דער אַדיוטאַנט פלעגט קומען צו אים מיט אַ רשימה מיט נעמען פון אַרעסטאַנטן, וועלכע פירן זיך - אויף

שלעכט אין לאַגער; ער, העס, פלעגט אונטערשרייבן און מען האָט זיי רערשאָסן".

אויף אַ פראַגע וויפל אַרעסטאַנטן מען פלעגט אויף אַזאַ אופן ־ערשיסן, האָט ער געענטפערט: „100, 150, ווי אַמאָל..."

זיינע ענטפערס וועגן די שרעקלעכע רציחות זיינען בכלל געווען אַזוי קלאָר און רואיק, אַז ס'איז שווער געווען איינצוזיצן אויפן אָרט. ער האָט קיין איינמאָל געפּרואווט לייקענען אָדער זיך פאַרענטפערן; אינטערעסאַנט, אַז נאָכן איבערלייענען דעם טויט ־ אורטייל ווען ויינע צוויי אַדוואָקאַטן האָבן אים דערקלערט, אַז זיי וועלן זיך ווענדן צום פּוילישן מלוכה ־ פּרעזידענט מיט אַ ביטע וועגן באַגנעדיקונג, האָט ער קאַטעגאָריש אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַז ער וויל נישט...

אויף אַלע פראַגן, וואָס מען האָט אים געשטעלט האָט ער געענטפערט מיט אַ „יאַוואָאָל"; בלויז איין איינציק מאָל, ווען דער פּראָקוראָר האָט אים געשטעלט די פראַגע, וועגן דעם גענויעם ציפער וויפל יידן מען האָט אומגעבראַכט אין די לאַגערן, האָט ער געענטפערט אַז ער ווייסט נישט.

— ווער קען דאָס יאָ וויסן!

— דער אויבערשטורמבאַנפירער אַדאָלף אייכמאַן,

פאַרמיר, איז דער נאָמען אייכמאַן געווען אַ שרעקלעכע איבער־ראַשונג, הייסט עס — האָב איך געטראַכט — אַז ס'איז דאָ אויף דער וועלט נאָך אַ גרעסערער יידן ־ מערדער ווי דער לאַגער ־ קאָמענדאַנט פון אוישוויץ, רודאָלף העס?

צווישן די ריכטער איז געוואָרן אַן אויפהייטערונג און עס זיינען געפאַלן עטלעכע פראַגן וועגן אייכמאַן.

פון די ענטפערס וואָס העס האָט געגעבן איז קלאָר געוואָרן אַז אייכמאַן איז געווען דער פאַרטרויאונגס ־ מאַן פון הימלערן און ער איז געווען דער צושטעלער פון די יידישע טראַנספּאָרטן אין די לאַגערן. עטלעכע מאָל איז העס אַרויסגערופן געוואָרן צו אייכמאַנען קיין בור־ ראַפּעשט, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן טראַנספּאָרטירן די אונגאַרישע

יידן קיין אוישוויץ.

— צווישן די פראַגן וואָס מען האָט געשטעלט העסן, וועגן אייכמאַנען, איז אויך געווען די פראַגע וואו יענער געפינט זיך?...

עטלעכע חדשים שפּעטער, ווען די פּוילישע רעגירונג האָט איינגעאָרדנט אין אוישוויץ אַ מוזיי, האָב איך דאָרט געזען אַ תּליה אויף וועלכער מען האָט געהאָנגען דעם שוידערלעכן רוצח פון אויש־וויץ, דעם אויבערשטורמבאַנפירער רודאָלף העס.

אין דער יידישער וועלט האָט געהערשט אַ גרויסע אויפרודע־רונג, ריכטיקער — אַן אויפלעבונג, די סענסאַציאָנעלע מעלדונג פון בן־גוריונען אין ירושלים, אַז אדאָלף אייכמאַן געפינט זיך אין „זיכערע הענט" האָט אָנגעפילט די יידישע הערצער מיט פרייד; אדאָלף אייכמאַן אונטער דער שמירה פון יידישער פּאָליציי, איז אַן אָנזאָג פאַר פאַרשי־דענע המנס, וועלכע ווארפן זיך נאָך קעגן אונדז ביים היינטיקן טאָג, אַז עס קען קומען אַ מאָמענט, ווען אויך זיי וועלן טיילן דעמזעלבן גורל...

און נישט נאָר אין דער יידישער וועלט; אַזוי למשל האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג אין מערב־דייטשלאַנד איבער 950 נאַצים, וועלכע האָבן געמאָרדעט יידן אין פּוילן און אין ליטע. אוודאי איז דאָס אַ וויכטיקער פאַקט. אָבער פון דער אַנדערער זייט איז געגנוג טרויעריק, ווען 21 יאָר, נאָך היטלערס טויט, דרייען זיך נאָך אַרום אויף דער וועלט אַזוי פיל רוצחים!

געדענקען מיר דאָך אַלע די פייערלעכע רעדעס און הבטחות, וואָס די מלוכה־פירער אין דער גאַנצער וועלט האָבן געגעבן, אַז מען וועט די נאַציסטישע יידן־מערדער אויסראָטן ביז איינעם!

און הלמאי זאָלן מיר לייקענען: די ערשטע צייטן האָט זיך געקענט אויסדוכטן אַז די הבטחות וועלן מקוים־ווערן; שוין אין 1944, האָט אַ פּוילישער טריבונאַל אין לובלין, פאַרמשפּט צום טויט 5 רוצחים מיט אַ געוויסן פּאַול האָפמאַן, בראש, וועלכע האָבן דער־מאָרדעט יידן אין מיידאַנעק; אין עטלעכע חדשים שפּעטער האָט אַ ווייס־רוסישער טריבונאַל אין באַברויסק פאַרמשפּט צום טויט אַ גרופּע

דייטשע אָפיצירן מיטן באַברויסקער קאָמענדאַנט גענעראַל אַמאַן בראַש.

כמעט אין דער זעלבער צייט האָט אַן אוקראַאינישער טריבו־נאַל אין קיעוו, געמשפּט עטלעכע היטלעריסטישע גענעראַלן, וועלכע זיינען אריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו דער ערשטער אוקראַאינישער אַרמיי אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל וואַטוטין (שפּעטער אומגע־קומען אויפן פראָנט). אַלע היטלעריסטן זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, דערונטער אויך דער קיעווער קאָמענדאַנט, גענעראַל פאָן טשאַ־מער אונד אָסטען, באַקאַנט פון פאַר דער מלחמה, אַלס דער ספּאָרט־קאַפּיטאַן פון גאַנצן היטלער־לאַנד.

אַפילו אין וויטן קאַווקאַז איז פאָרגעקומען אַ פּראָצעס מיט האַרבע אורטיילן קעגן די נאַציסטישע רוצחים. אמת, די סאָוויעטישע פּרעסע האָט נישט אָנגעגעבן, אַז די רוצחים האָבן געמאָרדעט בלויז יידן, אָבער דאָס ענדערט נישט דעם עצם פאַקט, אַז צענדליקער היט־לעריסטן זיינען געגאַנגען צו דער תליה.

אַן אַ שיעור פּראָצעסן זיינען פאָרגעקומען אין פּוילן; דאָ האָט מען שוין דעם „יידישן מאָמענט” נישט באַהאַלטן. איך האָב כמעט אַלע פּראָצעסן בייגעוואוינט און אומעטום זיינען די הויפּט־אָנגעקלאָגטע פאַרמשפּט געוואָרן צו דער האַרבסטער שטראָף, אָן אונטערשיד צי דאָס איז געווען דער גובערנאַטאָר פון וואַרשע, האַנס פישער, צי דאָס איז געווען דער אויבערשאַרפירער (פעלדפעבל), האַנס גזשימעק, דער תלין פון די יידן אין ראַווא־רוסקאַ. זלאָטשעוו און טאַרנאָפּאָל.

צו די אַלע פּראָצעסן זיינען זשורנאַליסטן איינגעלאַדן געוואָרן און די פּוילישע רעגירונג איז געווען פאַראינטערעסירט, אַז די אויסער־לעכע וועלט זאָל וויסן וואָס די היטלעריסטן האָבן אַלץ אָפּגעטאָן אין פּוילן.

דער דאָזיקער ערלעכער מצב האָט אָנגעהאַלטן ביזן יאָר 1949; פון יענעם מאָמענט אָן, ווען די באַציאונגען צווישן מזרח און מערב האָבן אָנגעהויבן ווערן פאַרשאַרפט, און ביידע צדדים האָבן גענומען זיך חנדלען צו די דייטשן, איז געקומען צו דעם מצב אַז דער גאָר־

לייטער עריך קאָך, דער רוצח פון די יידן אין ביאַליסטאָק, לעבט נאָך ביזן היינטיקן טאָג, הגם דאָס געריכט אין פוילן האָט שוין פון לאַנג, לאַנג אַרויסגעטראָגן אויף אים אַ טויט־אורטייל. פאַראַן אַ יש אומרים, אַז דער אכזר יורגען פאָן סטראָפּ, דער גענעראַל, וועלכער האָט אַזוי מוראדיק חרוב געמאַכט די וואַרשעווער געטאָ, איז נאָך אויך נישט געטויט געוואָרן, ווייל אַזוי פאַרלאַנגט די „פּאָליטיק".

ביי אַזאַ מצב איז גאָרנישט קיין וואונדער, וואָס דאָס גאַנצע יידישע פאָלק לעבט ־ מיט, מיט דעם טריאומף פון דער גערעכטיקייט אין ישראל, וועלכע האָט פאַרמשפּט גענעראַל ־ רוצח אַדאָלף אייכמאַן צו דער העכסטער שטראָף.

מיט דער טיפסטער איבערצייגונג, אַז דער אויבערשטורמבאַנפירער, אַדאָלף אייכמאַן האָט נישט אויסגעמיטן די העכסטע שטראָף, וועלכע ער האָט פאַרדינט.

„דער קויפמאַן פון ברעמען"

אין דער נאַכט פון זונטיק אויף מאָנטיק פון חודש יוני 1947, ווען די זון האָט נאָר אָנגעהויבן זיך באַווייזן, האָט מען אין לאָדזש אויפגעהאָנגען דעם תלין פון לאָדזשער געטאָ, האַנס ביבאָוו. ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע ידיעה איז דורך אַלע יידן, באַזונדערס דורך די לאָדזשער יידן, צווישן וועלכע ס'זיינען איצט פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אויף זייערע פּלייצעס פאַרזוכט די בייטש, וועלכע ביבאָוו האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנט, אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס סאַטיספאַקציע.

איך האָב בייגעוואוינט דעם גרויסן פּישער ־ פּראָצעס אין וואַרשע; איך בין מיט גרויס געדולד אויסגעזעסן אויף די פאַרהאַנדלונגען אין העכסטן טריבונאַל, ווען מען האָט געמשפּט דעם קאַלטן אָשוויענטשימער רוצח רודאָלף העס און בין אויך געווען אין לאָדזש,

ווען מען האָט געמשפּט דעם „קויפמאַן (סוחר) פון ברעמען" האָנס ביבאָוו.

אין אַלע דריי פּראָצעסן האָט זיך געהאַנדלט וועגן מאַסן־מאָרדן איבער יידן; אין אַלע דריי פּראָצעסן האָבן די אָנגעקלאָגטע באַקומען די גערעכטע הארבסטע שטראָף. אָבער גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזען אויף יעדן פּראָצעס, סיי דער כאַראַקטער פון די אָנגעקלאָג־טע און סיי דער כאַראַקטער פון די פאַרברעכנס, וועלכע זיינען דורך זיי באַגאַנגען געוואָרן.

אויפן פישער ־ פּראָצעס, וועלכער האָט געדויערט העכער צוויי חדשים, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער געוועזענער וואַר־שעווער גובערנאַטאָר איז געווען דער איניציאַטאָר פון געטאָ (פישער האָט זיך מודה ־ געווען דערצו און דערביי פאַרזיכערט, אַז זיין פּלאַן איז נישט געווען, מען זאָל די וואַרשעווער יידן דאָרט פאַרפּייניקן, נאָר מען זאָל זיי „בלויז" אָפּטיילן פון דער איבעריקער באַפעלקערונג) און אַז זיין נאָמען איז געווען אונטערגעשריבן אונטער די פאַראָרדענונ־גען וועגן אויספירן מאַסן ־ עקזעקוציעס און ער מוז נאַטירלעך טראָגן דערפאַר די אחריות.

דאַקעגן האָבן די געריכט ־ פאַרהאַנדלונגען ניט באַוויזן, אַז פישער אַליין זאָל האָבן געאַרבעט מיטן פּיסטאָלעט און דערשיסן אַ ייד אָדער אַ פּאָליאַק. פישער איז געווען — לויט דער מיינונג פון פּראָקו־ראָר סאַוויצקי — אַ מערדער אין ווייסע הענטשקעס. פישער האָט זיך עקשנותדיק פאַרטיידיקט און אָנגעוויזן, אַז עקזעקוציעס איז נישט געווען זיין רעסאָרט און אַז דאָס האָט געהערט צו דער „געשטאַפּאָ" און עס. עס. און אַז זיין אונטערשריפט איז געקומען בלויז אויטאָ־מאַטיש...

רודאָלף העס, וועלכער האָט באַלד אין ערשטן טאָג פון משפט עלעקטריזירט דעם זאָל מיט זיין שוידערלעכער דערקלערונג, אַז ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלעם, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן אין אָשוויענטשים, האָט פונדעסטוועגן זיך קעגנגעשטעלט יעדן פאַרוואורף, אַז ער פּערזענלעך זאָל האָבן וועלכן ס'איז אַרעסטאַנט דערשאָסן אָדער

געשלאָגן. ער איז געווען — האָט ער געטענהט — אַן אידייאישער עס.־עס. ־ אָפיציר, וועלכער מוז אויספירן אַלע באַפעלן, וועלכע קומען פון אויבן.

כ׳וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם מאָמענט אין געריכט־זאַל, ווען אַ פּוילישע פרוי, אַ דאָקטאָר, מיטן נאָמען קאַשטשושקאַ, האָט דערציילט ווי אַזוי דייטשקעס, אין ווייסע פאַרטוכער, האָבן אין איר פּעגנוואַרט אָפּגענומען ניי ־ געבוירענע קינדער פון די מאַמעס און זיי גלייך דערשטיקט.

אין זאַל הערט מען אַ געוויין פון פרויען און דער פּאָרזיצער פון טריבונאַל ווענדעט זיך צו העסן: —

— ווי אַזוי האָט איר, אַ טאַטע פון קינדער, געקענט אַזעלכעס דערלויבן?

העס ענטפערט: „דאָס וואַר איין קורצער באַפעל דעם רייכס־פירער היינריך הימלער".

דאָ שטייט אויף, דער תמיד ־ רואיקער פּראָקוראָר שעוויערסקי און פרעגט אַן אויפגערעגטער העסן:

— צי האָט איר, אַלס קאָמענדאַנט פון לאַגער נישט געקאָנט אוועקקוקן און נישט הייסן אויספירן אַזעלכע שוידערלעכע באַפעלן?

— העס ענטפערט קורץ און שאַרף: „זאָלכעס גיבטס ניכט ביי עס ־ עס".

העס איז געווען אַ פאַרשטייער פון אַ פּאַרטיי, וועלכע האָט געהאַט די שוידערלעכע אידייע פון מאַסן ־ מאָרד. העס האָט געטריי פאַרווירקלעכט די דאָזיקע אידייע. העס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דער־לאַנגען אַ ביטע צום ראש פון דער מלוכה וועגן באַגנעדיקונג. אויב זיין פּאַרטיי האָט פאַרשפּילט, האָט ער נישט צו וואָס צו לעבן.

פון אַ גאַנץ אַנדער מין איז געווען האַנס ביבאָוו, דער דייטש, וועלכן איך האָב געזען אויף דער באַשולדיקונגס ־ באַנק אין לאָדזשער קרייז ־ געריכט.

ער איז ניט געווען קיין פּאַרטיי־מאַן. צו עס־עס האָט ער קיינמאָל נישט געהערט און צו דער נאַציסטישער פּאַרטיי — דערציילט ער — האָט ער אַלס רייכער קויפמאַן פון ברעמען געמוזט אַריינטרעטן, ווייל אויב נישט, וואָלט מען אים דערדריקט מיט הויכע שטייערן. אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך אויסגעדרייט ניט צו געהערן צו דער פּאַרטיי און ערשט אין סוף 1937 האָט ער, נעבעך, „געמוזט אונטערשרייבן אַ דעקלאַראַציע".

יאָ, דער פּראָקוראָר שעוויערסקי איז פולקאָם גערעכט געווען, ווען ער האָט אין זיין אַריינפיר־וואָרט ביים סאַמע אָנהייב פון העס־פּראָצעס דערקלערט, אַז יעדער דייטש איז פּעאיק צו זיין אַ מערדער און אַ רויבער. צו דעם מין „יעדער דייטש" האָט געהערט אָן שום ספק, דער בלאָנדער, מיט טיפּיש־יעקישן פּנים, האַנס ביבאָוו. אַ יונגער מענטש, וועלכער באַזיצט אין ברעמען עטלעכע געשעפטן, עטלעכע הייזער און אַ קאַווע־ברענעריי. קיין לאָדזש איז ער אַראָפּגעקומען באַלד אין 1940 ווען מען האָט איינגעפירט דעם געטאָ און איז געוואָרן דאָרט דער פולער באַלעבאָס.

העכער 4 יאָר האָבן לאָדזשער יידן געזען ביבאָוון אַרומלויפן תמיד אַ פאַרשוויצטן און פאַרהאָרעוועטן. אין די הייסע זומער־חדשים פלעגט מען אים תמיד זען, אָן דער מאַרינאַרקע, לויפן פון איין פאַבריק אָדער אונטערנעמונג אין דער אַנדערער. אומעטום האָט ער געזען, אַז עס זאָל נישט פעלן קיין רוי־מאַטעריאַל, כדי די וואַרשטאַטן זאָלן ניט אָפּגעשטעלט ווערן אויף קיין איין מינוט. אָבער, האָט איר שוין געזען אַ „געשעפטס־מאַן", וועלכער זאָל זיך נישט שיידן אַפילו אויף קיין איין מינוט מיט זיין רעוואָלווער און בייטש,

מיר וועלן דאָ ברענגען בלויז אייניקע מאָמענטן פון משפּטן איבער האַנס ביבאָוו, וועלכע זאָגן, אויף וואָס ס'איז אַלץ געאיק אַ פּשוטער דייטש, אַ סוחר.

דאָס איז געווען באַלד אין דער ערשטער שעה פון פּראָצעס. דער פּאָרזיצער פרעגט ביבאָוון: וואָס ווייסט איר וועגן דערשיסן די

צוויי ברידער קאָן?

ביבאָוו: מען האָט זיי אַוועקגעפירט אויפן יידישן בית־עלמין און מען האָט זיי דערשאָסן.

פּאָרזיצער: ווער האָט זיי דערשאָסן?

ביבאָוו: געשטאַפּאָ האָט געשאָסן, האָב איך אויך געשאָסן.

פּאָרזיצער: וואָס הייסט דאָס, געשטאַפּאָ האָט געשאָסן און איר האָט אויך געשאָסן?

ביבאָוו: קאָמיסאַר פּוקס האָט געשאָסן דעם גרויסן קאָן און איך האָב געשאָסן דעם קליינעם קאָן.

פּאָרזיצער: צי האָט מען אייך געצוואונגען צו שיסן דעם קליי־נעם קאָן, אָדער איר האָט געשאָסן פרייוויליק?

ביבאָוו לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און שטאַמלט אַרויס, אַז ער האָט געשאָסן פרייוויליק.

אָט האָט איר דאָ דעם פּשוטן דייטש, וועלכער איז געלאָפן גלאַט אַזוי דערמאָרדן אַ ייד.

אָבער דאָס איז נאָך גאָרנישט. ביבאָווס שאָפער דערציילט, ווי אַזוי ער פלעגט פאָרן מיט זיין שעף אין שרעקלעכן - טויט־לאַגער אין כעלמנאָ. דאָרט האָט מען אין שרעקלעכע יסורים פאַרפייניקט די יידן פון אַרום לאָדזש, ווי אויך אַ טייל יידן פון לאָדזשער געטאָ. דער שאָפער האָט אויך ביבאָווס באַפעל מיטגענומען אַ סך ליידיקע וואַליז־קעס. צוריקגעפירט האָט ביבאָוו פולע וואַליזקעס. דאָרט זיינען געווען זייגערלעך, גאָלדענע פינגערלעך און בכלל טייערע חפצים פון די דער־מאָרדעטע יידן.

ווען איינער פון די לעבנגעבליבענע יידן אין לאָדזש, אינזש. וויינבערג דערציילט, וואָס ביבאָוו האָט אַלץ אָפּגעטאָן, דערלאַנגט דער אָנגעקלאָגטער אַ צעטעלע זיין פאַרטיידיקער און עס פאַלט אַ פראַגע:

— צי איז אמת, אַז דער עדות האָט געגעבן ביבאָוון אַ מתנה, צו די ווייַנאַכטן, אַ זילבערנעם ציגאַרן - טאַש און נאָך אויסגעקריצט

זיין נאָמען אויף אַ מאָנאָגראַם?

די כוונה פון ביבאָוס פּאַרטיידיקער מיט דער דאָזיקער פראַגע איז געווען קלאָר, אָבער דער עדות האָט זיך גאַרנישט דערשראָקן און געענטפערט, אַז ס'איז אמת. אוודאי האָט ער געגעבן אַ מתנה. ער האָט געגעבן נאָך מתנות, ווייל, ווי אַזוי קויפט מען זיך נישט אויס דאָס לעבן פון אַ שרעקלעכן רויבער, וועלכער לויערט די גאַנצע צייט מיטן רעוואָלווער אין האַנט אויף זיין קרבן?

אַ יידישער פּריזירער גיט איבער פאַרן געריכט געגויע אַלע פּרטים, ווי אַזוי ביבאָוו האָט אָן אַ פאַרוואָס געהייסן, מען זאָל דעם עדות אויסטאָן נאַקעט, אוועקלייגן אויפן טיש און באַפוילן צוויי פּאַרשוין מען זאָל אים געבן 30 שמיץ. ביבאָוו איז געווען ביים אויספירן די עקזעקוציע און כסדר באַפוילן: „שטאַרקער"! „שטאַרקער.".

„זאָל ער דאָס פּרוואוון אָפּלייקענען!" — רופט אויס דער פּריזירער פאַרן געריכט!

ביבאָוו שטייט אויף, קוקט אָן דעם עדות און ענטפערט זייער שטיל: „יאָ, דאָס שטימט".

זייער פיל האָט מען גערעדט פאַרן געריכט, ווי אַזוי ביבאָוו האָט פאַרגוואַלטיקט אַ יידיש מיידל, אַ טאָכטער פון אַ באַקאַנטן דאָקטער און זי אויך דערשאָסן, און ווי אַזוי ער האָט אַמאָל, אין אַן אָוונט באַפוילן אויסטאָן נאַקעט עטלעכע צענדליק מיידלעך און געצוואונגען זיי זאָלן פאַר אים דעפילירן.

און שטעלט אייך פאָר, אַז אָט דער רוצח, רויבער, סאַדיסט און בעל - תאווהניק האָט נאָך געהאַט די העזה נישט בלויז צו דערלאַנגען אַ ביטע וועגן באַגנעדיקונג, נאָר האָט אויך געפאָדערט אַ קאַסאַציע פאַרן העכסטן געריכט, ווייל דער טויט - אורטייל פון לאָדזשער געריכט איז נישט גיין גערעכטער.

כ'געדענק, אַז אַ טייל לאָדזשער יידן האָבן זיך צוליב דעם שטאַרק דערנערווירט. צום גליק האָט זיך די דענערווירונג אַרויסגעוויזן

פאַר נישט באַרעכטיקט: דער מלוכה - פּרעזידענט האָט גלייך אָפּגע־וואָרפן די באַגנעדיקונג און דאָס העכסטע געריכט האָט אָפּגעוואָרפן די קאַסאַציע.

דעם קויפמאַן פון ברעמען האָט מען שוין אויפגעהאָנגען, אָבער יידן האָבן אַ טענה, הלמאי מען האָט נישט געשטעלט די תליה אויפן באַלוטער מאַרק, דאָרט, וואו ס'איז געווען דאָס געטאָ און דאָרט האָט מען, אויף ביבאָווס באַפעל, נישט איינמאָל אויפגעהאָנגען אומשולדיקע יידן.

„דער שמיד פון דרעזדען"

לינקס פון ריכטער - טיש זיינען, אויף דריי לאַנגע בענק, איינע הינטער דער אַנדערער, מיט שטענדערס ווי להבדיל אין אַ שיל, געזעסן די 40 עס - עס - לייט פון שרעקלעכן לאַגער אין אויש־וויץ. אויסגעזעצט זיינען זיי געווען לויטן „יחוס", לויטן מיליטערישן ראַנג. דער ערשטער איז געזעסן דער לאַגער - קאָמענדאַנט, אויבער־שטורמבאַנפירער (פּאָלקאָווניק) פון עס־עס, לייבהענשעל; נעבן אים — עטלעכע אָפיצירן און איין פרוי, די טרויעריק - באַרימטע מאַריאַ מאַנדעל. אַלע האָבן באַוואונדערט וואָס נאָך לאַנגע חדשים זיצן אין אַ פּוילישער טורמע זעט זי אויס אַזוי פריש; אויך דער מונדיר, וואָס זי האָט געטראָגן איז געווען כמעט ניי און ווען דער פּאַרזיצער האָט זי גערופן צום פאַרהער איז מאַריאַ מאַנדעל אין עלעגאַנטע שטיוועלעך צוגעגאַנגען מיט פעסטע און שטאָלצע טריט אַזוי ווי אין מאַרש בעת אַ מיליטערישן פּאַראַד...

צום סאַמע סוף פון דער ערשטער באַנק זיינען געזעסן פיר „גרעטכענס" מיט גלייכגילטיקע פּנימער. אָן שום באַוועגונג אַזוי ווי מומיעס. איינע פון זיי, אַ „פּאָלקס דייטשקע" מיט אַ שוואַרץ צעפּל און מיטן פּויליש - קלינגענדיקן נאָמען אָרלאָווסקאַ, פלעגט בלויז פון

צייט־צו־צייט ווערן אומרואיק — ווען יידישע פרויען עדות, פלעגן דערשיינען פאַרן טריבונאַל און דערציילן ווי אַזוי אָרלאָווסקאַ האָט זיי אין אוישוויץ געקאַטעוועט. ווער שמועסט נאָך ווען דער פּאָרזיצער פלעגט הייסן דעם עדות צוגיין צו איר פון דער נאָענט — דעמאָלט פלעגט די דייטשקע מיטן שוואַרצן צעפּל ווערן נערוועז, נישט קענענדיק אויסהאַלטן דעם בליק פון עדות. צום סוף אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ און מורמלען: „יאַ דאַס שטימט".

אָבער אַזעלכע סצענעס זיינען געווען זעלטענע, ווייל דאָס ביסל לעבנגעבליבענע יידן פון אוישוויצער טויטן־לאַגער איז שוין דערמאָלט אין דעצעמבער 1947 לאַנג אַוועק פון פּוילן, כדי צו זיין וואָס ווייטער פון גיהנום.

— און די טויטע! אוי, ווען זיי וואָלטן געקענט אויפשטיין און דערציילן!!...

די פּראָצעדור פון העכסטן טריבונאַל אין קראָקע איז געווען אַזאַ, אַז שוין אין ערשטן טאָג פון פּראָצעס האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט „קענען צו לערנען" און פאַרנאָטירן אַלע נעמען און טיטולן פון יעדן פון די באַשולדיקטע.

און געשען איז עס אַזוי: דער פּאָרזיצער האָט הויך אויפן קול אויסגערופן דעם נאָמען פון יעדן רוצח באַזונדער. דער לעצטער פלעגט אויפשטיין און ענטפערן: „יאַוואָל". אַ חוץ דעם פלעגט ער אויך יעדן איינעם פרעגן צי ער האָט אין דער צייט באַקומען דעם באַשולדיקונגס־אַקט און צי איז ער זיך מודה צו די פאַרברעכנס וועלכע ווערן אים פאָרגעוואָרפן?"

אויף דער לעצטער פראַגע זיינען די ענטפערס געווען פאַרשידנאַרטיקע: אַ טייל האָבן געענטפערט מיט אַ קאַטעגאָרישן „ניין"! ווייל זיי האָבן באַקומען באַפעלן פון דער העכערער מאַכט און געמוזט זיי אויספירן ווי שרעקלעך די באַפעלן זאָלן נישט זיין. צו דעם טייל האָבן געהערט די אָפיצירן, די שפּיצן, וועלכע זיינען געזעסן אין דער ערשטער ריי. אנדערע האָבן געענטפערט: „טיילווייז", געווען אויך

איינציקע, וועלכע האָבן אויף דער פֿראַגע „צי ער איז זיך מודה" געענטפֿערט מיט אַ שטילן „יאָ" און דערקלערט, אַז זיי האָבן חרטה אויף זייערע שרעקלעכע מעשים. אַזעלכע זיינען געווען נישט מער ווי צוויי — דריי, דערונטער אויך דער אויבערשאַרפֿירער (פֿעלד - פֿעבל) אונטערמייער.

אונדזער פּרעסע - טיש איז געווען זייער נאָענט פֿון „זיי", אַזוי אַז איך האָב גאַנץ גענוי געקענט אָבסערווירן נישט בלויז די צורה פֿון יעדן איינעם, נאָר אַפֿילו ווי אַזוי די איבעריקע רוצחים האָבן רעאַגירט אויף דעם וואָס ס'האָט אָפּגעגעבן די דערקלערונגען.

פּונקט אַקעגנאַיבער מיר, פּנים אל פּנים איז געזעסן אין דער ערשטער ריי אַן אָפֿיציר מיט אַ מאָדנעם אויסזען: בראָמבערג האָט ער געהייסן, דער פּאַרשוין; בראָמבערג איז געזעסן אַ שטאָלצער און אַ שטייפֿער מיטן קאָפּ אַרויף. ער איז געווען גלאַט ראַזירט מיט צוויי שוואַרצע וואָנסעלעך ווי היטלער און אַפֿילו אַ גזשיווקעלע מיט אַ קורצן שרינט פּונקט ווי דער „פֿירער". מיט זיין גאַנצער האַלטונג האָט ער אימיטירט דעם „פֿירער" אין וועלכן ער איז ווייזט אויס פֿאַרליבט געווען, ווייל אין מאָמענט ווען דער אויבערשאַרפֿירער אונטערמייער האָט דערקלערט אַז ער איז זיך מודה צו די פֿאַרברעכנס און האָט חרטה, האָט זיך בראָמבערג אַ וואָרף - געטאָן פֿון אָרט און מיט בייזע בליקן דורכגעשטאָכן יענעם, וועלכער האָט „פֿאַראַטן דאָס פֿאַטערלאַנד".

בראָמבערג האָט זיך ביים פֿאַרהער געהאַלטן חוצפּהדיק. ער האָט נישט געפּרוּווט אַפֿילו לייקענען די רציחות, וואָס מען האָט אים פֿאָרגעוואָרפֿן אַלס אָנפֿירער פֿון אַן עקזעקוציע - פּלוטאָן, וואָס האָט דערמאָרדעט פֿיל מענטשן. און אפֿשר האָט ער געוואוסט סיי ווי סיי, אַז זיין אורטייל קען נישט זיין קיין אַנדערער ווי דער טויט. דער גרעסטער טייל אָבער האָט זיך געהאַלטן פּחדנותדיק, כדי אפֿשר וועט ער אויסמיידן די תליה.

דער קאָמענדאַנט לייבהענשל, האָט זיך באַמיט צו דערווייזן,

אַז בעת ער איז געווען קאָמענדאַנט איז אוישוויץ געווען שיעור נישט אַ גן עדן. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן גאָרנישט געפּרואווט זיך פֿאַרענטפֿערן און פֿאַרטיידיקן און אַ מאָך געטאָן מיט דער האַנט אַז אַלץ איז שוין דאָ אין באַשולדיקונגס־אַקט.

אין יענעם פֿאַרמיטיק זיינען דערשינען פֿאַרן געריכט שרעק־לעכע טיפּן פֿון רוצחים. איינער האָט אַפֿילו דערציילט אויף אַ זייער ציניש אופֿן ווי אַזוי ער האָט מיט אַן אייזערנעם לאָם דערהרגעט צוויי יידן, וואָס מ׳האָט געבראַכט מיטן לאַדזשער טראַנספּאָרט.

אַ קאָלעגע וואָס איז געזעסן נעבן מיר האָט אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט אַז ער האָט שוין גענוג: ווי לאַנג קען מען דאָס אויס־הערן כסדר וועגן אַזעלכע מערדערייען איבער יידן.

אין דעם מאָמענט הערט מען אַ ספּאַזמאַטיש פּרויען־געשריי פֿון צווישן פּובליקום:

— „דו האָסט מיך געהייסן קניען צוויי שעה אויף דער פּראָסט און מיר געגעבן 20 שמיץ!" איידער וואָס, איידער ווען, האָט שוין די געריכט־וואַך אַרויסגעפֿירט די פֿרוי, וועלכע איז געווען איינגע־הילט אין אַ שוואַרצן שאַל פֿון געריכטס־זאַל.

ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן האָט די דאָזיקע פֿרוי דערקענט די אָרלאָווסקאַ אַלס איר פּייניקערין און האָט יך געלאָזט צו איר אויסדראַפּען דאָס פּנים.

די דאָזיקע דראַסטישע סצענע, וועלכע האָט געדויערט אפשר אַ האַלבע מינוט, האָט געווירקט ווי אַ קאָשמאַר און דער פּאָרזיצער, אַ געניטער ריכטער באַקאַנט אַלס אַ מענטש מיט אַן אייזערן געדולד, האָט איבערגעריסן די פֿאַרהאַנדלונג אויף אַ האַלבער שעה, וואָס איך האָב אויך אויסגענוצט אויף זיך צו געזעגענען מיט מיינע פֿריינד.

— פֿאָר נאָך נישט אַוועק — האָט מיר געזאָגט דער מיטגליד פֿון טריבונאַל דעפּ. פֿון דער קאַטוילישער פּראַקציע אין סיים, מיין פֿאַרמלחמדיקער פֿריינד אַלעקסאַנדער אָלכאָוויטש; „נאָכמיטיק וועט מען אויסהערן אַ זייער טשעקאַוון טיפּ!"

אויף מיין באמערקונג, אז איך האָב שוין געהערט זייער פיל „טשעקאווע טיפּן״ האָט מיר אַלכאָוויטש דערקלערט, אַז דאָס דאַרף זיין פאר מיר זייער וויכטיק וייל דערפון ווערט קלאָר, אז שוין אין יאָר 1940 איז ביי די היטלעריסטן פּאַרטיק געווען דער פּלאַן אויסצו־ראָטן די יידן.

— ווי הייסט ער דער „טשעקאווע טיפּ״ — האָב איך געפרעגט?

— האַנס ליטקע.

— אַן אָפיציר?

— ניין א קאַפּראַל.

די נאַכמיטיקדיקע זיצונג האָט זיך אָנגעהויבן מיטן פאַרהער פון א נבזהדיקן עס - עס - מאַן, מיט א הויקער - נאָז, יאָזעף וועבער. געווען אין אוישוויץ ספּעציעלע שטראָפן פאר ארעסטאנטן, וואָס האָבן זיך פאַרזינדיקט.

זייער פּאָפּולער איז דאָרט געווען, דאָס געבן שמיץ אויפן הוילן לייב.

וועבער האָט אָנגעפּירט. אָבער ער אַליין האָט חס וחלילה נישט געשמיסן; ער האָט בלויז אַכטונג־געגעבן מ׳זאָל נישט אָראָפּ־גנבענען די צאָל.

— אָנגעקלאָגטער האַנס ליטקע! — דערהערט זיך די שטים פון פאַרזיצער.

פון דער צווייטער באַנק ביים סאַמע סוף שטייט אויף א פאַר־שוין מיט א הייך פון עוג מלך הבשן. א מאָגערער מיט פּירקאַנטיקע פּלייצעס, און לאַנגער האַלדז אויף וועלכן ס„איז געזעסן א קליין קעפּל ווי א ציטרינדל, איז האַנס ליטקע, מיט לאַנגזאַמע טריט צוגעגאַנגען צום טריבונאַל.

די פּערסאָנאַליען האָבן געשטימט: האַנס דער זון פון גער־טרודא און פריץ ליטקע געבוירן אין 1920 אין דרעזדען. אין 1934

איז ער „אריינגעטרעטן אין דער „היטלער - יוגנט" און ערב דעם קריג — אין עס־עס.

— וואָס האָט איר געטאָן אין אוישוויץ? — פרעגט דער פאָר־זיצער מיט א פעסטער שטים.

— איך בין געווען א לערער פון גימנאַסטיק (געלעכטער אין זאל).

— וואָס? א לערער פון גימנאַסטיק — איר זענט דאָך פון דער פראָפעסיע א שמיד — זאָגט דער פאָרזיצער.

ליטקע פארלירט זיך און בלייבט שטיין אָן לשון.

ווען זענט איר געקומען קיין אוישוויץ? — פרעגט דער פראָ־קוראָר.

— אין יוני 1940.

— וואָס האָט איר דאָרט געטאָן?

דער אָנגעקלאָגטער דערציילט, אז יעדן טאָג 6 אינדערפרי פלעגן קומען 700 יידן פון אָרטיקן שטעטל אָשוויענטשים. זיי האָבן געטאָן אַלע ארבעטן: אויסגעטריקנט די זומפּן פון דעם וויסטן פּלאַץ, פונאַנדערגענומען פויערשע הייזלעך, וועלכע האָבן געדאַרפט אָפּגע־רייניקט ווערן, אויפגעשטעלט באַראַקן און געגראָבן גריבער.

יאָ, דער גורל פון די אומגליקלעכע אָשוויענטשימער יידן איז געווען אזוי ביטער אז זיי האָבן מיט זייערע אייגענע הענט אויפגעש־טעלט דעם שרעקלעכן טויטן - לאַגער אין וועלכן זיי אַלע זיינען אומ־געקומען. דאָס דערמאָנט אין דער געוואַלטיק - דראַמאַטישער סצענע פון אַלפרעד צווייגס „סערזשאַנט גרישא", וועלכער האָט גאָרנישט גע־וואוסט, אז דאָס גראָבט ער א קבר פאַר זיך אַליין.

פאָרזיצער: מיט וועמען האָט איר געמאַכט די גימנאַסטיק?

— מיט די יידן.

אין וואָס איז באַשטאַנען די גימנאַסטיק? ס'איז דען דאָרט געווען א טורן - האַלע? — פרעגט דער פאָרזיצער.

ליטקע ווערט דרייסטער און דערציילט אַז אויף אַ גרויסן זאַמדיקן פּלאַץ פלעגט ער אויסשטעלן די יידן צו 6 אין אַ רייע. ער אַליין איז געשטאַנען אויף אַ גרויסן קאַסטן און קאָמאַנדעוועט:

„לאופן"! „פאַלן"!, „אופשטיין!, „פאַלן", קני־שטיין"! א. א. וו.

ווי לאַנג האָט דאָס געדויערט — פרעגט איינער פון די ריכטער?

— 4 שעה?

— און אַלע האָבן אויסגעהאַלטן?

— ניין, געווען אַ סך, וועלכע זיינען געבליבן ליגן אויפן זאַמד. זיינע געהילפן האָבן אָבער געהאַט צוגעגרייט עמערס וואַסער און גע־גאָסן אויף די פאַרחלשטע.

— געווען אויך פאַלן ווען דער פאַרחלשטער איז מער נישט אויפגעשטאַנען? — פרעגט איינער פון די ריכטער.

ליטקע לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און מורמלט שטיל „יאָ".

פּראָקוראָר: ווען האָט איר געמאַכט די „גימנאַסטיק" מיט די יידן, פאַר דער אַרבעט אָדער נאָך דער אַרבעט?

— נאָך דער אַרבעט — ענטפערט ליטקע מיט אַ זיכערן טאָן (באַוועגונג אין זאַל. צווישן עולם הערט מען „אהאַ"!)

— פּראָקוראָר: — צי שטעלט איר זיך נישט פאָר, אַז נאָך 8 שעה אַרבעט איז שווער צו מאַכן גימנאַסטיק?

ליטקע לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ — און דער פאָרזיצער רופט אויס זייער שנעל: „איך פאַראָרדן אַ הפסקה ביז מאָרגן 9 אינדערפרי".

אויף די קראַקאווער גאַסן איז געפאַלן אַ ווייס זילבערנער שניי. פויליש ־ רעדנדיקע מענטשן האָבן געמיטלעך שפּאַצירט אויף די פּלאַנטן. אָבער פאַר מיינע אויגן האָט געשוועבט דאָס קאָשמאַרנע בילד פון די פאַרצווייפלטע אָשוויענטשימער יידן, וועלכע האָבן זיך געבראָכן פון יסורים ביי דער „גימנאַסטיק" פון תלין שאַרפירער האַנס ליטקע, דער שמיד פון דרעזדען.

צי זענען אויך געווען מענטשלעכע דייטשן?

...„ אונדזערע זענען נאָך ערגער געווען פון די דייטשן". מיט דעם „אונדזערע" האָט מען געמיינט די פּאָליאַקן.

אָט די דאָזיקע ביטערע ווערטער איז מיר נישט איינמאָל אויסגעקומען צו הערן, בעת מיינע שמועסן אין חרובדיקן וואַרשע מיט די יידן, וועלכע זענען דורכגעגאַנגען דעם היטלעריסטישן גיהנום אויף דער אַזוי גערופענער אַרישער זייט, ווייל מען דאַרף וויסן אַז אויף דער אַרישער זייט זענען ס'רוב געווען די יידן, וואָס זענען „געבענטשט"-געוואָרן מיט אַרישע פּנימער און טאַקע אַ דאַנק דעם „גוטן" פּנים האָט ער אויך באַקומען אַ פּאַס מיט אַ נאָמען פון אַן אמתן פּאָליאַק פון דור - דורות...

איין שמועס מיט אַזאַ „פּאָליאַק", געדענק איך, האָט מיך דערשיטערט.

געהייסן האָט ער לויטן פּאַס סטעפאַן מאַרטשינקאָווסקי, דער זון פון יוזעפא און אַנטאָני א.ז.וו.

און יעדער, וואָס האָט אים אָנגעקוקט שוין אפילו נאָך דער מלחמה, ווען ער האָט שוין געמעגט הייסן זיין פריערדיקן נאָמען שלמה מערמעלשטיין, האָט מסכים - געווען אַז קיין אַנדערער נאָמען ווי סטעפאַן מאַרטשינקאָווסקי טאָר ער נישט הייסן; שטעלט אייך פאָר: אַ קאָפּ מיט בלאָנדע פלאַקסענע האָר אַ קורצע און פאַרריסענע נאָז מיט אַ פּאָר קליינע גרינע אַנטיסעמיטישע אייגעלעך, וואָס האָבן פּשוט געשטאָכן.

ווען די דייטשן האָבן באַפוילן די יידן פון זיין שטעטל (אין לובלינער קאַנט) זיי זאָלן אַריבער אין געטאָ, איז שלמה מערמעלשטיין נישט געגאַנגען; „צו וואָס מיט אַזאַ „גוט" פּנים אין געטאָ, אדרבא, זאָל ער זיין אינדרויסן וועט ער אונדז אפשר קענען העלפן?" אַזוי האָבן צו אים גערעדט די משפּחה און אויך סתם יידן.

געקויפט א באַן־בילעט און היידא קיין ווארשע.

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן זיין טראַגעדיע: דער גאַנצער צוג איז פול געווען מיט יונגע פּאָליאַקן. שיקסעס און שקצים, וואָס האָבן געשמוגלט פּראָדוקטן קיין ווארשע און זענענדיק אזא יונגן „פּאָליאַק", האָט מען אָנגעהויבן מיט אים איינצוטענהן הלמאי אזא יונגער מענטש פּאָרט ליידיק, ניצט נישט אוים די געלעגנהייט ווען מען קען „שארן געלד", ווייל אין ווארשע קאָסט אלץ צען מאָל אזויפיל. געווען אזעלכע וואָס האָבן אים פאָרגעשלאָגן צו־צושטיין פאר א שותף צום שמוגל. עמיצער האָט ארויסגענומען א פלעשל בראָנפן און באלד האָט זיך אָנגעהויבן א שמועס וועגן יידן. אלע האָבן מסכים ־ געווען, אז די דייטשן טוען זייער גוט, וואָס זיי נעמען צו ס'פארמעגן ביי די „זשידעס" און נאָך בעסער ווען זיי וואָלטן אלע אויסגעהרגעט.

צולהעכעים שלעפּט זיך דער צוג זייער לאנגזאם און ער שלמה מערמעלשטיין מוז אלץ אויסהערן...

איין גוי וואָס האָט געפירט א זעקל פלייש האָט אפילו גע־פרעגט א מיינונג ביי אים, וואָס מען זאָל טאָן מיט די פארשאָל־טענע „זשידעס".

אין די שפּעטערדיקע צייטן איז אים נישט איינמאָל אויסגע־קומען צו הערן ווי פּאָליאַקן האָבן זיך באַרימט וויפיל יידן זיי האָבן אויסגעגעבן צו די דייטשן.

אויף מיינס א פראגע צי האָט זיך נישט געטראָפן א מאָל א פּאָליאַק וואָס זאָל לאָזן פאלן א גוט ־ וואָרט אויף יידן, האָט ער מיר געענטפערט אז, ניין; אזא איינער — האָט מיר געזאָגט מערמעלשטיין, איז געזעסן איינגאָנצן שטיל און איך האָב מיך דערשטיקט מיט די טרערן, וועלכע האָבן נישט געטאָרט רינען פון די אויגן...

צום סוף, האָט ער מיר געזאָגט, אז פאר די דייטשן האָט ער מיט זיין פנים גאָרנישט קיין מורא געהאַט אָבער צוליב די פּאָליאַקן האָט ער אָפּטמאָל אויסגעמיטן צו גיין אין גאַס.

און דאָך ווייסן מיר פון פּאָליאַקן וואָס האָבן געראַטעוועט

יידן רייזיקירנדיק אַפילו מיטן לעבן. אַט למשל געפינט זיך אין ישראל דער פּאָליאַק גראַבאָווסקי וועלכער האָט געראַטעוועט איבער 40 יידן, אינטערעסאַנט, אַז דער באַרימטער אַטלעט גאַרקאָנוויענקאָ האָט בעתן חורבן אויסבאַהאַלטן יידן אין שמולעוויזנע (הינטער פּראַגע) און איז דערפאַר דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן (דעם דאָזיקן פאַל האָט מיר איבערגעגעבן דער דירעקטאָר פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע, פּראָפ. בערל מאַרק ז"ל אויפן סמך פון דאָקומענטן פון דער אונטערגרונט - באַוועגונג). און וויפיל ענלעכע פאַלן האָבן געקענט זיין, וועלכע זענען דער עפנטלעכקייט נישט באַקאַנט, ווייל די וואָס וואָלטן דאָס געקענט דערציילן, זענען דורך די דייטשן דערמאָרדעט געוואָרן.

דער פוטבאָליסט פון דער וואַרשעווער „פּאָלאָניא", טאַדעאוש גראַבאָווסקי, האָט מיר דערציילט וויאַזוי ער האָט אָפּגעראַטעוועט די גאַנצע משפּחה זיידענבייטעל פון 7 פּערזאָן.

אָט די דאָזיקע מאָמענטן ווייזן, אַ ס'איז שווער צו גענעראַליזירן און באַצייכענען דאָס גאַנצע פּוילישע פאָלק, אַלס אַ מערדער־פאָלק.

וואָס ס'איז ליידער יאָ אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט איז, אַז די גרעסטע מערהייט פון פּוילישן פאָלק איז געווען צופרידן און, אין בעסטן פאַל, גלייכגילטיק, צו די שרעקלעכע רציחות וואָס די דייטשן זיינען באַגאַנגען איבער די יידן אויף דער פּוילישער טעריטאָריע. ווי גרויס ס'איז געווען דער טייל, וואָס האָט אונדז געהאָלפן אין יענער גרויזאַמער צייט לאָזט זיך בשום אופן נישט פעסטשטעלן, פונקט ווי ס'איז שווער צו קאָנטראָלירן וויפל אמת ס'שטעקט אין דער ידיעה, וואָס איך האָב געהערט אין פּוילן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, אַז אויף דער טעריטאָריע פון היטלערס דריטן רייך האָבן זיך געראַטעוועט מער יידן ווי אין פּוילן!

למען האמת וויל איך צוגעבן, אַז די דאָזיקע אויסטערלישע ידיעה האָב איך געהערט נישט פון יידן, קרבנות, וואָס זענען דאָרט געווען נאָר פון געזעלשאַפטלעכע עסקנים. די מאָטיוון זענען געווען פון

פאַרשידנאַרטיקן כאַראַקטער.

אַזוי למשל האָבן טייל געהאַלטן אַז דייטשן האָבן דאָס געטאָן צוליב מענטשלעכקייט און אַנדערע האָבן דאָס דערקלערט דערמיט וואָס צוליב די שרעקלעכע באָמבאַרדירונגען, וואָס די אַמעריקאַנישע און ענגלישע אַוויאַציע האָט דורכגעפירט איבער די שטעט אין היטלער־לאַנד, האָבן די דייטשן געהאַט מיט זיך צו טאָן און ממילא נישט געהאַט קיין צייט אויסצוזוכן די יידן, וואָס ליגן באַהאַלטן און זיי אַרויסשלעפּן און איבערגעבן צו דער „געסטאַפּאָ".

נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין צופיל חקירות וועגן דעם עצם ענין, אַז אין היטלער - לאַנד זאָלן זיך האָבן געראַטעוועט מער יידן ווי אין פּוילן, האָב איך דאָך שטאַרקע ספיקות בנוגע דעם ערשטן מאָטיוו, אַז דאָס איז געשען צוליב מענטשלעכקייט; ניין, ניין און נאָכאַמאָל ניין: און אָט צו דעם דאָזיקן אויספיר האָב איך געמוזט קומען נאָך אַן אָבסערוואַציע פון לאַנגע וואָכן און חדשים בעת די פּראָצעסן איבער צענדליקער און צענדליקער היטלעריסטישע רוצחים; און געווען זענען דאָס רוצחים מכל המינים; אָנהייבנדיק פון אַ פּשוטן עס־עס־מאַן ביז אַ גענעראַל און אַ גאָווערנאַדאָר. צוויי רוצחים האָב איך געזען וואָס האָבן געהאַט דעם זעלבן ראַנג (אויבערשטורמבאַנ־פירער) וואָס דער שרעקלעכער צוור־היהודים אַדאָלף אייכמאַן.

און אָט פון די אַלע רוצחים האָט קיין איינער נישט אַרויסגע־וויזן קיין געפיל פון חרטה; געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אפילו נישט געפּרואווט פאַרטיידיקן; זיי זענען געווען גלייכגילטיק צום טויט וואָס האָט זיי דערוואַרט ווייל נאָכדעם ווי זייער „פירער" אַדאָלף היטלער מיטן „פאַטערלאַנד" איז צעשמעטערט געוואָרן האָבן זיי נישט צו וואָס צו לעבן (דער קאָמענדאַנט פון אוישוויץ אויבערשטורמבאַנ־פירער רודאָלף העס האָט נאָכן אויסהערן לייענען דעם טויט - אורטייל איבער אים, אַ מאַך - געטאָן מיט דער האַנט, אַז ער וויל נישט דער־לאַנגען אַ ביטע צום מלוכה - פּרעזידענט וועגן באַגנעדיקונג).

אַנדערע רוצחים ווידער האָבן זיך פאַרהאַלטן זייער ציניש

ווען מען האָט פאַרגעלייענט זייערע חטאים; און נאָר צוליב דער מורא פאַרן טויט האָבן זיי געפּרואווט לייקענען אָבער קוקנדיק אויף זייערע פּנימער האָט מען געקענט אַראָפּלייענען אַז זיי זיינען באַגאַנגען די רציחות מיט אַ סאַדיסטישער הנאה און זיי באַדויערן נאָר דאָס וואָס דער „פירער" האָט פאַרשפּילט די מלחמה און זיי מוזן ווערן געמשפּט.

איין פאַל, ווען אַן עס־עס־מאַן האָט באַוויזן מענטשלעכע געפילן און אפשר אויך ריזיקירט מיטן לעבן איז דאָך געשען און דאָס איז געווען האַנס מילער פון ווין אַ יונגערמאַן פון 28 יאָר.

מיט דעם פאַל האַנס מילער האָט טאַקע געקלונגען דער גאַנצער טריבונאַל אין קראָקע בעתן פּראָצעס פון 40 רוצחים פון אוישוויץ: האַנס מילער פלעגט קומען נאָכן אַפּעל אין באַראַק העלפן אַ יידישן אַרעסטאַנט מיט אַ פּראַשעק אַספּירין; ווייל אַ ייד האָט זיך פאַרקילט ביי דער אַרבעט און באַקומען הויכע היץ, האָט ער מורא געהאַט וועגן דעם צו מעלדן, ווייל אַ קראַנקער ייד גייט גלייך אין דער גאַז־קאַמער; האַנס מילער איז געווען דער איינציקער אין גאַנצן טויט־לאַגער, וואָס האָט אין געהיים געראַטעוועט אַ יידישן אַרעסטאַנט. וועגן דעם האָבן דערציילט יידישע עדות אין געריכט;

נישט קיין קליינע סענסאַציע איז אויך געווען זייער עדות־זאָגן אַז האַנס מילער פלעגט אין אָוונט נאָכן אַפּעל קומען אין באַראַק־אריין אין געהיים באַנדאַזשירן אַ יידישן אַרעסטאַנט, וועלכער איז פאַרוואונ־דערט געוואָרן ביי דער אַרבעט. פאַרטאָגס פלעגט ער קומען האַנס מילער און אַראָפּנעמען דעם באַנדאַזש, ווייל לויט די „געזעצן" אין יענעם שרעקלעכן טויט ־ לאַגער איז דער יידישער אַרעסטאַנט וואָס האָט געהאַט אַ באַנדאַזש, עקספּעדירט געוואָרן אין דער גאַז ־ קאַמער.

— וואו קומט אַזאַ מענטש אין דער אָרגאַניזאַציע פון עס־עס. וועלכער איז דורכן נירענבערגער טריבונאַל פאַראורטיילט געוואָרן אַלס אַ פאַרברעכערישע?

די דאָזיקע פראַגע האָט געשטעלט דער פאָרזיצער פון טריבו־נאַל מילערן און ער האָט געענטפערט, אַז מען האָט אים אין ווין

מאָביליזירט מיט געוואַלט צו דער עס־עס־קאָמאַנדאָ און ער איז געווען אוממעכטיק זיך קעגנצושטעלן.

האַנס מילער איז געווען דער איינציקער מענטשלעכער דייטש. צווישן דער גרויסער באַנדע רוצחים; האַנס מילער איז אויך געווען דער איינציקער פון אַלע 40 היטלעריסטישע רוצחים, וועלכער איז בעת יענעם פּראָצעס פולשטענדיק געוואָרן פריי־געשפּראָכן.

פאָרט געווען אַ מענטשלעכער דייטש אָבער נאָר איינער!

חיים רומקאָווסקי — דער „קעניג" פון לאָדזשער געטאָ

בעת דער יאָרצייט פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, שטייט די יידישע וועלט מיט יראת הכבוד פאַר די גבורים, וואָס זיינען דאָרט געפאַלן.

און געפאַלן זיינען זיי אין אַ ביטערן קאַמף קעגן אַ מעכטיקן און ברוטאַלן שונא, וועלכער איז געווען באַוואָפנט ביז די ציין, נישט האָבנדיק דערביי די מינדעסטע שאַנסן אויף נצחון; אפילו דער עווענטועלער שאַנס, פון זיך דורכשלאָגן אַ וועג אויף יענער זייט פון די געטאָ ־ מויערן, האָט פאַר די געטאָ ־ קעמפער אויך נישט עקזיס־טירט; זיי, די אַנילעוויטשעס מיט די ראַדאַלס, די ראָזענפעלדס מיט די פישעלזאָנס און סופיט׳ס — האָבן גוט געוואוסט אַז אויך אויף „יענער זייט" לויערט אויף זיי דער טויט; אויב נישט דירעקט פון אַ דייטש וועט ער קומען פון די פאָליאַקן ביי וועלכע דאָס געיעג נאָך אַן אַנטלאָפענעם אָדער באַהאַלטענעם ייד, איז געוואָרן פשוט אַ ספּאָרט־לעכע עמאָציע.

אָט ווענן דעם אַלעם האָבן די גבורים געוואוסט פּונקט ווי זיי האָבן אויך געוואוסט, אַז דער שונא וועט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר

די שרעקלעכסטע אכזריותן — אַפילו פון אונטערצינדן הייזער אין געטאָ צוזאַמען מיט די לעבעדיקע מענטשן.

און דאָך זיינען זיי געגאַנגען; געגאַנגען אויף קידוש השם און קידוש העם!

אין די גרעסערע געטאָ-קאַפּיטלעך טרעפן מיר אָן אויף בונטן פון דער יידישער יוגנט קעגן נאַציסטישן אָקופּאַנט, אויך אין אַנדערע געטאָס אין פּוילן. אין ביאַליסטאָק למשל האָבן 72 יונגעלייט דריי מעת לעת געשטעלט אַ פאַרביסענעם ווידערשטאַנד דעם ברוטאַלן שונא און אים אויך פאַרשאַפט פאַרלוסטן. איין בחור יצחק מלמד האָט אין טאָג פון דער „אַקציע" זיך געוואָרפן אויף צוויי עס-עס-לייט מיט אַ פלאַש וויטריאָל און זיי אויסגעברענט די אויגן. און ווען די נאַציסטישע מאַכט האָט געדראָט מיט דערשיסן יידישע זאַקלאַדניקעס — אויב מלמד וועט זיך נישט צושטעלן אין משך פון דריי טעג — האָט דער העלדישער בחור זיך צוגעשטעלט כדי צו באַשיצן דאָס לעבן פון אַנדערע אומשולדיקע יידן. אין זעלבן טאָג האָבן אים די דייטשן דערשאָסן אויף יורעוויעצקע גאַס, וועלכע הייסט טאָקע ביזן היינטיקן טאָג: „אוליצאַ מעלאַמעדאַ" (מלמד׳ס גאַס).

אין די קאַפּיטלעך פון ווילנער געטאָ טרעפט מען דעם נאָמען פון דעם העלד יצחק וויטענבערג וועלכער האָט מיט זיין גרופּע געשטעלט אַ ווידערשטאַנד דעם שונא.

אויך די יוגנט פון באַראַנאָוויטש האָט זיך אריינגעשריבן מיט אַ פיין בלעטל אין דער געשיכטע פון אונדזער חורבן.

אויך אין פאַרשידענע שטעט אין גאַליציע טרעפן מיר ענלעכע קאַפּיטלעך.

און ווי זעט אויס די געשיכטע וועגן דער עיר ואם בישראל לאָדזש?

די דאָזיקע צווייט-גרעסטע שטאָט אין פּוילן מיט אירע צוויי הונדערט טויזנט יידן פאַרשפּאַרטע אין די מויערן פון דאָרטיקן געטאָ, פאַרמאָגט לײדער נישט קיין העראָאישע קאַפּיטלעך. די לאָדזשער

יידן פילן זיך דעריבער זייער געקריוודעט מצדן גורל. און ס'איז אויך פאַרשטענדלעך.

האָט דען לאָדזש נישט פאַרמאָגט א הערלעכע נאַציאָנאַלע יוגנט, וועלכע איז גרייט געווען זיך מקריב צו זיין אויף קידוש השם?

אויף דער דאָזיקער ערנסטער קשיא האָבן די לאָדזשער יידן איין ענטפער: רומקאָווסקי.

דער דאָרטיקער זקן, וועלכער איז געווען א געגנער באַקאַנטע ציוניסטישע פערזענלעכקייט אין פאַרמלחמהדיקן לאָדזש, איז באַקאַנט מענדיק פון די דייטשן די נאָמינאַציע אַלס „עלטעסטער דער יודן", געוואָרן נישט צום דערקענען. ער איז געוואָרן — האָבן מיר געזאָגט לאָדזשער יידן — פשוט פאַרשיכורט פון דער מאַכט, וואָס ער האָט באַקומען און געהערשט ביד חזקה.

געפאָרן איז ער אין א קאַרעטע מיט צוויי פערד נאָשפּיץ און פון אינדערפרי ביז אויפדערנאַכט קאָנטראָלירט אַלע ווינקעלעך פון געטאָ.

רומקאָווסקי האָט געהאַט שפּיצלעס אומעטום און קוים איז ער געוואויר - געוואָרן, אַז ערגעץ וואו הערט מען ראַדיאָ, וואָס איז לויט די דייטשע פאָרשריפטן געווען פאַרבאָטן, האָט ער דאָס תיכף ליקווידירט. ער האָט זיך נישט באַגנוגנט למשל ווי אינזשעניער טשערניאַקאָוו, אין וואַרשעווער געטאָ צו זיין דער פאַרבינדער, דער שתדלן צווישן געטאָ און דער דייטשער מאַכט; רומקאָווסקי האָט געהאַלטן אַלץ אונטער זיין קאָנטראָל, אפילו די געטאָ - פּאָליציי. אומעטום האָט ער געהאַט אויגן און פון אַלצדינג האָט ער געוואוסט. און היות ווי ער האָט געגלייבט אין דער האָפענונג, אַז „מיט גוטן" וועט מען מער דערגרייכן ווי דורך קאַמף, האָט ממילא נישט געקענט זיין קיין רייד, וועגן אָרגאַניזירן אין לאָדזשער געטאָ עפּעס ענלעכעס צו וואַרשע אָדער אפילו — ביאַליסטאָק;

— צי איז חיים רומקאָווסקי געווען א פאַררעטער?

איידער מיר ברענגען די ווייטערדיקע פאַקטן, וועלכע זיינען

דער ברייטער עפנטלעכקייט אפשר נישט באַקאַנט, ווילן מיר גלייך פון אָנהייב באַמערקן אַז מיר וואָלטן בשום אופן נישט געוואָלט זיין אין דער ראָל פון אַ פּוסק אחרון און אפילו נישט פון אַ פּוסק ראשון; ווייל מיר האַלטן, אַז **נאָר אַ סנהדרין פון 71** איז באַרופן צו משפּטן דיני נפשות. לויט אונדזער מיינונג איז געווען אַ גרויסע געוואַגטקייט מצד דעם ריכטער הלוי פון ירושלים, וועלכער האָט גענומען אויף זיך אַזאַ מוראדיקע אחריות ווי אַרויסטראָגן אַן אורטייל אין דעם ענין קאַסטנער. אָבער אונדזער ריין זשורנאַליסטישער חוב קען אונדז נישט אָפּהאַלטן, נישט צו פאַרעפנטלעכן אייניקע פּרטים פון געוואַלטיקער באַדייטונג, פּרטים העכסט אָביעקטיווע, וועלכע וואַרפן אַ שיין (אָדער אַ שאָטן) אַרום דער טעטיקייט פון חיים רומקאָווסקי, דעם „עלטעסטן דער יודען" אין לאָדזשער געטאָ.

דער ערשטער קרבן פון לאָדזשער געטאָ וועלכן מיר האָבן באַגעגנט איז געווען אַ מיידל פון 17 יאָר אַ שילערין פון די אָרטאָ-דאָקסישע בית יעקב - שולן. געווען איז דאָס אחרון של פּסח פון יאָר 1946 אין לאָדזש בעת אַן אויפנאַמע, וואָס דער דאָרטיקער „טלאָמאַצקע 13" האָט געמאַכט פאַר אונדזער שרייבער - גרופּע, וואָס איז מיט עטלעכע טעג פריער געקומען פון מאָסקווע. דאָס פרומע יידישע מיידל, וועלכע האָט פאַרלוירן איר גאַנצע משפּחה האָט דערציילט ווי אַזוי רומקאָווסקי האָט גערופן די יידן אין לאָד-זשער געטאָ אויף אַ מיטינג און געפאָדערט פון זיי אַז זיי זאָלן בעסער אַרבעטן און געבן מער פּראָדוקציע ווייל נאָר אין דעם „זכות", וועט מען אפשר איבערלעבן די מלחמה.

ווען דער עולם האָט געשריגן: „מיר גייען אויס פון הונגער. מיר ווילן ברויט", האָט זיי רומקאָווסקי געענטפערט מיט זיין ליט-ווישן יידיש:

„איר ווילט ברעיט (ברויט?) כ'וועל אייך געבן דעם טעיט (טויט)!. בכלל האָט דאָס מיידל געגעבן וועגן רומקאָווסקין די ערגסטע מיינונג און אים באַצייכנט אַלס אַ אכזר און דעספּאָט.

דער דאָזיקער עדות מיטן נאָמען מרים איז דעמאָלט געווען די סעקרעטאַרקע פון ליטעראַטן - פאַראיין און געפינט זיך איצט אין ישראל.

אין א געוויסער צייט שפּעטער זיינען מיר געווען ביי א פריינד, א סוחר פון לאָדזש, א קרבן פון דאָרטיקן געטאָ. צוליב דעם וואָס יענער ייד (מיר גיבן נישט אָן דעם נאָמען ווייל ער געפינט זיך נאָך אין פּוילן) האָט געאַרבעט ביי דער פּראָוויאַנטירונג פון געטאָ וואו רומקאָווסקי איז אַריינגעקומען יעדן טאָג האָט ער געהאַט מער מעג־לעכקייט דעם דאָזיקן אַלטן ייד צו אָבסערווירן און אַפילו מיט אים צו שמועסן. אגב האָט ער אים אויך געקענט נאָך פון פאַרן קריג.

איינמאָל, און געווען איז דאָס אין תחילת 1942, האָט רומ־קאָווסקי געריפן די שעפן פון אַלע אָפּטיילונגען אין געטאָ, און זיי געזאָגט אַז די לאַגע איז זייער ביטער: דער פּלאַן פון די דייטשן איז אומצוברענגען אַלע יידן. מען מוז דעריבער זען צו ראַטעווען וויפל ס'וועט זיך לאָזן, זיין עצה איז, אַז מען זאָל מיט די דייטשן נישט קעמפן נאָר אויספירן זייערע באַפעלן. רומקאָווסקי האָט זיך דערביי אויסגעדריקט זייער מליצהדיק און נעמלעך: אַז ער איז געגליכן צו א גרויסן כוחר, וואָס ווייסט, אַז ער איז באַנקראָט, וועט ער פּרואוון אפשר וועט אים געלונגען צו „רעגולירן" אויף 50 פּראָצענט. זיין פּלאַן וועגן „רעגולירן אויף 50 פּראָצענט" האָט רומקאָווסקי באַזירט אויף דעם פאַקט וואָס זייער פיל דייטשע אָפּיצירן אין לאָדזש, ווילן טוען אַלץ אין דער וועלט כדי נישט גיין אויפן פראָנט. ווייל צו וואָס אַוועקגעבן דעם קאָפּ אַז אין לאָדזשער געטאָ זיינען פאַראַן צוויי הונדערט טויזנט שקלאַפן, וועלכע האָרעווען ווי די אייזלען און מען קען נאָך די רייכע יידן שאַנטאַזשירן און באַרויבן? אין אינטערעס פון די דאָזיקע דייטשן איז געלעגן, אַז די „געטאָ פאַבריק" זאָל אָנגיין ווי אַמלענגסטן. פון צייט צו צייט וועט מען טאָקע כדי צו באַפרידיקן הימלערן אַרויספירן אַביסל יידן אין די טויט - לאַגערן אָבער די „פאַבריק" וואָס גיט פּראָדוקציע פאַרן פראָנט דאַרף ווייטער אָנגיין. און אָט אויף דער קאָרט האָט רומקאָווסקי געשפּילט.

און אז זיין פּלאַן האָט געהאַט אַ געווויסן יסוד, קענען מיר זען פון די דאַטן, וואָס מיר וועלן איצט ברענגען:

ביים סוף פון 1943 זיינען שוין אַלע געטאָס אין גאַנץ פּוילן געווען ליקווידירט און די יידן האָבן זיך שוין געפונען אָדער אין די טויט - לאַגערן אַשוויענטשים, מיידאַנעק און בעלזשעץ (אין טרעב־לינקע האָבן די יידן געמאַכט אַן אויפשטאַנד און דער לאַגער איז פאַר־ניכטערט געוואָרן צוזאַמען מיט די יידן) אָדער אין די טויט־פאַבריקן פון סקאַזשיסקאַ (ווערק „א", „בע" און „צע"), סאָביבאָר, פּאָניאַטאָוו און אין די עטוואָס לייכטערע לאַגערן פּלאַשאָוו (ביי קראָקע און בודזין). צוויי דריטל פון די יידן אין די טויט - לאַגערן זיינען שוין דעמאָלט געווען פאַרגאַזט און די איבעריקע האָבן קוים געזשיפּעט און געהאָפט אפשר וועלן די עראָפּלאַנען פון די אַליאירטע ענדלעך רחמנות־האָבן און וואַרפן אַביסל באָמבעס אויף די לאַגערן, וואָס איז ווי באַקאַנט נישט געשען.

איין געטאָ אָבער איז געווען אין פּוילן, וואָס האָט ביז אוי־גוסט 1944 געהאַט 71 טויזנט יידן. און דאָס איז געווען רומקאָווסקיס געטאָ אין לאָדזש.

ס'איז דעריבער כדאי אויפצופּאַסן אויף די דאַטן, וואָס מיר ברענגען איצט כדי צו זען ווי דער פאַטאַלער גורל האָט זיך אָפּגע־רעכנט מיט די יידן.

דעם 5טן יוני 1944 האָט אייזענהאַואַר דורכגעפירט די אינ־וואַזיע אויפן מערב - פראָנט און נישט געגעבן די דייטשן קיין מנוחה ביזן סוף פון דער מלחמה. אין 5טעג שפּעטער האָבן די רוסן אָנגע־הויבן די אָפענסיווע אויפן קאַרעלאַ - פינישן און לענינגראַדער פראָנט און אים דורכגעבראָכן. דעם 23סטן יוני האָבן די אַרמייען פון זשוקאָוו, קאָניעוו, ראָקאָסאָווסקי און טשערניכאָווסקי אָנגעהויבן די גענעראַל־אָפענסיווע און כסדר פאַרפאָלגט די דייטשן, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין אָפּטרעטן. דעם 17 יולי האָט מען פאַרנומען לובלין און אין 5 טעג שפּעטער האָט שוין לובלין געהאַט אַ צייטווייליקע פּוילישע

רעגירונג צו וועלכער ס'האט אויך געהערט דער ציוניסט דר. זאמער־שטיין און הינטער די קראטן פון דער דארטיקער תפיסה זיינען שוין געזעסן 5 היטלעריסטישע תלינים פון מאידאנעק וועלכע האבן נישט באוויזן צו אנטלויפן.

במעט אין דערזעלבער צייט איז געלונגען דעם מארשאל קאניעוו צו פארסירן די ווייסל ביי צוויזמער (סאנדאמיעזש) און ראקאסאווסקי האט אין א שנעלן מארש זיך דערנענטערט צו ווארשע.

— וואס האט דעמאלט פאסירט מיט די יידן אין לאדזש?

אויף דער דאזיקער פראגע האט מיר געענטפערט דער מיט־גליד פון צענטראל־קאמיטעט פון בונד אין לאדזש ה' פאגעל (וועלכער געפינט זיך שוין איצט אין א פריי לאנד) אז די דייטשן זיי־נען ווי פארסמטע מייז געקומען צולויפן אין געטא מיט א שטיק ברויט אדער חזיר־פעטס אין קעשענע צו די יידישע סטאליארעס די שקלאפן, זיי זאלן מאכן פאר זיי קאסטנס און טשעמאדאנעס כדי ארויסצופירן קיין דייטשלאנד דאס אנגערויבטע האב און גוטס. ביי די דייטשן — דאט מיר געזאגט ה' פאגעל — האט שוין דעמאלט געברענט דער באדן אונטער די פיס. ביי אזא מצב האבן זיי נישט געקענט חלומען אפילו וועגן פארניכטן אדער ארויספירן העכער 70 טויזנט יידן.

אבער דער פאטאלער גורל האט אנדערש געוואלט און סטאלין האט געגעבן דעם טראגישן, באפעל צו ראקאסאווסקין ער זאל נישט שטורמען ווארשע און נישט געבן קיין הילף די „רעאקציאנערע" פאליאקן, וועלכע האבן דעם 6טן אויגוסט אויף א באפעל פון דער פוילישער רעגירונג אין לאנדאן אנגעהויבן אין ווארשע דעם גרויסן באוואפנטן אויפשטאנד קעגן די דייטשן.

אט די דאזיקע אטעם־פויזע, וועלכע די דייטשן האבן בא־קומען פון מאסקווע איז געווען פאר זיי די טייערסטע מתנה און האט זיי געגעבן צייט ארויסצופירן ערשט ביים סאמע סוף אויגוסט, די לאדזשער יידן קיין אשוויענטשים.

אין די ערשטע טראנספארטן, וועלכע זיינען אין אשוויענטשים

געגאַנגען צום פּאַרנאַזן, האָט זיך אויך געפונען דער „עלטעסטער דער יודן", דער 76־יאָריקער חיים רומקאָווסקי.

אַנטוישונג אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד

פון קינדוויַיז אָן געדענק איך, אַז ווען מען פלעגט אַמאָל רעדן וועגן אַ פריי לאַנד, אַ שיין לאַנד און אַ דעמאָקראַטיש לאַנד פלעגט מען נעמען פאַר אַ מוסטער דאָס קליינע לאַנד פון די אַלפּן־בערג, שווייצאַריע. ווען שווייצאַריע פלעגט מען זאָגן, אַז דאָס איז דאָס לאַנד וואו דער בירגער דאַרף נישט קיין פּאַס. אַ בלויזע וויזיט־קאַרטע איז פולשטענדיק גענוג...

איז טאַקע נישט קיין וואונדער וואָס די שוויַיץ איז פון תמיד אָן געווען דער מקום־מקלט פאַר אַלע אויסלענדישע רעוואָלוציאָנערן און פּאָליטישע עמיגראַנטן; פאַר מענטשן וועלכע זענען אין זייערע היימלענדער פאַרפאָלגט געוואָרן דורך דער פּאָליציי פאַר פּאָליטישע הטאים אָדער אַזעלכע וואָס האָבן שוין אַלס אַרעסטאַנטן זיך אַרויס־באַקומען פון תפיסה, איז דער ערשטער אַדרעס געווען: שווייצאַריע.

כ'האָב אַמאָל בייגעוואוינט אויף טעלאַמאַצקע 13 אַ אינטערע־סאַנטן שמועס צווישן דר. יהושע גאָטליב ע"ה און אים צו לענגערע יאָר, דר. יוסף קרוק (איצט אין ישראל). ביידע האָבן ביזן ערשטן וועלט־קריג שטודירט אין דער שווייצאַרישער שטאָט בערן און האָבן איבערגעגעבן זכרונות פון יענע סטודענטישע יאָרן אין דער שוויַיץ ווען וולאַדימיר איליטש לענין און לעוו בראָנשטיין־טראָצקי זיינען מיט די טשעמאָדאַנטשיקלעך אין די הענט אָראָפּגעקומען קיין בערן און געהאַלטן אין די סטודענטן־קלובן רעפעראַטן וועגן מאַרקסיזם דר. קרוק איז נאָך אויף טלאָמאַצקע 13 געווען באַגייסטערט פון טראָצ־קיס אידעאַליזם און קרוק האָט זיך אויסגעדריקט אַז ווען טראָצקי האָט גערעדט וועגן דער וועלט־רעוואָלוציע וועלכע מוז קומען, האָט

ער זי ממש אַנגעטאַפּט מיט די הענט... אין אַן אנדער מיינונג איז געווען גאַטליב, וועלכער האָט מודה ־ געווען אַז טראָצקי איז געווען אַ פּרעקטיקער רעדנער אָבער די געשיכטע מיט דער וועלט ־ רעוואָלוציע איז נישט מער ווי פּראָזעאָלאָגיע. אין דעם שמועס האָבן זיך אויך אַריינגעמישט שאול יצחק סטופּניצקי און אהרן איינהאָרן, וועלכע זיינען אויך אַמאָל געווען סטודענטן אין דער שווייץ און מ'איז פאַרקראָכן ביז ראָזאַ לוקסעמבורג, קאַרל ליבקנעכט, וולאַדימיר מעדעם און קאַרל קאַוטסקי...

און וועלכער פּאָליטישער פירער איז דאָרט נישט געווען? מיט איין וואָרט, שווייצאַריע איז געווען דער אמתער גן עדן התחתון וואו אויף סען ־ מאָריץ האָבן זיך טעכטער פון אַמעריקאַנישע מיליאָנערן, פרייליכע געגליטשט פון די ווייסע און זוניקע שניי ־ בערג און אויף די פעריפעריעס פון בערן און ציריך האָבן אָרעמע סטודענטן צוגעגרייט די וועלט־רעוואָלוציע...

אין דער געשיכטע פון ציוניזם פאַרנעמט די שווייצאַרישע שטאָט באזעל דעם גרעסטן און חשובסטן פּלאַץ; כמעט אַלע ציוניסטישע קאָנגרעסן זענען דאָרט פאַרגעקומען נישט אויסשליסנדיק דער 21סטער קאָנגרעס אין אויגוסט 1939, וועלכער איז פאַרענדיקט געוואָרן אין איילעניש און אין בהלה ווייל איבער וואַרשע האָט שוין געהאָגלט מיט היטלעריסטישע באָמבעס, ביז דעם 22סטן קאָנגרעס, וועלכער איז פאָרגעקומען אין 1946, און איז געווען דער ערשטער נאָך דעם שרעקלעכן חורבן.

באזעל איז געווען די שטאָט וואו די בלוי ־ ווייסע פאָן איז שטאַרק פּאָפּולער געווען און שווייצאַריע איז אַזוי אַרום געווען די ערשטע מלוכה אויף דער וועלט, וואָס האָט פּראָקלאַמירט דעם ציוניזם און אים געגעבן גלייכבארעכטיקונג; ממש נסים ונפלאות פלעגן דערציילן די ציוניסטישע דעלעגאַטן און זשורנאַליסטן וועגן דער שווייץ בכלל און וועגן דער שטאָט באזעל בפרט; יעדער איינער האָט פשוט נישט געפונען גענוג לויב ־ ווערטער סיי פאַר דער גאַסטפריינטלעכקייט

פון דער שווייצאַרישער רעגירונג און סיי וועגן דער העפלעכקייט און גוטער באַהאַנדלונג מצד די אָרטיקע איינוואוינער.

אין ליכט פון די דאָזיקע פאַקטן איז דעריבער נישט קיין וואונ־דער ווען ביי אַ סך יידן האָט די דעפעשע פון דער יידישער טעלעגראַפן אַגענטור, אַז שווייצאַריע פאַרקויפט געווער צום קריגס ־ העצערישן און יידן ־ פיינטלעכן עגיפטן, אַרויסגערופן געפילן פון פאַרדרוס און פאַרביטערונג.

די געשיכטע פונעם חורבן פון אונדזער פאָלק בעתן צווייטן וועלט ־ קריג האָט מיך, אַלס ייד און אַלס מענטש געלערנט, אַז ווען מען וויל אַרויסגעבן אַ קריטעריום וועגן אַ פאָלק אָדער אַ רעזשים, דאַרף מען קודם ־ כל אויפמישן די בלעטער, וועלכע הייסן דער חורבן פון די יידן אין אייראָפּע.

און אין די קאַפּיטלען פון דער דאָזיקער געשיכטע וועלן מיר אָנטרעפן אויף בלעטער שוואַרצע און פינצטערע און אויך אויף בלע־טער ווייסע און ליכטיקע.

אַזוי למשל רעדן מיר מיט אַ קללה אויף די ליפּן וועגן די אוקראַינער, פּאָליאַקן, ליטווינער, לעטן, ווייס ־ רוסן און רוסן — אָט די אַלע פעלקער, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט זייערע רעזשימען געהאָלפן דעם היטלעריסטישן רוצח אויספירן דעם שרעקלעכן מאַסן־מאָרד איבער די יידן פון אייראָפּע. דאַקעגן גרילצט מיר אין אויער, ווען עמיצער פּרוּווט רעדן אַ שלעכט וואָרט אויף אַן איטאַליענער, אַ פאָלק, וואָס האָט זיך מקריב געווען פאַר יידן, אָן אונטערשיד צי דאָס זענען געווען אָרטיקע אָדער פּליטים, אָרעמע אָדער רייכע. דאָס זעלבע קען מען אויך זאָגן וועגן די סקאַנדינאַווישע לענדער, שוועדן און דע־נעמאַרק. און אינטערעסאַנט, אַז צוליב דער געמיינער פּראָוואָקאַציע פון דער סאָוויעטן ־ רעגירונג (וועלכע איז אין דעצעמבער 1939 אָנגעפאַלן אויף פינלאַנד און צוגערויבט פון איר אַ שטיק טעריטאָריע), איז פינלאַנד, אַריין שפּעטער, אין אַ מלחמה אויף היטלערס זייט קעגן די אַליאירטע, האָט פונדעסטוועגן נישט געטשעפּעט קיין איין

ייד; פינלאַנד האָט זיך אַפילו נישט דערשראָקן פאַר הימלערס דראָאונגען צו גענעראַל מאַנערהיים, אַז ער זאָל אים אַרויסגעבן די יידן.

איז אויב מען רעדט וועגן ווייסע און שוואַרצע בלעטער אין די באַציאונגען פון פאַרשידענע פעלקער און רעזשימען בעתן חורבן פון אונדזער פאָלק טאָר נישט פאַרהוילן ווערן דאָס בלעטל פון פראַנקאָס שפּאַניע. ס׳וועט מיך קיינער נישט חושד זיין אין סימפּאַטיעס צו שפּאַניע ווייל מען ווייסט מיין פיינטלעכע שטעלונג צו דיקטאַטור בכלל אָן אונטערשיד צי דאָס איז דיקטאַטור פון רעכטס צי פון לינקס. אָבער דאָס ענדערט בשום אופן נישט דעם פאַקט וואָס טויזנטער יידן, פּליטים פון בעלגיע און פראַנקרייך האָבן ביים שפּאַנישן קאָנסול אין מאַרסייל באַקומען וויזעס קיין שפּאַניע אָן אַ גראָשן געלט! קומענדיק קיין שפּאַניע האָבן זיי זיך געקענט באַוועגן פראַנק און פריי. אַ טייל זענען ווייטער געפאָרן מעבר לים און אַ טייל זענען געבליבן אין שפּאַניע ביז די מלחמה האָט זיך געענדיקט — און שפּעטער אויסגעוואַנדערט וואוהין זיי האָבן געוואָלט.

אָבער ווען מען גיט אַ מיש אויף דאָס בלעטל וואָס הייסט שווייצאַריע ווערט אַ ביסל פינצטער פאַר די אויגן. קודם־כל האָט שווייצאַריע נישט געגעבן קיין וויזעס יידישע פּליטים און די אויסלענדישע יידן, וואָס זענען דאָרט געווען פון פריער אָדער געשוואַרצט די גרענעץ, האָט מען גאַנץ שיין אינטערנירט אין אַ לאַגער וואו ס׳האָט געהערשט נויט און דלות. און אין איינעם פון די דאָזיקע לאַגערן האָט אויסגעהויכט די נשמה, דער פון גאָט געבענטשטער און וועלטבארימטער זינגער יוסף שמידט. פיל ביטערער איז געווען דער גורל פון די יידישע פּליטים, וועלכע מען האָט געפּאַקט ביים שוואַרצן די גרענעץ.

די דאָזיקע יידן האָט מען פּשוט, אָן שום צערעמאָניעס, צוריקגעטריבן אויף יענער זייט גרענעץ, און זיי זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשישע רוצחים.

יאָ, פאַר די ציוניסטישע דעלעגאַטן און געסט וועלכע זענען

געקומען אויף די קאָנגרעסן, פון ניו יאָרק און פון לאָנדאָן, מיט דאָלאַרן און מיט פונטן, איז יאָ געווען פּלאַץ. אָבער פאַר די אָרעמע פּליטים איז קיין פּלאַץ נישט געווען.

„מיין נאָמען איז... סנה"

דאָס איז געווען פּריוויטיק, דעם 17טן אַפּריל 1948. עמיצער האָט מיר אָנגעקלונגען אין רעדאַקציע „דאָס נייע לעבן" אין וואַרשע, אַז אין בנין פון צענטראַל - קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן אויף שעננאַ 60 איז אָנגעקומען אַ גרויסע דעלעגאַציע פון ארץ - ישראל כדי אָנטיילצונעמען אין די פייערונגען פון אנטהילן דעם דענקמאָל לכבוד די העלדן און קדושים פון וואַרשעווער געטאָ. יענער האָט אויך צוגעגעבן: „אין דער דעלעגאַציע זיינען פאַראַן אַ סך פון דיינע אַמאָליקע פריינד און זיי ווילן דיך זען". אַן איבערראַשטער און צופרידענער בין איך אַוועק אויף שעננע 60. דער הויף האָט געווימלט פון אויסלענדישע געסט באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע. געטראָפן זרובבלען מיט דער ווייסער באָרד. זיך הארציק באַגריסט און געפּאַקט יורישן, וועלכען מיר האָבן שוין ניט געזען לערך 20 יאָר. מיר לויפן ווייטער און אין פאָיע קומט אנטקעגן אַ זייער עלעגאַנטער און דיקער הער, וועלכן איך האָב דאָס לעצטע מאָל געזען שוין אַלס פּליט אין לוצק אין ערשטן הודש פון דער וועלט-מלחמה.

צווישן אונדז איז אין פאָיע פאָרגעקומען אַזאַ געשפּרעך:

— שלום - עליכם דר. קליינבוים.

— עליכם - שלום. כ'בעט אייך חבר באָרענשטיין, רופט מיך מער נישט קליינבוים, מיין נאָמען איז סנה.

כ'האָב געהאַט בדעה אים צו פרעגן דאָס וואָס איך האָב אין יענעם מאָמענט געטראַכט און געטראַכט האָב איך אַזוי: איז טאַקע

דער נאָמען קליינבוים אזוי העסלעך אז מען מוז זיך פון אים אָפּטרייסלען! האָט דען נישט דער נאָמען משה קליינבוים יעדן פרייטיק אראָפּגעלויכטן פון דער שפיגלדיקער 3טער זייט אין דער אַמאָליקער גרויסער יידישער צייטונג „היינט”? איז דען נישט דער נאָמען קליינבוים געווען דער סינאָנים פון בירגערלעכן ציוניזם אין פוילן?

אָבער דאָס האָב איך אים נישט געפרעגט. דאקעגן האָב איך אים געשטעלט אזעלכע פראגן:

איר זענט לאחדות עבודה?

— ניין.

— איר זענט פון השומר הצעיר?

— ניין.

— לינקע פועלי - ציון?

— אויך נישט, איך בין אליין...

אונדזער געשפרעך איז איבערגעריסן געוואָרן צוליב א פּאָר דאָרע און איידעלע פינגער, וועלכע האָבן פון הינטן ארומגעכאַפּט מיינע אויגן. געווען איז דאָס דער פּאָעט איציק מאנגער, וועלכער איז געקומען פון לאָנדאָן אלס פאָרשטייער פון אינטערנאציאָנאַלן פּען-קלוב צו די געטאָ - פייערונגען אין ווארשע. פארשטייט זיך, אז מיר האָבן שוין איבערגעלאָזט די „פּאָליטיק” און זיך בעסער פארנומען מיט מאנגערן.

סנה איז אלזאָ געווען געגנוג אויפריכטיק און האָט לגמרי נישט פארהוילן אז ער האָט מיט ציוניזם מער קיין שייכות נישט.

באמת, א זעלטענער פאל ביי א יידישן קאָמוניסט.

„פירער פון רומענישן יידנטום”

אויף דער פּרעכטיק - דעקאָרירטער בינע זענען געזעסן: איציק מאנגער און אברהם שלאָנסקי, זרובבל און יוררים, דר. כרמל און

דר. סנה... און נאָך צענדליקער און צענדליקער געסט, וואָס זיינען געקומען קיין וואַרשע פון די ווייטסטע עקן פון דער וועלט, פון ריאָ און פון בוענאָס איירעס און אַפילו פון שאַנכײַ. ס׳האָבן אויך נישט געפעלט קיין געסט פון די „פאָלקס־דעמאָקראַטישע" מדינות, דער־רונטער אויך פון יוגאָסלאַוויע (טיטאָ האָט נאָך דעמאָלט נישט גע־הייסן: „דער טראָצקיסטיש־פאַשיסטישער פאַררעטער פון אַרבע־טער־קלאַס און פאַרקויפטער אַגענט צו די אַנגלאָ־זאַקסישע אימ־פעריאַליסטישע מלחמה־אונטערצינדער". טיטאָ איז נאָך דעמאָלט געווען כשר...)

אַלץ איז געקומען קיין וואַרשע כדי בייצוואוינען די פייער־לעכקייט פון אויפדעקן דעם דענקמאָל לכבוד די העלדן פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

געפעלט האָבן בלויז די סאַמע חשובסטע געסט, די סאַמע־נאָענטסטע, די געסט פונעם ראַטנפאַרבאַנד. און גערעכט האָט מען זיך אויף מאַרקישן, אויף בערגעלסאָנען, און אויף פעפערן. די שענסטע אַפּאַרטאַמענטן אין עלעגאַנטן האָטעל „בריסטאָל" האָט מען פאַר זיי צוגעגרייט. אָבער די שיינע אַפּאַרטאַמענטן זיינען געבליבן ליידיק און פוסט און אַנשטאָט צו הערן פון זיי אַ לעבעדיק וואָרט האָט דער פאַר־זיצער איבערגעלייענט אַ טרוקן און קאַלט בריוול מיט אַ מעלדונג, אַז די דעלעגאַציע פון יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָס־קווע האָט ליידער נישט געקענט קומען צו דער גרויסער פייערלעכקייט"...

—...„און איצט — האָט זייער פייערלעך געמאָלדן דער פאַר־זיצער דר. א. בערמאַן — באַקומט דאָס וואָרט, דער חשובער פירער פון רומענישן יידנטום, דער פאַרשטייער פון דער ברידערלעכער פאָלקס־דעמאָקראַטישער רעפּובליק, חבר בערקי פעלדמאַן".

פון די שטולן אין דער ערשטער ריי איז אויפגעשטאַנען אַ בלאָנדער, פעטער־געבויטער פאַרשוין מיט ברייטע פּלייצעס. צו דער רעדנער־טריבונע איז ער נישט געגאַנגען נאָר געלאָפן און לויפנדיק אַזוי האָט ער, דער „פירער פון רומענישן יידנטום" אויסגעטון דאָס רעקל און געבליבן אין „שפּאַנצערנע הויזן" אַזוי, אַז ווען ער איז אין דער גאַנצער ברייט געשטאַנען מיטן פּנים צום עולם, האָבן מיר געזען פאַר זיך אַ זאַמד־שייגעץ.

אַלע רעדנער־דעלעגאַטן פאַר אים האָבן גערעדט יידיש. דער „פירער פון רומענישן יידנטום" אָבער האָט געהאַלטן, אַז ער וואָלט געווען אַ צו שוואַכער פּאַטריאָט פאַר זיין לאַנד ווען ער זאָל רעדן יידיש.

ער האָט נישט גערעדט נאָר אויסגעשריגן פון אַ לאַנגן פּאַפּיר אויף רו־מעניש, וואָס קיינער האָט אַ וואָרט נישט פאַרשטאַנען. פון זאָל האָבן פּשוטע יידן געגומען שאַרן מיט די בענקלעך און זיך אַרויסרוקן. און ווען נישט דאָס וואָס טיף פון דער בינע האָט אַראָפּגעקוקט דאָס ליכ־טיקע געשטאַלט פון קאָמאַנדאַנט פון די אויפשטענדלער אין וואַרשע־ווען געטאָ מרדכי אַניעלעוויטש ז"ל, וואָלטן יידן געשריגן צום פאָרזיצער ער זאָל צונעמען דאָס וואָרט ביים פאַרשווין, וואָס פאַר־שוועכט דעם כבוד פון די געטאָ־העלדן.

אַ האַלבע שעה האָט בערקו פעלדמאַן געשריגן אויף די ציין. מען האָט נאָר געהערט עפּעס אַ ווילד קול, וואָס האָט אַלע רגע איבער־געחזרט די ווערטער: „פּראָגרעס", „דעמאָקראַטיע", „פאַשיזם" און „סטאַלין". ענדלעך האָט זיך דאָס לאַנגע פּאַפּיר אויסגעלאָזט און דער עולם אין זאָל האָט אַביסל אָפּגעאָטעמט.

די יידן אין רומעניע אָבער האָבן נישט אָפּגעעטעמט. אין משך פון די 4 מיט אַ האַלב יאָר, וואָס זיינען אָפּגעלאָפן איז פון די דאָר־טיקע יידן אַ סך בלוט אָפּגעפלאָסן. און אומעטום ביי יעדן אומגליק און ביי יעדער פינסטערער גזרה האָט געשטעקט זיין רוצחישע האַנט: בערקו פעלדמאַן האָט דאָרט פאַרנומען דעם אמט פון גענעראַל־סעקרע־טאַר פון צענטראַל ־ קאָמיטעט ביים יידישן דעמאָקראַטישן קאָמיטעט. פאַר אים זיינען אַלע טירן פון דער רעגירונג געווען אָפן און ער איז אויסגעוואַקסן אומעטום דאָרט וואו מען האָט אים באַדאַרפט און דאָרט וואו מען האָט אים נישט באַדאַרפט. די רומענישע יידן האָט ער גע־רופן נישט אַנדערש ווי ספּעקולאַנטן און שונאים פון אַרבעטער־קלאַס. און ווען די רומענישע רעגירונג האָט איבער זיין קאָפּ אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך מיט דער רעגירונג פון ישראל וועגן עליה. האָט ער נישט גערוט. ער איז געלאָפן פון איין מיניסטער צום אַנדערן, אַז מען זאָל ביי די :ספּעקולאַנטן" וואָס פאַרלאָזן דאָס "לאַנד פון סאָציאַליזם" צונעמען אַלץ וואָס זיי האָבן. דאָס האָט ער געהאַלטן די דרשות אין רומענישן ראַדיאָ אין וועלכע ער האָט געזידלט די ישראל ־ רעגירונג מיט די העסלעכסטע ווערטער און אַז אַלע ציוניסטן זיינען שונאים פון דער רומענישער פאָלקס־דעמאָקראַטיע.

ער האָט געשריגן אַזוי לאַנג ביז מען האָט אַלע ציוניסטישע עסקנים אין רומעניע אַרעסטירט. ער האָט אויך אויסגעפּועלט אַז מען זאָל די עולים פון רומעניע אַרויסלאָזן נאַקעטע קיין ישראל און ענדלעך האָט ער אויך דאָס זייניקע אויסגעפירט און מען האָט די עליה אָפּ־געשטעלט.

בערקו פעלדמאַן איז געווען דער ערגסטער טיפּ פון אַ „מאַשעק".
ער האָט געטאָן אַלץ כדי נושא - חן - צו זיין ביי דער גוישער רו מענישער רעגירונג, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר די מיאוסטע זאַכן. און ווען אננא פּאוקער איז אריינגעפאַלן אין אומחן און מאָסקווע האָט גע-געבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל צונעמען ביי איר אַלע אַמטן, וואָס זי האָט פאַרנומען סיי אין דער רעגירונג און סיי אין דער פּאַרטיי, האָט בערקו פעלדמאַן אָרגאַניזירט אַ מאַסן - מיטינג אין וועלכן ער האָט אויפגעוויזן נישט מער און נישט ווייניקער אַז אננא פּאוקער איז געווען אַ שונא פון דער רומענישער פאָלקס - דעמאָקראַטיע און אַז דאָס האָט זי אַרויסגעלאָזט די יידן קיין ישראל וואו ס'ווערט צוגעגרייט דער פּלאַן אָנצופאַלן אויפן ראַטנפאַרבאַנד נעבעך.

אָבער בערקו פעלדמאַן האָט פאַרגעסן וואו ער האַלט און אַז ער געפינט זיך אין אַ מדינה וואו יעדער טאָג קען עפּעס ברענגען נייעס...

אָבער אַט דערציילט דער „טאָג" אַז אויף אַ זיצונג פון יידישן צענטראַל - קאָמיטעט, וואָס איז אונטער זיין פאָרזיץ פאָרגעקומען אין בוקאַרעשט, זיינען פּלוצלינג אריינגעקומען צוויי ציוויל - געקליידעטע פאַרשוינען און האָבן אים „פאַרבעטן" צוזאַמען מיט זיין נושא-כלים דעם יעווסעקישן אַדוואָקאַט שערבאַן לייבאָוויטש. די צוויי ציווילע פאַרשוינען האָבן געזאָגט אַז בערקו פעלדמאַן ווערט גערופן אין דער מיליץ בלויז אויף אַ שעה" און אַז "מען דאַרף זיך מיט אים בלויז דורכשמו".

און דער פירער פון רומענישן יידנטום איז געוואָרן „יושב בסתר".

מ'וויל אונדז נישט פאַרגינען דעם כבוד פון געטאָ - אויפשטאַנד

די פייערונג לכבוד דער 15טער יאָרצייט פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, זיינען אַדורך אין דערגאַנצער יידישער וועלט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און יראת הכבוד; אין יעדן לאַנד וואו ס'איז נאָר פאַראַן אַ יידישער ישוב איז די דאַטע פון כ"ז ניסן באַערט געוואָרן ווי ס'דאַרף צו זיין; אַפילו אין דעם טייל לענדער פון הינטערן אייזערנעם פאָרהאַנג, וואו יידן לעבן אונטער גויאישע נעמען

און, כדי זיך נישט צו אפּישירן מיט יידישקייט, האָבן זיי שוין די לעצטע עטלעכע יאָר פּשוט מורא געהאַט דורכצופירן אַזעלכע ריין־יידישע אַקאַדעמיעס ווי אַ געטאָ ־ פייערונג, האָט מען אָבער דאָס מאָל יאָ איינגעאָרדנט געטאָ ־ אַקאַדעמיעס. אָן אויסנאַם איז געווען בלויז דאָס איינציקע לאַנד פון אבי ־ אבות הטומאה, און נעמלעך די מדינה פון ניקיטאַ כרושטשאָוו; דאָרט האָבן יידן נישט געוואַגט אַזעלכע איינצואָרדענען און מ'האָט זיך געשטיקט מיט די טרערן. איבעריקנס די אומגליקלעכע סאָוויעטישע יידן זיינען שוין געוואוינט דערצו...

דערפאַר אָבער זיינען אין וואַרשע אַדורך די געטאָ ־ פייערונגען מיט גרויס פּאַראַד. די „פאָלקס ־ שטימע" האָט אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן נומער געווידמעט די גבורים און קדושים ווי אויך אַן אילוסטרירטע ביילאַגע אויף פּויליש מיט בילדער פון קינסטלער, וועלכע האָבן געמאָלן יענע היסטאָרישע טעג פון יידישער גבורה.

קיין וואַרשע זיינען אויך אָראָפּגעקומען פיל יידישע געסט פון אויסלאַנד דערונטער אויך אַ פירנדיקע פּערזענלעכקייט פון „רעאַקציאָנערן" יידישן וועלט ־ קאָנגרעס, דר. אריה טאַרטאַקאָווער.

און אויב מ'וויל געפינען די סיבה פון דער גרויסער אויפמערקזאַמקייט וואָס די יידן איבער דער גאָרער וועלט האָבן געשאָנקען די געטאָ ־ פייערונגען איז עס דערפאַר וואָס כמעט אין דערזעלבער צייט זיינען פאָרגעקומען די פייערלעכקייטן לכבוד צען יאָר מדינת ישראל אויך אַ יום־טוב פון יידישער גבורה, וואָס איז סימבאָליש פאַרבונדן מיטן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

דער פּובליציסט י. ע. ס. שרייבט אין וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע":

„פּאַרטייאישע און געזעלשאַפטלעכע טוער, הויכע מיליטער־לייט, אַרבעטער ־ דעלעגאַציעס האָבן געלייגט קרענץ, געהאַלטן באַגייסטערטע רעדעס פול מיט כבוד און פאַרערונג פאַר די געפאַלענע יידישע שלאַכטלייט, פול מיט סימפּאַטיע און מיטגעפיל צום יידישן פאָלק".

די גאַנצע פּוילישע פּרעסע, אַזוי אין דער הויפּט ־ שטאָט ווי אין די וואָיעוואָדשאַפטן האָט ווירדיק אָפּגעמערקט דעם 15טן יאָרטאָג פונעם אויפשטאַנד מיט אַ ריי וואָגיקע אַרטיקלען, מיט דערציילונגען און לידער, מיט ספּעציעלע פאָטאָ־מאָנטאַזשן".

קיינער פון אונדז וועט נאַטירלעך נישט חושד ־ זיין די פּאָליאַקן אין זייער אויפריכטיקייט, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן יידישן

כבוד. גיכער האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ באַפעל פון אויבן פון סאמאָ־ראָדנעם וויעסלאַוו גאָמולקאַ אָדער פון זיין יידיש ווייב, „טאָוואזשיש־קאַ סאַרא" (כאַוועריטע שרה)...

און אַז אונדזער אָפּשאַצונג איז אַ ריכטיקע קען מען זען פון עט־לעכע ווייטערדיקע שורות, טאַקע פון זעלבן ה' י. ע. ס., וועלכער שרייבט:

„אין אָט דעם מעכטיקן כאָר פון באַוואונדערונג און פולער סימפּאַטיע רייסט זיך אָבער אַריין דער פּאַראַיינזאַמטער גרילץ ־ טאָן פון דער קאַטוילישער צייטונג „סלאָוואָ פּאָוושעכנע".

און אָט וואָס די קאַטוילישע צייטונג מיט דער דאַטע פון 20סטן אַפּריל שרייבט:

„די לעצטע — ווייל די לעצטע 18 לאַנגע יאָרהונדערטער האָבן יידן ווי אַ פאָלק נישט געקעמפּט מיט געווער. זיי האָבן געפירט אַ וואַנדער ־לעבן, זיינען געווען לאָקאַטאָרן ביי פעלקער, און ווי לאָ־קאַטאָרן האָבן זיי זיך נישט צוגעבונדן צו קיין איין דאַך, וועלכער האָט זיי געשיצט, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע היים, זענען קיינמאָל נישט געווען קיין געזעצלעכע באַלעבאַטים.

אַרויסגעוואָרפן פון אייניקע לענדער, האָבן זיי זיך געשיצט אין אַנדערע. גערודפטע האָבן זיי זיך געראַטעוועט מיט אַנטלויפן, מיט געלט, מיט כיטרעקייט, נאָר קיינמאָל נישט מיט געווער.

ס'איז געקומען די ערשטע כוואַליע פון דער ליקווידאַציע פון געטאָ. צו דער שחיטה זיינען געגאַנגען טויזנטער, פּאַסיוו אָן ווי־דערשטאַנד. איין דייטשישער שטשעניאַק האָט געפירט הונדערטער מענטשן און קיינער פון זיי האָט נישט געוואַגט אויף אים זיך צו וואַרפן!"

איר פאַרשטייט?: „איין דייטשישער שטשעניאַק האָט געפירט הונדערטער מענטשן (לייען יידן! י. ב.) און קיינער פון זיי האָט נישט געוואַגט אויף אים זיך צו וואַרפן!"

וויפל פינצטערן קוראַזש דאַרף מען באַזיצן, כדי צו קענען אַזעלכע נידערטרעכטיקע שורות אויפשרייבן, נאָך דערצו אין אַזאַ מאָמענט ווען די גאַנצע פּוילישע פּרעסע — ווי עס שרייבט ה' י. ע. ס. — האָט אַזוי ווירדיק אָפּגעמערקט דעם 15טן יאָרטאָג מיט אַ ריי וואָ־גיקע אַרטיקלען א. אז. וו.

און נאָך עפּעס: ס'איז באַקאַנט אין דער גאַנצער וועלט, אַז נאָך

אַ טויטן זאָגט מען נאָך שבחים, אפילו ווען יענער איז געווען אַ שונא. צי ס'איז ריכטיק אַזוי, צי נישט, איז ווייניקער וויכטיק ווייל אַ פאַקט איז אַז אַזוי איז אָנגענומען אומעטום; און ווי באַקאַנט איז קיין איי־נער פון די, וועלכע זיינען געפירט געוואָרן פון דעם „דייטשישן שטשע־ניאַק" נישטאָ צווישן די לעבעדיקע, טאָ פאַרוואָס קומט זיי נאָך צו באַשמוצן און באַליידיקן?

איז דער שכל מחייב, אַז פאַר דער דאָזיקער העסלעכער באַ־ליידיקונג האָט ה' י. ע. ס. געדאַרפט דערלאַנגען דעם מנובלדיקן שמירער פון דער קאַטוילישער צייטונג אַז ס'זאָל אים דערגיין ביז אין דער זיבעטער ריפּ. איז דאָך אָבער ה' י. ע. ס. אַ יעווסעק וועלכן מ'האָט צוגעוואוינט צו זיין נידעריקער פון גראָז און אָנשטאָט צו שיטן יענעם דעם טרויעריקן און ביטערן אמת אין די אויגן אריין, איז ער אריבער מיט יענעם אין אַ פּאָלעמיק אויף אַן אַקאַדעמישן טאָן און געהאַלטן אין אויפווייזן און זיך פאַרענטפערן וואָס דער יידישער אַר־בעטער ־ קלאַס האָט אַלץ געטאָן פאַר פוילן און פאַר דער רעוואָלוציע און נישט פאַרגעסן פאַרשטייט זיך אויך וועגן יידישן באוואָפנטן אָנ־טייל אויף די פעלדער פון שפּאַניע...

און לאָמיר צוגעבן נאָך אַ „בלימעלע", „סלאָווא פּאָווּשעכנע":

„ווען איינער פון די יידן האָט אין געטאָ געזוכט אַ צענדליק, כדי צו שאַפן אַ קאַמפּס ־ גרופּע האָט ער זי נישט געפונען (!!!)... יע־דער פון זיי האָט געהאַט אַ ווייב, קינדער, פליכטן, יעדער פון זיי האָט געהאַט עפּעס אַן אָנהאַלט. קיינער האָט נישט געוואָלט אומקומען פאַר אַנדערע. ס'האָבן זיך דאָן נישט געפונען קיין 10 צדיקים אין אָט דער שטאָט, וואָס איז פאַרמשפּט געווען אויף אומקום. אַזוי איז גע־ווען אַ יאָר צוריק" (אַ יאָר פאַרן אויפשטאַנד — י. ע. ס.)".

און אָט אויף דעם דאָזיקן געמיינעם ליגן ענטפערט ה' י. ע.ס.:

„און דאָס אַלץ טראַכטן צו די קופּערנע שטערנס פון די „סלאָווא פּאָווּשעכנע" ־ פּובליציסטן אין אַ צייט ווען אַלעמען איז באַוואוסט, אַז שוין אין 1939 יאָר האָבן אין וואַרשע עקזיסטירט יידישע אונטערערדישע קאַמפּס ־ גרופּן, אַז אין 1942 יאָר האָבן שוין געווירקט די קאַמפּס ־ אָפּטיילן פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן בלאָק, אַז אין יאַנואַר 1943 יאָר איז אין געטאָ געווען אַ 3-טאָגיקע שלאַכט, אין רעזולטאַט פון וועלכער די היטלעריסטן זיינען פאַרטריבן געוואָרן דורך דער יידישער קאַמפּס ־ אָרגאַניזאַציע!

פאַר זיי גילט ווייטער די אַלטע, נאַרא ־ ענדעקישע, אַנטי־

סעמיטישע לעגענדע וועגן יידן - פּחדנים, אינדיווידואַליסטן, וואָס האָבן רק אין זינען אייגן ווייב און קינד..."

און דאָ קומט דער לאַקריץ - זיסער חניפהדיקער סוף פון דעם יעוועסעקישן קנעכט, וועלכער שרייבט נישט מער און נישט ווייניקער ווי „אַז די גאַנצע וועלט! האָט געהערט דעם מיליטערישן אַפּעל פון פּאַרטיידיקונגס - מיניסטעריום פון אונדזער רעפּובליק וועלכער איז ביים דענקמאָל פון יידישער גבורה געלייענט געוואָרן דורכן גענעראַל וו. טשיזשעווסקי, אין וועלכן עס ווערט דערציילט וועגן דעם געטאָ - אויפשטאַנד אַלס דירעקטע פאָרזעצונג פון דער דורותדיקער קאַמפּס - געשיכטע פון די יידישע פאָלקס - מאַסן די געטרייע בירגער פון פאָלקס - פּוילן!"

אָרעמער י. ע. ס.! אָרעמער יעווסעק!

צי וואָלט דען נישט פיל נוצלעכער געווען, ווען אַנשטאָט דעם גאַנצן פּלפּול מיט „אויפקלערן" דעם שונא - ישראל פון דער קאַטוילישער צייטונג — זאָגן אים דעם ריינעם און ביטערן אמת: יאָ, איין דייטשער שטשעניאַק האָט געפירט הונדערטער יידן אָבער וויפל **טויזנטער** שטשעניאַקעס **פּוילישע** זיינען ארומגעגאַנגען און געוואָרפן שטיינער אין דער יידישער מחנה און געחוזקט: „יודע!" „יודע"!?; האָט דען ניט יאַנאַס טורקאָוו דערציילט אין זיין בוך ווי אַזוי פּוילישע שטשעניאַקעס האָבן זיך דערלויבט צו שלאָגן די אומגליקלעכע יידן, וועלכע מען האָט געפירט אויף דער פּראַגער בריק אין לאַגער אריין קיין גראָכאָוו? אַזעלכע פאַלן זיינען דאָך געווען אויף טריט און שריט און ה' י. ע. ס. ווייסט דערפון זייער גוט. אָבער אין פּוילן הערשט דאָך קאָמוניזם און אין אַ קאָמוניסטיש לאַנד טאָר דער אמת נישט אָנקוקן די ליכטיקע שיין; דאָרט מוז דער אמת דערשטיקט ווערן!

עמלק צי אדום

מיר האַלטן איצט 23 יאָר נאָכן העלדישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. אין שייכות מיט דער דאָזיקער דאַטע איז כדאי צו כאַפּן אַ בליק אויף צוריק פון דעם נישט לאַנגן אַמאָל.

מיר מיינען דאָ דעם „גענאָססע" וואַלטער אולבריכט, דעם סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטיש - מזרח - דייטשער רעפּובליק. וועלכער האָט אין חודש מערץ פון 1951 באַקומען צוגעשיקט פון דער

ישראל - רעגירונג א זייער העפלעכע נאָטע אין וועלכער די רעגירונג פון מזרח - דייטשלאַנד ווערט אויפגעפאָדערט צוריקצוגעבן די גזלה, וואָס דאָס דייטשע פאָלק איז באַגאַנגען לגבי דעם יידישן פאָלק. מיט איין וואָרט, די נאָטע האָט אַנטהאַלטן דעם זעלבן נוסח וואָס ס'האָבן באַקומען די 4 גרויסמאַכטן (אַריינגערעכנט אויך די סאָוויעטן־רעגירונג) און דער קאַנצלער פון מערב - דייטשלאַנד דר. קאָנראַד אַדענאַוער.

דער רעזולטאַט איז געווען דער, אַז דער קאַנצלער פון מערב־דייטשלאַנד האָט דער ערשטער אין אַן עפנטלעכער רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין באָנער פאַרלאַמענט געגעבן אַ פּאָזיטיווע תשובה אויף דער נאָטע פון דער ישראל - רעגירונג. געענטפערט האָבן אויך אין פאַרשידענע טערמינען די רעגירונגען פון: אַמעריקע, ענגלאַנד און פראַנקרייך. דאַקעגן האָבן אינגאַנצן נישט געפונען פאַר נייטיק צו ענטפערן די רעגירונג פון מאָסקווע ווי אויך די רעגירונג פון דער קאָמוניסטיש - מזרח - דייטשער רעפּובליק. זיי, הייסט עס, מיינט מען גאָרנישט. מען האָט גאָרנישט געמאָרדעט, מען האָט גאָרנישט גערויבט און ס'איז בכלל גאָרנישט געשען...

היות ווי אַ דעפּעשע פון דער יידישער טעלעגראַפן אַגענטור האָט געמאָלדן, אַז די ישראל - רעגירונג האָט כלל נישט בדעה צו רעזיגנירן פון דער גזלה, וואָס ס'זיינען באַגאַנגען די מזרח - דייטשן און אַז זי וועט מיט נאָך מער ענערגיע מאָנען איר גערעכטע תביעה איז צו זען, אַז דער ענין וועט אַזוי שנעל ניט אַראָפּגיין פון סדר־היום און דעריבער איז כדאי דעם ענין צו באַהאַנדלען אַביסל ברייטער און קלאָרער.

דעם 9טן סעפּטעמבער 1951 איז פאַרענדיקט געוואָרן אין לוקסעמבורג דער ערשטער טייל פון דער אָפּעראַציע, וואָס הייסט דייטשלאַנד. און לאָמיר צוגעבן, אַז די אָפּעראַציע איז געווען אַ ביטערע, אַ שווערע און די הכנות צו איר האָבן געקאָסט אומזיסט בלוט (העכער 200 יידישע פּאָליציאַנטן זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן אין ירושלים בשעת דער דעמאָנסטראַציע פון די רעוויזיאָניסטן אין זייער מאַרש צו דער כנסת). מען דאַרף זיך אויך נישט נאַרן און פרובן מיט אַ לייכט געמיט מבטל - מאַכן די טענות פון דעם צד, וואָס האָט געהאַלטן, אַז מען טאָר מיט די דייטשן זיך נישט זעצן צום טיש, ווייל סוף - כל - סוף שפּילט אויך נישט קיין גרויסע ראָלע דער פּרט, וואָס אַזונדערע פאַרשטייער האָבן, כדי נישט צו באַקומען אין באַרירונג מיט די דייטשן, רעזיגנירט פון רויכערן פּאַפּיראָסן...

ביים פשוטן ייד, ביי דעם מענטש אָן חכמות איז יעדער דייטש טמא און טריפה אַלץ איינס צי ער וואוינט אין פראַנקפורט (מערב - דייטשלאַנד) צי אין דרעזדן (מזרח - דייטשלאַנד), צי אין האַמבורג (מערב דייטשלאַנד) צי אין לייפּציג (מזרח - דייטשלאַנד).

און נאָכמער: פאַר אונדזער געפּייניקט יידיש פאָלק קען ניט און טאָר ניט זיין מאָסגעבנד דער אורטייל פון נירענבערגער טריבו-נאַל, וועלכער האָט געפּאַסקנט, אַז נאָר "געסטאַפּאָ" און „עס - עס" זיינען פאַרברעכער, וואָס דאַרפן געשטעלט ווערן צום משפּט, דאַקעגן די רייכסווער (דייטשע אַרמיי) און „ס. א." (שטורעם - אָפּטיילונג) געהערן ניט צו דער קאַטעגאָריע פון פאַרברעכער. ניין, מיר ווייסן ווי אַזוי פּשוטע דייטשע זעלנער און אָפיצירן האָבן אין אַ זונטאָגדיקן טאָג געכאַפּט בערדיקע יידן אין טאַרנאָוו (מערב - גאַליציע) צו דער אַרבעט כלומרשט אויף צו רייניקן די קאַזאַרמעס און מען האָט זיי געהאָנגען ביי די פּיס.

און ניט בלויז די דייטשן בימי היטלער זיינען געווען פאַר אונדז זייער ביטער.

כ'געדענק, ווען כ'בין נאָך אַ יינגל - געווען האָט פּאַסירט אַ מעשה - נורא, וואָס האָט אויפגערודערט דאָס גאַנצע יידישע וואַרשע.

דאָס איז געווען אין די ימים - נוראים פון 1914, צוויי חדשים נאָכדעם ווי דאָס ווילהעלמיסטישע דייטשלאַנד האָט אָנגעהויבן די מלחמה מיטן צארישן רוסלאַנד, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אויך אין פּוילן. אין אָט יענע טעג האָט וואַרשע געקאָכט מיט אַ פּאָר טויזנט יידן, וועלכע זיינען אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע, נאַקעטע און באָרוועסע געקומען צופוס פון אַ וויטן וועג כדי זיך צו ראַטעווען דאָס לעבן. די אומגליקלעכע יידן זיינען געקומען צולויפן פון דער שיינער שטאָט קאַליש, וואָס איז געווען די ערשטע שטאָט, וואָס איז געלעגן נעבן דער דעמאָלטיקער רוסיש - דייטשער גרענעץ, און איז באַלד פאַרנומען געוואָרן פון די דייטשן. פּלוצלינג, פאַר ראש־השנה, האָט דער קאָמענדאַנט פון קאַליש, אַ דייטשער גענעראַל מיטן נאָמען פּרויסקער אַרומגעשטעלט די גאַנצע שטאָט מיט דער שווערסטער אַר-טילעריע און 3 טעג מיט 3 נעכט האָט זיך געשאָטן אַ ווילדער האָגל פון שראַפּנעלן איבער דער שטאָט. הונדערטער הייזער זיינען איינ-געפאַלן און טויזנטער אומשולדיקע מענטשן האָבן געפונען זייער טויט.

ווען די אומגליקלעכע קרבנות זיינען געקומען קיין וואַרשע האָט זיך אין די שילן, שטיבלעך און בתי - מדרשים געקאָכט מיט

דער מעשה ־ נורא און יידן, לומדים האָבן געגומען חוקר ־ זיין פונוואַנען עס שטאַמט דאָס רשעתדיקע מלכות גרמניא. א טייל האָבן געהאַלטן אַז די דייטשן שטאַמען פון אדומען. אַנדערע האָבן געהאַלטן אַז זיי שטאַמען פון עמלקן און נאָך אַ לאַנגן פלפול איז געבליבן, אַז די דייטשן זיינען עמלקים.

ווי עס איז צו זען דערפון איז דער ענין מיט די דייטשן גאָר נישט קיין פשוטער און נישט קיין צופעליקער...

און דעריבער איז די לאַגע פון דער ישראל ־ רעגירונג ביים זעצן זיך צום טיש מיט די דייטשן גאָר נישט געווען קיין גרינגער. אָבער די ישראל ־ רעגירונג האָט געהאַט איין וואָגיקן ארגומענט — וועלכער האָט לויט מיין מיינונג געקענט בארעכטיקן די אונטערהאַנדלונגען — און דאָס איז דער ארגומענט, אַז מען טאָר נישט דעם רוצח געבן קיין פרעמיע און איבערלאָזן ביי אים דאָס רויב, בפרט נאָך אין אזא וויכטיקער צייט ווען אין ישראל זיינען דאָ פיל טויזנטער פון זיינע קרבנות, וועלכע ווילן לעבן און ס'איז דער חוב — אין דער ערשטער ריי פון דער ישראל־רעגירונג — זיי דערין צו העלפן.

ווי געזאָגט איז דער ערשטער טייל פון דער אָפעראַציע אָפגעשלאָסן געוואָרן און איך בין נישט מסכים מיט די קעגנער פון די אונטערהאַנדלונגען און מיט די פעסימיסטן, וועלכע ווילן זיך „טרייסטן" דערמיט, אַז די דייטשן וועלן דעם אָפמאַך נישט האַלטן און וועלן נישט צאָלן. זיי וועלן שוין יאָ צאָלן, ווייל הינטער זייערע פלייצעס שטייט דאָס גרויסע און דעמאָקראַטישע אַמעריקע וואָס האָט זיי געצוואונגען צו גיין צום טיש. און דעם אמת געזאָגט איז דאָך קיינער נישט אַזוי נאַאיוו צו גלייבן, אַז די דייטשן זיינען פלוצלינג איבערנאַכט געוואָרן צדיקים און ס'האָט זיך ביי זיי אויפגעוועקט דאָס געוויסן לגבי דעם יידישן פאָלק.

דעריבער איז דער ערשטער טייל פון דער אָפעראַציע געענדיקט.

פיל שווערער זעט אויס דער צווייטער טייל פון דער אָפעראַציע, און דאָס איז דער ענין מיט די מזרח ־ דייטשן. דאָ האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף 17 מיליאָן דייטשן, וועלכע זיינען פלוצלינג געבשרט געוואָרן אַלס צדיקים.

די דייטשן, וואָס וואוינען אין דעם קאָמוניסטישן טייל, די זעלבע רוצחים, וואָס די דייטשן פון מערב האָבן געגומען און פאַרביטן זייערע ברוינע קראַוואַטן אויף רויטע, זייערע פענער מיט די האַקנקרייצן האָבן זיי פאַרביטן אויף פענער מיטן „האַמער און סיערפּ"

און — כשר וישר. ס'איז איבריק צוציגעבן אַז די אמתע רוצחים זיינען דווקא די דייטשן, וועלכע זיינען אַריינגעטרעטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און שרייען העכער פון אַלע „עם לעבע דער גענאַססע סטאַלין".

אויך אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן זיינען דווקא די פּאָליאַקן, וואָס זיינען געווען באַפלעקט מיט אומשולדיק יידיש בלוט געלאָפן די ערשטע אין די פּ. פּ. ר. (קאָמוניסטישע פּאַרטיי) און אין 1947 האָט מען אַ סך אַזעלכע פּריש - געבאַקענע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן פאַרנומען אָנגעזעענע פּאָזיציעס, געשלעפּט אין טורמע אַריין און פאַרפירט קעגן זיי פּראָצעסן פאַר מאָרדן יידן.

אין מזרח - דייטשלאַנד אָבער האָלט מען נישט דערפון דאָרט זינגט מען לויב - געזאַנגען פאַר „זייערע" דייטשן. אויך די יעווסעקעס פון אַלע לענדער, אָנהויבנדיק פון תל - אביב ביז ניו-יאָרק האָבן געגאַווערט פון זייערע מיילער מיט תהלות ותשבחות פאַר דער „הערלעכער דייטשער יוגנט וואָס האָט שטאָלץ מאַרשירט מיט די רויטע פענער אויף די גאַסן פון מזרח-בערלין".

ניין, פאַר אונדז זיינען די מזרח - דייטשן נישט קיין קלענערע רוצחים ווי די מערב - דייטשן און אויך פון זיי מוז מען צוריקפאָדערן די גזילה.

די רויטע פאַן איז נישט מכפּר!

אַרטור (שמואל) זיגעלבוים ז"ל

פון די בונדישע אָנפירער, וועלכע פלעגן זייער אָפט קומען אין ליטעראַטן - פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13, איז אַרטור זיגעלבוים געווען דער רואיקסטער.

ער פלעגט זיך קיינמאָל נישט אויפקאָכן סיי ווען די דיסקוסיעס זענען געפירט געוואָרן ביי די טישלעך און סיי ווען מען האָט דיסקוטירט פון דער טריבונע.

און ס'איז דעמאָלט, אין יענע דרייסיקער יאָרן געווען אין וואַרשע ווענן וואָס צו דיסקוטירן: דער בייזער שכן פון מערב האָט שוין דורך זיינע גיפטיקע אַנטיסעמיטישע קאַנאַלן באַוויזן צו פאַרסמען אַ גאַנץ גרויסן טייל פון פּוילנס איינוואוינער. אויף פאַרזאַמלונגען פון פּוילישע סוחרים, דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן האָט מען

שוין אָנגענומען רעזאָלוציעס וועגן איינפירן דעם "אריער פאראגראף".

יידישע קליינהענדלער, ירידים - פאָרער פלעגן אנטלויפן פון די מערק קוים מיטן לעבן, איבערלאָזנדיק אויף הפקר זייערע סחורות, וואָס „איידעלע" סטודענטן האָבן באַגאָסן מיט נאַפט.

ארטור זיגעלבוים האָט געהאַט דאָס גליק זיך ארויסצורייסן (אין יאָר 1940) פון די היטלעריסטישע נעגל. ער איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן און איז דאָרט צוזאמען מיט דר. יצחק שווארצבארד געווען איינער פון די צוויי יידישע מיניסטאָרן אין שיקאָרסקים רעגירונג, וואָס איז באַשטאַנען פון מיטגלידער פון פאַרשידענע פאַרטייען, ארטור זיגעלבוים איז דאָרט געווען דער פאַרטרעטער פון יידישן ארבעטער־קלאַס אין פוילן מיט וועלכן ער איז זיין גאַנץ לעבן געווען געקניפט און געבונדן. און היות ווי ער האָט אויך געהאַט דאָס „גליק" זיך צו באַקענען מיט די דייטשן פון דער נאָענט האָט ער זיין ארבעט אין לאָנדאָן געווידמעט אויסשליסלעך לטובת די יידן אין פוילן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די לאַפּעס פון די נאַצים.

ארטור זיגעלבוים האָט דורך פאַרשידענע געהיימע קאַנאַלן באַקומען ידיעות נישט בלויז פון געטאָ נאָר אויך פון די פוילישע סאָציאַליסטן, וועלכע זענען געווען אויף דער „ארישער זייט" אזוי, אז ער איז געווען גוט אינפאָרמירט וואָס דאָרט קומט פאָר. און דאָ האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די שרעקלעכע ידיעות פון 19טן אפּריל 1943.

אליעזר פּינעס דער סעקרעטאַר פון „די גאָלדענע קייט", וועלכער האָט אין יענע שרעקלעכע טעג פאַרבראַכט מיט זיגעלבוימען אין לאָנדאָן האָט מיר איבערגעגעבן אייניקע פּרטים, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן מיטן דאָזיקן גרויסן ייד אין יענע טעג. ער האָט נישט גערוט נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט.

צוערשט האָט ער אַלאַרמירט דער פוילישער רעגירונג, אז די נאַצים ברענען די יידישע הייזער אין געטאָ צוזאַמען מיט די מענטשן.

ער האָט געהאַלטן אַ רעדע דורכן לאָנדאָנער ראַדיאָ און געזאָגט צווישן אַנדערן אזוי:

„...איר האָט נאָר - וואָס געהערט די שרעקלעכע נייעס פון פוילן. דאָס זיינען פאַקטן, וועלכע מאַכן גליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן. פּרואווט אייך פאָרשטעלן די מענטשן אין די אָפּגעשלאָסענע געטאָס, וועלכע זעען יעדן טאָג, ווי זייערע נאָענטסטע ווערן אוועקגעשלעפּט צו דער מאַסן־הינ־

ריכטונג און יעדער ווייס, אַז עס מוז קומען אויך זיין ריי... שטעלט אייך פאַר די טויזנטער מוטערס דאָרט, וואו די יידישע באַפעלקערונג ווערט אויסגעשטיקט מיט גיפט - גאַז. די מוטערס קוקן אויף זייערע קינדער און ווייסן, אַז זייער גורל איז אומפאַרמיידלעך, יעדע מינוט וועלן קומען די תלינים און וועלן זיי אַוועקשלעפּן צום טויט... שטעלט אייך פאַר דאָס גרויזאַמעפאַרברעכן: פּלאַנמעסיק אויסצומאָרדן אַ גאַנץ פאָלק! יעדער פון אונדז, וועלכער באַנעמט דעם גרויל פון פאַרברעכן, מוז אַרומגעכאַפּט ווערן מיט אַ געפיל פון חרפּה, וואָס ער געפינט זיך נאָך צווישן די לעבעדיקע.

„...און עס וועט ווירקלעך זיין אַ חרפּה ווייטער צו לעבן, צו געהערן צום מענטשלעכן מין, אויב עס וועלן נישט תיכף געפונען ווערן מיטלען אָפּצושטעלן דאָס גרעסטע פאַרברעכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע. ס'מוז אויפגעטרייסלט ווערן דאָס געוויסן פון יעדן, עס מוז אויפגעריסן ווערן די רואיקייט פון יענע, וועלכע פאַרטרייבן פון זיך די שוידערלעכע פאַקטן מיט זעלבסטנאַרעריי, אַז זיי זיינען אומגלויבלעך. די רעגירונגען פון ענגלאַנד און אַמעריקע מוזן געפינען מיטלען צו צווינגען די נאַציס אָפּצושטעלן דעם מאַסן - מאָרד. יעדער פון אונדז וואָס וועט ניט טאָן אַלץ, כדי אָפּצושטעלן די מאַסן-שחיטות, וועט נעמען אויף זיך די מאָראַלישע מיטפאַראַנט-וואָרטלעכקייט פאַר זיי.

„דאָס מאַסן - פאַרברעכן, וואָס קומט פאָר אין פּוילן, איז אַזוי טיף, אַז עס שלעפּט מיט די גאַנצע מענטשהייט אין אַ זינלאָזן אָפּגרונט. די מאַסן - גריבער, אין וועלכע טויזנטער יידישע פרויען, קינדער און זקנים ווערן יעדן טאָג אַריינגעשליידערט, זיינען ברענענדיקע וואונדן, וואָס יעדער אָנשטענדיקער מענטש מוז עמפּינדן ווי אַ פּיין פון שענדונג וואָס ווערט באַגאַנגען קעגן אים אַליין.

„אין נאָמען פון אָט די מיליאָנען הילפלאָזע, אומשולדיקע, צום טויט פאַראורטיילטע מענטשן אין די געטאָס פון פּוילן, וועמענס אויסגעשטרעקטע הענט צו דער וועלט קאָנען נישט געזען ווערן, רוף איך צו אַלע מענטשן. צו אַלע פעלקער, וועמענס געוויסן איז נאָך וואַך:

„שטעלט אָפּ דאָס גרעסטע פאַרברעכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע!"

פינעס דערציילט, אז זיגעלבוים האט אפגעשלאגן די טירן ביי די פירער פון דער ענגלישער לייבאר - פארטיי, וועלכע זענען דעמאלט געווען אין דער רעגירונג: ער איז געווען ביי קריפסן, ביי מאריסאן און ביי בעווינען. אבער אומעטום האט ער אנגעטראפן אויף א טויבער וואנט.

צי זיינען די ענגלישע ליבעראַליסטן אנטיסעמיטן? האט זיי טאקע נישט אינטערעסירט דער שרעקלעכער חורבן פון די פוילישע יידן?

שווער צו זאגן אז די פירער פון דער לייבאר - פארטיי זאלן זיין אנטיסעמיטן. ווייל סאציאליסטן זענען נישט קיין קאמוניסטן, וואס זענען פעאיק אויף די שרעקלעכסטע געמיינהייטן, נישט אויסשליסנדיק אפילו דעם ווילדעסטן אנטיסעמיטיזם און רציחות.

העכסט ווארשיינלעך איז די סיבה פון דער קאלטער באציאונג מצד די ליבעראלע גויים צו אונדזער חורבן געווען דאס וואס זיי האבן ניט געגלייבט. דער מוח פון אן ענגלישן סאציאליסט האט בשום אופן נישט געקענט באגרייפן, אז מען קען ברענען מענטשן לעבעדיקערהייט בלויז דערפאר ווייל זיי זענען יידן.

און יידן אין אמעריקע האבן דעמאלט יא געגלייבט?

דער הייסער ייד ארטור זיגעלבוים איז שוין געווען אויסגעשעפט פון זיינע כוחות און דאס איינציקע וואס איז אים געבליבן איז געווען דער פראטעסט - געשריי צו דער גרויסער און טויבער וועלט אז זי זאל אויפגערודערט ווערן און — איז באגאנגען זעלבסטמארד.

אין יענע טעג ווען ארטור זיגעלבוים האט זיך געבראכט פאר א קרבן בין איך צוזאמען מיט נאך פוילישע יידן געווען אין א שמוציקן קאלכאז ראמנובקא אין סאמארער געגנט, טויזנטער מייל ווייט פון לאנדאן און בכלל אפגעשניטן פון דער לעבעדיקער וועלט.

פלוצלינג איז פון שכנותדיקן שטעטל קאשקי געקומען א שליח מיט א יידיש בריוול אז איך זאל קומען אין שטעטל אריין ווייל ס'איז אנגעקומען וויכטיקע נייעס.

דאס בריוועלע האט געשיקט א לובלינער פליט דער שניידער זעליק וואסערשטראם. איך בין נאטירלעך תיכף געלאפן קיין קאשקי און ביי וואסערשטראמען אין שטוב האט געוואַרט א גויע, וועלכע האט באקומען א בריוו פון איר זון א פוילישן אפיציר אין לאנדאן.

אין בריוו ווערט דערציילט, אַז מען האָט אַלע יידן אין וואַרשע אויסגעשאָכטן און דער מיניסטער זיגעלבוים אַ זשידעק" איז באַגאַנ־גען זעלבסטמאָרד.

דאָס איז געווען אין תחילת פון חודש יוני 1943. מיט איניקע וואָכן שפּעטער האָבן מיר באַקומען בריוו פון אונדזערע פּליטים אין וייטן סאָוויעטישן סאַמאַרקאַנט מיט דער טרויעריקער ידיעה וועגן אַרטור זיגעלבוים.

דאָס ווייזט נאָר אויף ווי ווייט דער אָפּקלאַנג פון דאָזיקן טאַט איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען איבער דער גאַנצער וועלט.

אַרטור זיגעלבוים האָט זיין גרויסן ציל דערגרייכט...

צו די גרויסע טרויער פייערלעכקייטן, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין וואַרשע דעם 19טן אַפּריל 1948, ווען מען האָט אויפגעשטעלט דעם דענקמאָל פאַר די העלדן און קדושים, זענען געקומען הונדערטער דעלעגאַטן און געסט פון אויסלאַנד. ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן זענען די איינגעלאַדענע געסט קיין וואַרשע געווען 95 פּראָצענט קאָמוניסטן.

צווישן אַנדערע איז געקומען אַ צאָלרייכע דעלעגאַציע פון ארץ־ישראל. פאַרשטייט זיך אַז אין דער ארץ - ישראל דעלעגאַציע האָט נישט געפעלט דער קאָמוניסט שמואל מיקונים און זיין „שטילער" שותף משה סנה. אָבער ס'זענען אויך געווען אַנדערע לינקע ציוניסטן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט אָנגערוקט דער פּסח און אַ טייל דעלעגאַטן זענען אַרויסגעפאָרן אין אַ יידישן פּענסיאָנאַט אין אָטוואָצק. די טישן זענען געווען געגרייט יום - טובדיק מיטמצות און מיט וויין (דאָס האָט באַזאָרגט די „שפּיאָנאַזש - אָרגאַניזאַציע" „דזשאָינט") און אַפּילו מיט הגדות. נאָר איין קלייניקייט: ס'איז נישט געווען קיין יינגעלע, וואָס זאָל פרעגן די קשיות: דעם גרעסטן צאָרן האָט היטלער אויסגעלאָזט צו אונדזערע קינדער. די שטימונג איז נאַטירלעך נישט געווען קיין יום - טובדיקע און מיר האָבן אָנגעהויבן צו רעדן וועגן חורבן אין געטאָ.

— לויט מיין מיינונג דאַרף דער נאָמען אַרטור זיגעלבוים פאַרשריבן ווערן מיט גאָלדענע אותיות אין אונדזער געשיכטע — האָב איך מיך אָנגערופן ווייל ער האָט אויפגערודערט די גאַנצע וועלט.

— איך בין נישט מסכים מיט אייך — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די מעסיקע מפּם - פירער אין ארץ - ישראל.

— פאַרוואָס?

— זעלבסטמאָרד איז נישט דער וועג פון א סאָציאַליסט. א סאָציאַליסט דאַרף קעמפן — האָט יענער געענטפערט.

איך בין פאַרשטייט זיך נישט אָפּגעשטאַנען און געפרעגט. ווי אַזוי האָט ער געקענט קומען פון לאָנדאָן קיין וואַרשע קעמפן?

ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַן אַלגעמיינע דיסקוסיע און כאָטש יעדער איינער האָט זיך באַמיט איבערצושטייגן דעם אַנדערן מיט ליג־קיזם האָבן דאָך אַלע מסכים געווען מיט מיין „קליינבירגערלעכע שטעלונג.

איך האָב דעם דאָזיקן פּרט געבראַכט אַלס אילוסטראַציע ווי אַזוי פּאָליטישע קעגנער האָבן אַרויסגעוויזן זייער ענגפּאַרטייאישע קליינלעכקייט אַפילו צו אַזאַ גרויסן טאַט פון קידוש־השם.

דעם 11טן מאַי 1943, ווען מען האָט אַרטור זיגעלבוימען געפונען א טויטן איז שוין לאָנדאָן נישט געווען באַדראָט פון קיין היטלעריסטישער אינוואַזיע: ס'איז שוין געווען שיינע חדשים זינט די העלדישע ענגלישע 8טע אַרמיי פון פעלד - מאַרשאַל מאָנטגאָמערי האָט געגעבן א טויט - קלאַפּ די אַרמייען פון מאַרשאַל ראָמעל און פאָן אַרנים; ס'איז שוין געווען 3 חדשים נאָכדעם ווי ביי סטאַלינגראַד איז צעשמעטערט געוואָרן די 6טע דייטשע אַרמיי פון פאָן פּאַולוס.

אַרטור זיגעלבוים, וועלכער איז דעמאָלט געווען אין לאָנדאָן האָט געקענט אויסלעבן זיינע יאָרן ווי א סך אַנדערע יידן. זיין פלאַ־מענדיק יידיש האַרץ האָט אָבער דערצו נישט דערלאָזט.

כבוד דעם ליכטיקן אָנדענק פון קדוש וטהור אַרטור זיגעלבוים!

„וואַרשאַוויאַנקעס" אין תל - אביב

פאַרשידענע טענות האָט מען צו תל - אביב. מענטשן, פיינ־שמעקער, מבינים אויף אַרכיטעקטור און סטיל האַלטן, אַז די דאָזיקע הונדערט - פּראָצענטיקע יידישע שטאָט איז געבויט אינגאַנצן אָן א סטיל און אָן א פּלאַן.

— אייער תל - אביב איז כאַראַקטערלאָז — האָט זיך גע־קלאָגט פאַר מיר אַ ייִד, אַ טוריסט, וואָס איז געקומען פון נעאַפּאָל. אים געפעלן נישט די הייזער, וואָס שטייען ענג איינע נעבן דער אַנדערער און אַלע זיינען ענלעך צו זיך אַזוי ווי קעסטעלעך פון שוועבעלעך. איך האָב אים געענטפערט, אַז מיך אינטערעסירן ניט די הייזער נאָר די וואָס **וואוינען** אין די הייזער.

אַ צווייטער ייִד, אַ וואַרשעווער, האָט שוין געהאַט אַ פּיל ערנסטערע טענה צו תל - אביב. דער דאָזיקער ייִד, אַ רעליגיעזער מענטש, האָט זיך געקלאָגט פאַר מיר, אַז אויף געוויסע גאַסן אין תל - אביב מיידט ער אויס צו גיין אום שבת, ווייל ער קען נישט צוקוקן דעם חילול - שבת בפרהסיא.

— סטייטש! די געשעפטן זיינען דאָך אום שבת געשלאָסן?
— האָב איך אים געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג.

— יאָ, די געשעפטן זיינען טאַקע געשלאָסן, אָבער די מענטשן רויכערן פראַנק און פריי אום שבת און בלאָזן ממש דעם רויך אין די אויגן אַריין... ער ווייסט — זאָגט ער — אַז דאָס זיינען סאָציאַליסטן מיט קאָמוניסטן, וועלכע גלייבן אין גאָרניט, אָבער צי האָט זיך אַזאַ איינער דערלויבט צו רויכערן אום שבת, אויף די נאַלעווקעס אָדער אויף די פראַנטשישקאַנער? אפילו אויף די קאַרמעליצקע, וואו ס'האָבן געוואוינט אַ סך בונדיסטן, האָט קיינער נישט געוואַגט צו רויכערן אום שבת פראַנק־און־פריי אויף דער גאַס.

איך בין זיך מודה, אַז איך האָב דעם פרומען ייִד נישט געקענט געבן קיין תשובה אויף זיין קשיא.

— געפעלט אייך גאָרנישט אין תל - אביב? — האָב איך געפרעגט.

— זעט איר וואָס ס'געפעלט מיר יאָ אין תל - אביב, דאָס זיינען די נעמען פון די גאַסן:

„רחוב רמב״ם״, „רחוב ברטנורא״, „רחוב רש״י״...

די דאָזיקע נעמען — זאָגט ער — דערמאָנען יעדן ייִדן אין עפּעס געטלעכעס, אין הייליקעס און אַז מיר לעבן פאָרט אין אַ ייִדישער שטאָט.

כ'וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן (דאָס איז געווען באַלד צומאָרגנס נאָך מיין קומען קיין תל - אביב), דאָס באַגעגעניש מיט אַ באַקאַנטער „וואַרשאַוויאַנקע״, אַ דאַמעלע, וואָס פלעגט אָפט זיך זיצן אין די

„זיעמיאַנסקע”, ווען זי האָט מיר אַ זאָג געטאָן (אויף פּויליש נאַטירלעך), אַז זי וואוינט אויף „רחוב ר׳ יוחנן הסנדלר”. זי האָט דעם דאָזיקן שווערן נאָמען געזאָגט זייער גלאַטיק און אויף מיין פראַגע צי זי ווייסט ווער ס׳איז געווען ר׳ יוחנן הסנדלר האָט זי פּאַריסן ס׳נעזל און געזאָגט כמעט מיט פּאַרדרוס הלמאי איך האַלט זי פאַר אַזעלכע, וואָס ווייס נישט ווער ס׳איז געווען ר׳ יוחנן הסנדלר.

— „טאַ ביל — האָט זי געזאָגט — ווייעלקי טאַלמודיסטאַ איווייעלקי צאַדיק”.

יאָ, מיין וואַרשעווער ייד איז געווען גערעכט: די נעמען פון די תל - אביבער גאַסן לייגן אַ שטאַרקן חותם אויף דער יידישקייט פון דער שטאָט און דאָס מוז אימפּאָנירן יעדן ייד.

די גאַסן פון דער גרויסער שטאָט, וועלכע ציילט אָן עין-הרע איבער 400 טויזנט יידן (קיין אַראַבער זעט מען ניט אין תל-אביב) טראָגן נעמען אָנהייבנדיק פון די נביאים, תנאים, אמוראים און גאונים ביז שרייבער, געלערנטע, ציוניסטישע עסקנים און אויך קדושים פון לעצטן היטלער-חורבן...

פאַראַן אויך גאַסן אין תל - אביב, וואָס האָבן נעמען פון חסידי אומות העולם.

אַזוי למשל טראָגט די הויפּט - גאַס אין תל - אביב דעם נאָמען פון ענגלישן גענעראַל אַלענבי, וועלכער האָט בעת דער ערשטער וועלט - מלחמה געקעמפט אין פּאַלעסטינע קעגן די טערקן. אין יאָר 1917 האָט ער געוואונען די שלאַכט ביי ירושלים און פאַרטריבן די טערקן. צוקומענדיק מיט זיין אַרמיי צו די טויערן פון ירושלים איז ער אַראָפּגעגאַנגען פון פערד.

— ירושלים איז אַ הייליקע יידישע שטאָט — האָט דער ענגלישער גענעראַל געזאָגט צו זיינע שטאַב-אָפיצירן.

אַלע זיינען אַראָפּ פון די פערד און אריינמאַרשירט קיין ירושלים צופוס.

רחוב אלענבי איז דער לעבעדיקסטער נערוו אין תל - אביב. דאָרט געפינען זיך די עלעגאַנטסטע געשעפטן פון זייד, קאָנפעקציע, צירונג און אויך געשעפטן פון ספרי - קודש. אַ גאַנצע וואָך רוישט דאָרט פון אינדערפרי ביז אין אָוונט פון אַלע מינים אויטאָמאָבילן. נאָר אַז עס קומט פרייטיק פאַרנאַכט אָדער אַן ערב-יום-טוב הייבט אָן די גאַס קריגן אַ גאָר אַנדער פּנים. פון דער גרויסער שיל, וועלכע גע-

פינט זיך אין סאַמע מיטן פון דער גאַס, הויבן אָן באַציִיטנס אַרויסצו־לייכטן די אָנגעצונדענע ליכט און גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן אין דער פאָרם פון מנורות. און ייִדן אויסגעפּוצטע אין בגדי שבת — קומען פון די אַלע אַרומיקע גאַסן צו קבלת־שבת. אויך דער פּאָליציאַנט, וואָס שטייט אינמיטן גאַס אַקעגן דער שיל, איז אַ שבתדיקער: ער טראָגט ניט קיין שום געווער און אַפילו ניט דאָס נאָרמאַלע פּאָליציי־אישע שטעקעלע. אָנגעטון איז אָן עלעגאַנטן מונדיר מיט גלאַנצנדיקע שיך און מיט ווייסע הענטשקעס גיט ער בלויז אַכטונג, אַז קיין שום אויטאָמאָביל זאָל דאָרט ניט פאַרבייפאָרן און ניט אויפרייצן די מתּ־פּללים. אַז ס'קומט ראש־השנה ביינאַכט איז דאָרט די אַלענבי־גאַס אַזוי באַלויכטן, אַז ס'מאַכט דעם איינדרוק אַזוי ווי דער הימל וואָלט געווען באַלויכטן מיט עלעקטריע.

אַזוי אַרום האָט דער ענגלישער גענעראַל געהאַט דאָס מזל און די זכיה צו האָבן זיין נאָמען אויף דער שענסטער גאַס אין תּל־אביב.

ליידער קען מען דאָס ניט זאָגן וועגן דער גאַס פון ענגלישן קעניג זשאָרזש. די „רחוב מלך זשאָרזש" איז ניט קיין קליינע אָבער ווי אויף צו להכעיס דעם ענגלישן מאָנאַרך האָט דאָרט אַ גרויס הויז מיט אַ פּלאַץ דער עקסטרעם לינקער "השומר הצעיר". קומט זיך חברה צוזאַמען אין די אָוונטן און מען זינגט „אַי קטאָ יעוואָ זנאיעט" אָדער דעם שוין גאָרנישט מאָנאַרכיסטישן „אינטערנאַציאָנאַל".

חיים נחמן ביאַליק דאַרף ניט האָבן קיין טענות צו תּל־אביב און שלאָפט גאַנץ רואיק אין זיין קבר אין תּל־אביב. ער האָט אַ גאַנץ נישקשהדיקן „רחוב ביאַליק", וואָס ליגט אין סאַמע צענ־טער פון שטאָט. און אַ חוץ דעם האָט ער אויך בולוואַרן, וואָס טראָגן דעם נאָמען „שדרות־ח"ן" (חיים נחמן). די דאָזיקע „שדרות־ח"ן" זיינען אויפגעבויט געוואָרן ממש אין אַמעריקאַנער טעמפּאָ און די בולוואַרן, וועלכע זיינען אין דערמיט געפלאַנצט מיט אַ סך ביימער, זיינען פון ביידע זייטן מיט זייער שיינע הויכע הייזער. די איינוואוי־נער דאָרט זיינען פון דער נאַציאָנאַלער אינטעליגענץ, קולטור־מענטשן, וואָס לייענען ביכער און אויף זייערע באַלקאָנען זעט מען אַ סך בלומען.

מענדעלע און שלום־עליכם האָבן צוויי גאַסן, וואָס גייען פּאַראַלעל איינע נעבן דער אַנדערער אין צענטער שטאָט. די איינ־וואוינער זיינען האַלבע אינטעליגענטן, אַ ביסל פרייע פּראָפעסיעס און אַ ביסל „עמך".

אין שכנות מיט זיי האָט גאָר אַ לאַנגע גאַס, דוד פרישמאַן.

דארט זיינען פאראן עטלעכע פאלקס - שולן און בוכהאנדלונגען. דארט וואוינען אויך שרייבער און זשורנאליסטן. האט מען אבער דארט אויפגעבויט א גרויסע שיל מיט א חזן, וואס גארגלט זיך און שרייט, אז ער פארהילכט די ארומיקע גאסן. פרישמאן האט שטארק פיינט געהאט חזנים און ווי מיר דוכט זיך האט ער אויך נישט שטארק געהאלטן פון דאווענען. פונדעסטוועגן איז „רחוב פרישמאן" שטארק פאפולער און די ימים - נוראים איז די גאנצע גאס פון דער שיל ביז אראפ צום ים, פול מיט מתפללים.

ס'איז אויך דא א גאס, וואס טראגט דעם נאמען פון גרויסן יידישן דענקער און גרויסן ערלעכן ייד ר' הלל צייטלין, וועלכער איז אין 1942 פארשניטן געווארן פון די היטלעריסטישע נאצים. די דאזיקע גאס איז איינע פון די יינגסטע גאסן אין תל - אביב אבער זי בויט זיך זייער שנעל.

ווען משה לייב ליליענבלום וואלט אויפגעשטאנען פון קבר און א קוק געגעבן, וואס מען האט געמאכט פון זיין גאס, ווער ווייס וואס ס'וואלט זיך אפגעטון. פון אינדערפרי ביז אין אוונט זעסטו אויף רחוב ליליענבלום קופקעלעך מענטשן, וואס פילן אן די טראטוארן און רק מען שושקעט זיך און מען סודעט זיך. צי ס'איז טאקע אמת אויף הונדערט פראצענט, אז דאס שמועסט מען דארט אויף רחוב ליליענבלום וועגן „הארטע" און „ווייכע", דאס קען איך נישט פעסטשטעלן, ווייל איך האב עס ניט געהערט. נאר אין די צייטונגען טרעפסטו אמאל אזא ידיעה:

„נעכטן אינדערפרי האט פאליציי געמאכט אן אבלאווע אויף רחוב ליליענבלום בעת וועלכער ס'זיינען פאראהאלטן געווארן עטלעכע צענדליק מענטשן מיט דאלארן, גאלד, ניילאן - זאקן, זייגערלעך און פושקעס פלייש". לייענען תל - אביבער יידן די ידיעה און פרעגן: — וואס טוט די פאליציי מיטן פלייש?

איינע פון די לענגסטע און שענסטע גאסן אין „תל - אביב" איז די „רחוב אליעזר בן יהודה". פון ביידע זייטן גאס זעסטו שיינע געשעפטן, קאפעען, האטעלן, הויכע הייזער, ביימער און עלעגאנטע דאמען. און דאך בין איך שטארק מסופק צי אליעזר בן יהודה איז צופרידן פון זיין גאס.

אויף דער דאזיקער עלעגאנטער גאס האב איך געוואוינט און שטעלט אייך פאר, אז אין משך פון עטלעכע וואכן בין איך געווארן א „פאלנער" דייטש. און נאר ווי אזוי א דייטש! איך

בין אייך אסור ניט משקר, אַז אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט איז נישט בלויז, וואָס דייטש האָט זיך געגאָסן פון מיין מויל אַזוי ווי אַ וואַסער נאָר איך האָב אפילו געקענט אַלע דייטשע דיאַלעקטן. איך האָב געקענט אונטערשיידן דעם בערלינער „גראַסאַרטיש" פון דעם האַמ־בורגער „גוטן טאָך", דעם דרעזדענער „פּאַבעלהאַפּט" מיטן „ יאַ־וואָלל" פון האַנאָווער „אונד סאָ ווייטע, און סאָ ווייטע"...

די ערשטע „לעקציע" האָט מיר געגעבן דער פּריזירער, אַ ייד אַ זקן מיט אַ פּאָר ברילן אויפן שטערן. אַזוי ווי איך האָב נאָר די טיר געעפנט און געזאָגט „שאַלאָם" האָט ער מיך גלייך אַ פרעג געטאָן: „שניידן"?

פון זיין „שניידן" האָט מיר עפּער גענומען ווערן קאַלט אין די ביינער. איך האָבן מיך פאַרלוירן און האָב אים געוויזן מיט די הענט אויפן פּנים. דאָס הייסט אַז איך וויל מיך אָפּראַזירן.

— „נעימען זי ביטע פּלאַץ"! און איך האָב מיך אַוועקגעזעצט.

ווען איך האָב אים שוין באַצאָלט און ער האָט מיר שוין גע־זאָגט „דאַנקע שעין" האָב איך אים געפרעגט, צי ער איז אַ געבוי־רענער פון דייטשלאַנד. אַרויסגעוויזן האָט זיך אַז ער איז שוין דאָ אין ישראל העכער 40 יאָר און געקומען איז ער גאָר פון אָדעס און זיך אַרויסגעראַטעוועט פון די באָלשעוויקעס. איי דאָס וואָס ער רעדט דייטש — האָט ער מיר געזאָגט אַז ער איז אַזוי צוגעוואוינט, ווייל אויף בן־יהודה וואוינען אַ סך „יעקעס".

די ווייטערדיקע „לעקציעס" אויף דייטש האָב איך שוין גענומען ביים קעלנער אין קאַפע און ביים „גאַזאַזניק".

דער „וואָס צאַאלע אישש"? איז געגאַנגען ביי מיר אויף בן ־ יהודה אַזוי ווי אַ מזמור און ס'האָט זיך אַרויסגערעדט גאַנץ נאַטירלעך...

ס'רוב איינוואוינער פון בן ־ יהודה זיינען מענטשן, וואָס זיינען אין 1934 געקומען פון היטלער־לאַנד זיי האָבן מיטגעבראַכט קאַפּיטאַל, געבויט הייזער און זיך איינגע־אָרדנט געשעפטן. זיי זיינען כמעט אַלע גבירים, האָבן ליב די מדינה ישראל, נאָר לערנען עברית, אַזוי ווי דאָס טוען די פּוילישע יידן און די רומענישע יידן, דאָס ווילן זיי ניט, ווייל זיי דאַרפן עס ניט. דאַ־קעגן די קינדער פון די „יעקעס" רעדן אַלע אַ שיינעם העברעאיש און זיינען „מוצא" זייערע עלטערן.

פאַראַן אויך גאַסן אין תּל - אביב וואָס האָבן ווייבערישע נעמען. דבורה הנביאה האָט ניט געהאַט קיין מזל און איר גאַס איז אַ שמאָלע און אַ קרומע, דערפאַר האָבן שולמית, רות און יעל שיינע הייזער מיט ביימער און בלומען. זייערע גאַסן ליגן איינס נעבן ס'אַנדערע און אַלע צוזאַמען קומען זיי אויס אין ענגער שכנות מיט „רחוב... שלמה המלך".

די גאַסן: "ר' יצחק נפחא" און „ר' יוחנן הסנדלר", וואָס סימבאָליזירן דעם יידישן האַנטווערקער, געפינען זיך איינע נעבן די אַנדערע אין שכנות מיט „רחוב בעלי מלאכה". דאָרט וואוינט דער מיטל - שטאַנד.

אויף „רחוב באַלפור" וואוינען אַ סך יידישע דאָקטוירים. די דאָזיקע גאַס איז תּמיד ציכטיק אַזוי ווי אַ שפּיגל. אויף "רחוב רמב"ם" זיינען פאַראַן שיינע שיך - קראָמען.

אויך ראָטשילד האָט אייגענע בולוואַרן (שדרות ראָטשילד). וואָס ליגן אין סאַמע האַרץ פון תּל - אביב, אָנהייבנדיק פון „רחוב הרצל" ביז צו דער „הבימה". אינמיטן גייט אַ לאַנגע אַלעע מיט ביימער און פון ביידע זייטן ציען זיך הויכע הייזער. דאָרט וואוינען בעל הבתישע יידן איינגעזעסענע נאָך פון דער אַמאָליקער רוסי־שער עליה.

און גראָד אויף די שדרות ראָטשילד האָט דער קאָמינפאָרם „אָקופּירט" אַ טייל בענק. פון אינדערפרי ביז אין אָוונט טרעפסטו דאָרט אויף די בענק בחורים, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פּאָליטישע דיסקוסיעס. זיי רעדן אויס אַפור לדבר אויף בן־גוריון און אויף דער שוואַרצער רעאַקציע" פון אַמעריקע, וואָס האָט זיך נעבעך אָנ־געזעצט אויף ישראל. שפּעט ביינאַכט, ווען די איינוואוינער פון „שדרות ראָטשילד" גייען שוין שלאָפן, פאַרנעמען די בענק פאָרלעך, וועלכע זיצן אין דער געדיכטער פינצטערניש צווישן די ביימער ביז ס'הייבט זיך אָן באַווייזן די זון.

וועלכעס חדר - יינגל, וואָס האָט געהאַלטן ביי התחלת־גמרא, ווייס דאָס ניט פון דעם פּרק „אילו מציאות"?

אויך אַזאַ געסל איז פאַראַן אין תּל - אביב. אָבער אינטע־רעסאַנט, אַז זייער ווייניק מענטשן ווייסן וואו דאָס געפינט זיך. איך האָב עס צופעליק דערשנאַפּט אין שכנות פון „רחוב רש"י".

„אילו מציאות" איז זייער קליין און הייסט אפילו ניט „רחוב" (גאַס) נאָר „סימטא" (אַ געסעלע). דאָרט שטייען עטלעכע סטראַגאַנעס און פאַרקויפן ירקות. אָבער תל-אביבער יידן וואונדערן זיך ניט פאַרוואָס „אילו מציאות" איז אַזוי פוסטעדיק.

— וואָס? ביי אַ ייד ווילסטו קויפן מציאות?...

פאַקטן געפעלשטע און פאַקטן פאַרשוויגענע...

מיין שכן אין צוג איבער די חרובדיקע וואַרשעווער גאַסן צום געטאָ-דענקמאָל, איז געווען אַ פוילישער ייד פון לאָנדאָן, וועלכער איז דאָ אַהערגעקומען אויף קבר-אבות.

מיר, די וואַרשעווער זענען שוין אַביסל געוואוינט געווען צו די חורבות. ער אָבער האָט זיך אַלע ווײַלע אַ כאַפּ-געטאָן פאַרן קאָפּ: ווי איז דאָס מעגלעך געווען, אַז אַזעלכע שיינע און לעבעדיקע גאַסן זאָלן אויסגעגליכט ווערן מיט דער ערד?

דער לאָנדאָנער ייד האָט מודה-געווען, אַז ווען ער זעט נישט דעם שרעקלעכן חורבן מיט זיינע אייגענע אויגן וואָלט ער דאָס נישט געגלייבט און נאָך איצט (דאָס איז געווען דעם 19טן אַפּריל 1948) — האָט ער צוגעגעבן — גלייבט דאָס אין לאָנדאָן קיינער נישט, נישט די יידן און נישט די ענגלענדער... מען האָט נישט געגלייבט, אַז די דייטשן זאָלן זיין אַזעלכע שרעקלעכע רוצחים און מען האָט אויך נישט געוואָלט גלייבן, אַז אַ הייפל אויסגעהונגערטע און אויסגעמאַטערטע יידן זאָל פּלוצלינג האָבן אַזויפיל מוט און כוח און זיך וואַרפן אין אַ קאַמף קעגן אַזאַ מעכטיקן שונא. איצט וועט ער שוין אינדערהיים אַלץ דערציילן...

אויף דעם ברייטן און וויסטן פּלאַץ, וואו מען האָט געשטעלט דעם דענקמאָל, האָט זיך דער לאַנגער צוג אויסגעשטעלט אין אַ ראָד. דער לאָנדאָנער ייד האָט זיך אַ כאַפּ-געטאָן:

— וואָס טוען „זיי" דאָ?

— פאַרוואָס האָט מען „זיי" דאָ צוגעלאָזט!

— „זיי" זענען דאָך געווען ערגער פון די דייטשן!

דעם לייענער — גלייב איך — איז נישט שווער צו טרעפן,

אַז מיט דעם „זיי" האָט ער געמיינט די פּאָליאַקן, וועלכע זענען געקו־מען אין ספּעציעלע גרופּן צום דענקמאָל. פאַר אונדז ווידער איז דאָס געווען אַן איבעראַשונג, אַז פון ווייטן לאַנדאַן וואו מען האָט נישט געוואָלט גלייבן אין די אַלע צרות, האָט מען פונדעסטוועגן גוט גע־וואוסט דעם טרויעריקן און ביטערן אמת וועגן דער אויפפירונג פון די פּאָליאַקן אין דער צייט פון חורבן און באַזונדערס טאַקע אין יענע טעג פון אַפּריל, ווען אונדזערע גבורים אין געטאָ זענען געפאַלן אויף קידוש־השם. ווייל סוף כל סוף האָט זיך דער דייטש נישט שטאַרק אָריענטירט אין דעם יידישן פּנים; דער דייטש האָט בלויז געוואוסט, אַז אַלע יידן זענען איינגעשלאָסן אין געטאָ און ווען ס'וועט קומען דער באַפעל זיי אויסצוראָטן וועט ער דאָס טאָן; דאַקעגן האָט ער מחוץ דעם געטאָ, אויף דער אַזוי גערופענער „אַרישער זייט" נישט געזוכט קיין ידן, וועלכע זענען אגב געווען, אוממעגלעך צו דערקענען אַפּילו פאַר אַ ייד. די פּאָליאַקן ווידער איז נישט בלויז וואָס זיי האָבן זיך גוט אָריענטירט ווער ס'איז אַ ייד, נאָר זיי האָבן זיך ספּעציאַלי־זירט אויף דעם געביט פון פאַנגען אַ יידישן קרבן; יעדער פון זיי איז געווען פשוט אַ שרעקלאַך האַלמס. אַ טייל האָבן עס געטאָן צוליב רויב־צוועקן; אַנדערע ווידער האָבן עס געטאָן צוליב חיהשן אַנטיסע־מיטיזם און בלוט־דורשטיקייט און געווען אויך אַזעלכע וואָס כאַפּן אַ יידישן קרבן איז געווען ביי זיי שיעור נישט אַ ספּאָרט.

אין דעם שטאַרקן בוך „בנדודים ובמחתרת", וואָס איז דער־שינען אין תל־אביב, טרעפן מיר איניקע אויפטרייסלענדיקע שיל־דערונגען, וועלכע ווייזן קלאָר וועגן דער באַציאונג פון די פּאָליאַקן צו יידן אין דער צייט פון חורבן. דער מחבר פון בוך — אַ יידיש מיידל פון „דרור" מיטן נאָמען רעניא, איז געווען געבענטשט מיט בלאָנדע האָר און מיט אַ פאַרריסן פּויליש נעזל. געשטאַמט האָט רעניא פון בענדינער קאַנט אָבער היות ווי זי האָט פאַרמאָגט די פריער דערמאָנטע מעלות האָט מען זי געשיקט אויסגענוצט אַלס אַ פאַרבינ־דער צווישן די פאַרשידענע געטאָס אין פּוילן און מיטן מאָמענט ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין וואַר־שעווער געטאָ איז זי הויפּטזאַכלעך געווען טעטיק אויף יענעם געביט. רעניא דערציילט ווי אַזוי יונגע פּאָליאַקן, וועלכע האָבן זיך פאַרגעש־טעלט אַלס פּאַרטיזאַנער וואָס קעמפן קעגן די נאַציס האָבן פאַרנאַרט אַ גרופּע אירע פּאַרטיי־חברים אין אַ וואַלד און דערשאָסן. רעניא גיט אַפּילו אָן די נעמען פון די דערשאָסענע.

אין דער ערשטער סדר־נאַכט האָט זי זיך געפונען אויף

דער אַרישער זייט ביים געטאָ - טויער אויף פּלאַץ קראַשינסקים. דאָרט איז געשטאַנען דייטשישע אַרטילעריע און האָט געגעבן פייער אין געטאָ אַריין. דער הימל איז געווען אַזוי רויט און ליכטיק, אַז מען האָט געקענט באַמערקן ווי יידן שפּרינגען פון די הויכע שטאָקן פון די ברענענדיקע הייזער. זי האָט געשלונגען טרערן אָבער אַרום איר איז געווען פול מיט פּאָליאַקן, וועלכע זענען אַרויס פון די קאָשטשאָלן און האָבן שטראַלנדיקע פון שמחה אָבסערווירט דעם שרעקלעכן ספּעקטאַקל. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט אַ פּוילישע פרוי אויסגעשריגן: „קוקטס נאָר, קוקטס נאָר ווי די וואַנצן ברענען!" **וואַנצן**, דאָס האָט זי געמיינט די יידן.

דער איידעלער יצחק צוקערמאַן („אַנטעק"), וועלכער איז געווען באַשעפטיקט אויף דער „אַרישער זייט" אין וואַרשע מיט קויפן געווער פאַרן געטאָ, האָט דערציילט אַז ערב די געטאָ - קאַמפּן האָט ער אָפּגעשלאָגן די טירן ביי פאַרשידענע פּוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס וועגן הילף פאַר דער יידישער קאַמפּס - אָרגאַניזאַציע אין געטאָ. ער האָט געוואָלט צאָלן מיט שווער געלט פאַר געווער אָבער מיט גאַנץ קליינע אויסנאַמען האָט ער כמעט אומעטום אָנגעטראָפן אויף טויבע אויערן. אין ליכט פון די פאַקטן זעט מען אַז אונדזערע גבורים האָבן געקעמפט כמעט מיט ליידיקע הענט, נישט באַקומענדיק קיין שום הילף פון פּוילישן דרויסן און דעריבער ווערט יעדער ערלעכער מענטש דערשטוינט ווען ער ווערט איצט, פּלוצלינג געוואויר וועגן גאָר נייע „העלדן", פּאָליאַקן, וואָס האָבן געקעמפט קעגן די דייטשן אין וואַרשעווער געטאָ.

וועגן דעם דערציילט אין דער געטאָ - אויסגאַבע „פאָלק און לאַנד" פון יידישן וועלט - קאָנגרעס, קאָלעגע שניידערמאַן, וועלכער האָט באַזוכט וואַרשע.

מיר ברענגען דאָ בלויז איינציקע ציטאַטן זיינע פון אַ גרעסערער אָפּהאַנדלונג א. נ.: „דער אמת וועגן געטאָ אויפשטאַנד און דער מאָנומענט פאַר די יידישע מאַרטירער".

„גרויסע מחנות טוריסטן, וואָס קומען איצט קיין וואַרשע פון די קאָמוניסטישע לענדער אין אייראָפּע, איינגעשלאָסן מזרח - דייטשלאַנד, ווי אויך צאָלרייכע דעלעגאַציעס פון כינע און אַנדערע אַזיאַטישע לענדער, ווערן געפירט צום געטאָ - דענקמאָל, וואו זיי לייגן פּראַכטפולע בלומען קרענץ. אָבער אין די אויפשריפטן אויף די רויטע זיידענע בענדער

רעדט זיך נישט וועגן די יידישע העלדן, נאָר וועגן די „מאַרטירער פון אַנטי פאַשיסטישן קאַמף".

שניידערמאַן ברענגט אויך דעם גענויען טעקסט פון אַן אָפיציעלער אויסגאַבע אין פוילן וועגן די קאַמפן, אין וואַרשעווער געטאָ, און דאָרט ווערט געזאָגט אַזוי:

„דער פאַרדינסט פון אָרגאַניזירן דעם אויפשטאַנד און הילף פאַרן קעמפנדיקן געטאָ געהערט צו דער פוילישער אַרבעטער פאַרטיי, וואָס האָט געהאַט אין געטאָ אַ ברייט פונאַנדערגעבויטע אָרגאַניזאַציע און האָט אין אַפּריל פון יאָר 1943 געציילט קרוב צו 500 מיטגלידער. אין דער שפּיץ פון פּ. פּ. ר. פון געטאָ איז געשטאַנען דער אַלטער קאָמוניסט יוסף לעוואַרטאָווסקי, און דער געוועזענער שפּאַנישער קעמפער, אַנדזשעי שמידט".

אַלזאָ יידן פון דער גאַנצער וועלט! פון היינט אָן זאָלט איר וויסן, אַז די גבורים אין וואַרשעווער געטאָ זענען נישט געווען פון פּ. צ. התאחדות נישט פון „השומר", נישט פון „בונד" און נישט פון „עקיבא" נאָר די מיטגלידער פון דער פוילישער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

דער וויצע - קאָמענדאַנט פון די אויפשטענדלער אין געטאָ, דער בונדיסט מאַרק עדעלמאַן, איז פון די געציילטע גבורים וועמען ס'איז מיט טויזנטער נסים געלונגען צו בלייבן לעבן.

עדעלמאַן האָט אין 1945 אַרויסגעגעבן אין וואַרשע אַ בוך וועגן געטאָ און ער דערציילט צווישן אַנדערן ווי אַזוי מ'איז געגאַנגען צו די גבירים אין געטאָ זאַמלען געלט כדי צו קויפן געווער אַ טייל האָבן געגעבן. אַנדערע האָבן ניט געוואָלט געבן און מען האָט געמוזט אָנווענדן טעראָר. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געטענהט, אַז אויב מען וועט קעמפן מיט די דייטשן וועלן זיי אונדז אומברענגען.

— און אויב איר וועט נישט קעמפן וועלן זיי אייך לאָזן לעבן!

אויף אייניקע ערטער — דערציילט עדעלמאַן — האָבן די מיטגלידער פון דער יידישער קאַמפס - אָרגאַניזאַציע אָנגעטראָפן אויף אַן אַנדערע גרופּע, וועלכע איז אויך געקומען זאַמלען געלט אויף געווער און ס'איז געקומען צו געשלעג. יענע גרופּע איז באַשטאַנען פון רעוויזיאָניסטישע פאַשיסטן (?? — י. ב.) וועלכע מען

האָט אין דער יידישער קאַמפּס - אָרגאַניזאַציע נישט געוואָלט אַריינ־נעמען ווייל זיי זייערס האָבן געפאָדערט אַ פּאַרטרעטער אין שטאַב.

דערפון איז אַלזאָ צו זען, אַז אין וואַרשעווער געטאָ איז אויך געווען אַקטיוו דער ביתר. אָבער מערקווירדיק איז דער פאַל, וואָס אין אַלע ביכער און בראָשורן, געוויידמעט די קאַמפן אין וואַר־שעווער געטאָ טרעפן מיר נישט דעם ביתר. וואו איז ער אהינגעקומען?

אַ תשובה דערויף האָב איך באַקומען אין יאָר 1949 און געשען איז עס אַזוי:

אין מאַקאַטאָווער תפיסה האָט מען אַראָפּגעבראַנגט אַ גע־שמידטן אין קייטן, דעם ליקווידאַטאָר פון וואַרשעווער געטאָ, דעם גענעראַל פון ס. ס. יורגענס סטראָפּ.

צווישן די זאַכן וואָס מען האָט ביי אים געפונען זענען אויך געווען ראַפּאָרטן אין וועלכע הימלערס שליח האָט פאַרצייכנט יעדן טאָג דעם פאַרלויף פון די קאַמפן אין געטאָ. און אַט האָט דר. יוסף קערמיש, דער מיטגליד פון היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַר־שע, באַזוכט סטראָפּן אין תפיסה און אין ראַפּאָרט פון 19טן אַפּריל ווערט דערציילט, אַז אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ האָט זיין מיליטער אָנגעטראָפן אויף אַ העפטיקן ווידערשטאַנד מצד אַ יידישער קאַמפּס־גרופּע וועלכע האָט געעפנט אַ פייער פון פּולעמיאָטן. דער קאַמף — שרייבט סטראָפּ — האָט געדויערט פון האַלב 12 אינדערפרי ביז 6 אַזייגער פאַרנאַכט און זיין מיליטער האָט געהאַט פאַרלוסטן אין טויטע און אין פאַרוואונדעטע.

ווי עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן איז דאָס געווען די גרופּע פון ביתר, וועלכע איז באַשטאַנען פון 84 מאַן און האָט געקעמפט אונטער דער אָנפירונג פון צוויי ברידער. ביתרים פון קעלץ לייבל און הערשל ראָדאַל הי"ד.

אויף אַ באַנקעט אין פּאַריז

דאָס איז געווען אין חודש מאַי פון 1952 אין פּאַריז, נאָך מיין באַזוך אין ישראל, אויפן וועג צו מיין משפחה אין סאַן פּאַולאָ:

איינער פון מיינע אַמאָליקע וואַרשעווער פריינד, איצט דער

באזיצער פון א מאגאזין אויף איינער פון די הויפטגאסן אין פאריז, האט מיך איינגעלאדן צו זיך אויף א שמחה.

— ס'וועט זיין א היימישער עולם און וועסט עפעס דערציילן וועגן ישראל — האט ער מיר געזאגט. מיין פריינד איז א ציוניסט, אבער צווישן זיינע באקאנטע זענען פאראן א סך ניט־ציוניסטן און ער האט דא געוואלט מיט מיין פערזאן עפעס אויסשפילן. איך האב אים זייער גוט פארשטאנען און האב די איינלאדונג אנגענומען. ס'איז מיר אויך געפעלן געווארן די אינטענץ פון דער שמחה, וואס האט דער־מאנט אין די אמתע יידישע טראדיציעס פון דער אלטער היים: מיין פריינד איז דא נישט לאנג דורכגעגאנגען א שווערע כירורגישע אפע־ראציע, און אז גאט האט אים געהאלפן, ער איז געזונט געווארן. מאכט ער א סעודה...

איך האב מיך אפילו „אסעקורירט", אז כ'בין ניט קיין רעד־נער און אז קיין לאנגן רעפעראט וועל איך ניט האלטן. בעסער וואלט געווען, ווען מען זאל מיר שטעלן פראגן.

ער האט מיר אבער פארזיכערט, אז „ס'וועלן זיין בלויז היימישע מענטשן" און — „אז ווי די וועסט רעדן וועט זיין גוט"...

ווען איך בין אבער צו דער באשטימטער צייט ארויפגעקומען צו מיין פריינד, בין איך איבערראשט געווארן: אלע צימערן זענען פול געווען מיט געסט.

פרויען, באהאנגען מיט די זילבערנע פוקסן האבן הויך גערעדט פראנצויזיש. מענער, בעיארטע, מיט גאלדענע סיגנעטן אויף די פינגער, זענען אויף מיין אריינקומען געלאפן צו דער טיר מיך מקבל־פנים־זיין, אזוי ווי להבדיל ס'וואלט געקומען א „גוטער ייד". פאר־שטייט זיך, אז צווישן דעם „היימישן עולם" האב איך כמעט קיינעם נישט געקענט.

איך האב שוין חרטה באקומען אויף דעם גאנצן עסק און בא־שלאסן ביי זיך, אז כ'וועל אונטערזיצן א שטיקל צייט און ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועל איך זיך אנטשולדיקן פאר מיין פריינד, אז כ'מוז לויפן צו דער באן אפווארטן א קאלעגע... א שרייבער, וואס קומט נארוואס פון ישראל... אז ער האט מיר געשיקט אן עקסטרא טעלעגראמע פון מארסעי... אז ער וועט זיין באליידיקט, אויב איך וועל ניט קומען... און אז ער וועט זיין גערעכט...

כדי דורכצופירן דעם דאָזיקן פּלאַן, האָב איך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט די בקשה פון מיין פריינד צו זיצן „אויבנאָן” און האָב פאַרנומען דווקא אזא „סטראַטעגישן” פּלאַץ, ניט ווייט פון דער טיר...

אזוי האָב איך באַשלאָסן און פּטור אַן עסק.

געשען איז אָבער אַנדערש: באַלד נאָכן ערשטן „לחיים” האָט פּאַסירט אַזעלכעס, אַז איך האָב אינגאַנצן געענדערט מיין פּלאַן און אַנשטאָט נעלם צו ווערן בין איך געבליבן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אזוי לאַנג האָט געדויערט מיין שמועס וועגן ישראל, וועלכן דער גאַנ־צער עולם האָט אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס.

מיין שכן פון ווי־זאַ־ווי, אַ יונגערמאַן מיט אַ ליסינע און מיט ברילן, אזוי ווי אַן אַמאָליקער העברעאישער לערער, האָט זיך אָפּגע־רופן צו מיר:

— נעמט נאָך אַ שטיקל ברוסט!... — איר זענט דאָך ערשט געקומען צו פאָרן פון...

דאָ האָב איך אים איבערהאַקט און אים בשום אופן ניט געלאָזט פאַרענדיקן דעם זאַץ. מיין ישראלדיקע אַמביציע האָט זיך צע־שפּילט און איך בין אַרויס מיט „לשון”. איך האָב אים געזאָגט, אַז אין ישראל זענען נישטאָ קיין נעבעכדיקע און, אַז אין ישראל זע־נען ניטאָ קיין הונגעריקע. און דאָס מוזן איינמאָל פאַר אַלעמאָל וויסן אַלע יידן אין חוץ־לארץ.

די דאָזיקע ווערטער האָב איך געזאָגט אַביסל אין אַ העכערן טאָן, וואָס האָט געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. ביי דער באַ־גרינדונג פון מיינע ווערטער האָב איך שוין גערעדט זייער געלאַסן און אָפּעריִרט מיט פאַקטן און לעבעדיקע ציפערן. איך האָב זיי קודם־כל דערוויזן, אַז אין קיין שום לאַנד אין דער גאַנצער וועלט קאָסט ניט ברויט אַזוי ביליק ווי אין ישראל. אין פּאַריז למשל מוז אַן אַר־בעטער אָדער באַאַמטער, כדי צו פאַרדינען אויף אַ קילאָ ברויט, אַר־בעטן 40 מינוט, בעת אין ישראל דאַרף ער אַרבעטן ניט מער ווי 15 מינוט. אין ישראל קאָסט אַ קילאָ ברויט 7 פּיאַסטער ביים דורכשניט־לעכן פאַרדינסט פון צוויי מיט אַ האַלבן פונט אַ טאָג. הויך־קוואַלאַ־פיצירטע אַרבעטער פאַרדינען כמעט טאָפּלט.

אין ישראל גייט מען זייער עלעגאַנט און ציכטיק אָנגעטון און דער לעבנס־סטאַנדאַרט איז ענלעך צום רייכן מערב און ניט צום אָרעמען מזרח.

ס׳איז פּאַר אַלעמען געווען אַן אָנגענעמע איבעראַשונג, ווען איך האָב זיי געזאָגט, אַז אין תל - אביב זענען פאַראַן מער בלומען־געשעפטן ווי אין מאָסקווע און אַז דאָרט איז מען זיך נוהג, אַז מען קומט ניט צו גאַסט אָן בלומען.

כמעט אַלע דירות סיי אין תל - אביב, רמת - גן, נתניה און אַנדערע שטעט זענען מיט באָד צימערן און אַ בעל - פּרנסה אין ישראל וואוינט שענער ווי אַ יידישער גביר אין פּאַריז.

אין ישראל שטרעבט יעדער יידן זיך צו עפּעס צו דערשלאָגן אפשר איז דאָס אַ שטיקל חסרון, ווייל אין ראשיקן געיעג דאָס צו דערגרייכן, טרעפט אויך, פאַלן פון ניט ערלעכע מסחרים און שפּעקולאַציע - געשעפטן. אָבער דאָס זענען בלויז געציילטע פאַלן. אין אַלגעמיין אָבער שניידט עס זיך דאָרט אויף אַ שיין לעבן.

צווישן עולם, וואָס איז געזעסן ביי די געדעקטע טישן זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן לעצטנס באַזוכט ארץ - ישראל און די אַלע האָבן מסכים געווען מיט מיינע אויספירונגען.

אַנדערע האָבן געשטעלט פראַגן הלמאי זיי באַקומען בריוו פון קרובים, וועלכע פאָדערן כסדר פּעקלעך. איך האָב זיי געענטפערט, אַז אין ישראל איז אַ מאַנגל אין צוויי הויפּט - פּראָדוקטן: פליייש און פּוטער און דאָס מוז מען שיקן פון אויסלאַנד. דאַקעגן צוקער באַקומט יעדער (אויף קאַרטן) אַ קילאָ אַ חודש פאַר אַ שפּאָט ביליקן פּרייז. און בכלל די אַלע פּראָדוקטן, אויף קאַרטן קאָסטן ביליק. אויך מלבושים און שיך גיט מען אויף קאַרטן, דערביי גענוגט דריי טאָג אַרבעט אויף צו קויפן אַ פּאָר גוטע שיך, בעת אין רומעניע מוז דער אַרבעטער אָפּהאָרעווען דריטהאַלבן וואָכן, כדי צו פאַרדינען אויף אַ פּאָר שלעכטע שיך.

אין ישראל באַמיט מען זיך דאָס קאַרטן - סיסטעם אָפּצושאַפן, אָבער ס׳איז פּאָרלויפיק אוממעגלעך, ווען מען נעמט נאָך אין אַכט, אַז אין משך פון די לעצטע 4 יאָר זענען אריינגעקומען אין לאַנד אַריין 700 טויזנט יידן דערונטער 80 פּראָצענט איז אריינגעקומען נאַקעט און באָרוועס. ניט בלויז אין ישראל האַלט אָן דאָס קאַרטן - סיסטעם. דאָס דאָזיקע סיסטעם האַלט אויך אָן אין אַלע מדינות פון „הינטערן אייזערנעם פאָרהאַנג״. דער אונטערשייד איז אָבער דער, וואָס אין ישראל איז דער סיסטעם אַ ליבעראַלער און עס געניסט דערפון די גאַנצע באַפעלקערונג: „אין בודקין למזונות״. דאַקעגן אין יענע מדינות געניסן נאָר די, וואָס אַרבעטן אין מלוכהשע פאַבריקן און אונ־

טערנעמונגען בשעת די איבעריקע באַפעלקערונג מוז הונגערן און אָנ־קומען צום „שוואַרצן מאַרק".

דער עולם האָט גענומען שטעלן פראַגן פון פּאָליטישן כאַראַק־טער. מיין „יונגערמאַן מיט דער ברוסט" האָט מיך געפרעגט פאַרוואָס ס'זענען דאָ אין ישראל אַזויפיל פּאַרטייען, וואָס „רייסן זיך אַרום"? איך האָב אים געענטפערט, אַז קודם־כל הערשט אין ישראל פּאָלי־טישע דעמאָקראַטיע און דאָרט איז דאָ פרייהייט פון וואָרט און עפנט־לעכע קריטיק, און צווייטנס זענען פּאַרטייען אַ סימן, אַז ס'פּולסירט אַ לעבן, ווייל אין געוויסע... מדינות, וואו פּאַרטייען זענען פאַרבאָטן, הערשט טאַקע אַ בית־הקברות.

צום סוף איז אונדזער שמועס אַריבער נאָר אויף קולטור־פּראַגן. מען האָט שוין ניט גערעדט וועגן דער אכילה, נאָר וועגן: מוזיק, דראַמע און פּרעסע. די אָנוועזנדיקע, וואָס האָבן באַזוכט ישראל האָבן זיך גאָרנישט געקענט אָפּלויבן פון דעם סימפּאָנישן אָר־קעסטער פון „אוהל שם" אין תל־אביב. איך האָב נאָר בלויז צוגעגעבן, אַז דער אָרקעסטער באַשטייט פון ערשטקלאַסיקע מוזיקער און אַז דער ניוואָ איז אַפילו אַ העכערער פון פאַר־מלחמהדיקן באַרימטן אָרקעסטער פון דער וואַרשעווער פילהאַרמאָניע. אַזוי, למשל, שפּילט דאָרט אין אָרקעסטער אַזאַ וויאָלין־ווירטואָז ווי יוסף קאַמינסקי (דער זון פון אסתר רחל קאַמינסקי) און בראָניסלאַוו שולץ, דער אַמאָליקער דיריגענט פון דער וואַרשעווער פילהאַרמאָניע.

ווי געזאָגט, האָט זיך מיר אויף דער דאָזיקער שמחה צעש־פּילט מיין ישראלדיקע אַמביציע און שטאָלץ, און איך האָב דערוי־בער פון די רייכע פּאַריזער מאכלים כמעט גאָרניט טועם־געווען.

ווען כ'בין אַהיימגעקומען, בין איך טאַקע געווען שטאַרק הונגעריק...

טויטע גאַסן

לעאָ פינקעלשטיין ע"ה האָט געזאָגט: אַז מען גייט אויף די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ, דאַרף מען אויסטאָן די שיך, ווייל די ערד איז הייליק (כי אדמת קודש היא).

לעאָ פינקעלשטיין איז געווען פון די ערשטע פון אונדזער

פליטים - גרופע אין מאסקווע, וואס האט זיך אומגעקערט קיין פוילן. אין דעם ערשטן בריוו, וואס איך האב זייענדיק אין מאסקווע דער־האלטן פון אים, האט ער ביטער געוויינט אויף דעם חורבן ווארשע און זיך אויך געקלאגט דערויף וואס ער מוז וואוינען אין לאדזש, (אין ווארשע האט מען נישט געקענט באקומען קיין דירה), וואס איז נישט, לויט זיין מיינונג, קיין מקום תורה.

ער האט מיר אויך איבערגעגעבן די פרייליכע בשורה, אז מיין שוועסטער דבורה, האט זיך געראטעוועט.

ס'האט אים גארנישט געפרייט דער גרויסער כבוד, וואס מען האט אים צוגעטיילט אין לאדזש און אים דארט אויסגעקליבן אלס דעם ערשטן פארזיצער פון יידישן ליטעראטן - פאראיין אין נייעם פוילן.

לעא פינקעלשטיין האט געוואלדיק ליב געהאט ווארשע. זיין חלום איז געווען, אז ווער מיר אלע וועלן אהיימקומען וועט מען אויפ־שטעלן אין ווארשע א נייעם טלאמאצקע 13, אנהייבן בויען א ניי יידיש לעבן, אפהיטן אלע הייליקייטן, וואס זיינען געבליבן נאך דער אמאליקער עיר ואם בישראל און פון דער גאנצער וועלט וועלן קומען יידן אין געטא אריין אויף קבר — אבות...

אזעלכע „חשבונות" האבן מיר דעמאלט געמאכט.

וועגן פארלאזן ווארשע האט קיינער פון אונדז נישט געטראכט.

אבער שוין אין פרילינג 1947 האט געגומען בלאזן קיין ווער־שע א קאלטער מזרח - ווינט, א ווינט, וואס האט אנגעזאגט גאר נישט קיין פרייליכעס פאר יידן און באזונדערס פאר יידישע שרייבער און קולטור - טוער.

לעא פינקעלשטיין, דער שרייבער און טוער פון „בונד", וועלכער האט אלס פליט אין רוסלאנד אגב פארזוכט דעם טעם פון א סאוויעטישער טורמע, האט שנעל רעזיגנירט פון אלע זיינע פלענער, וואס ער האט געהאט וועגן אויפשטעלן דאס יידישע ווארשע. ער איז אוועק מעבר לים און נאך אים — אויך אלע יידישע שרייבער און קולטור - טוער, די נישט - קאמוניסטן.

שוין יארן ווי ס'איז טויט דער רשע, וואס האט חרוב געמאכט ווארשע, שוין יארן ווי איר לייענט אין די צייטונגען פון א געוויסן מין, אז „ווארשע בויט זיך" „אין ווארשע שטראמט א ניי לעבן"; „הייזער און פאבריקן ווערן געבווירן איבער נאכט" א. אז. וו. אבער ווייסן זאלט איר, אז צו אונדזער יידיש ווארשע האט עס קיין שום

שייכות נישט. דאָרט, וואו ס'האָט יאָרן לאַנג געראַנגל געוווינט מיט יידן און יידיש - לעבן איז איצט שטיל און טויט. בלויז א טראַמוויי אָדער אָמניבוס, וועלכער פאַרבינדט דעם דרום - טייל פון שטאָט (מאָקאָטאָוו) מיטן צפון - טייל (זשאָליבאָזש), רייסט איבער פון צייט צו צייט די טויטע שטילקייט. זעלטן ווען דער טראַמוויי שטעלט זיך אָפּ אויפן שטח פון געטאָ. קיין שום פּאַסאַזשיר שטייגט דאָרט נישט אויס. און צו וואָס? קיין הויז, קיין געוועלב האָט מען דאָרט נישט אויפגעשטעלט. אפילו קיין הונט זעט מען דאָרט נישט.

שוין אין יאָר 1948 איז די גוויאַזשע גאַס „נאָווי - שוויאַט" געוועזן אויסגעבעט מיט א גלאַנצנדיקן אַספאַלט פון בעסטן סאָרט. די חרובדיקע הייזער זיינען פון ביידע זייטן גאַס צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן. אמת, קיין וואָלקנקראַצערס האָט מען דאָרט ניט אויפגעשטעלט. די נייע הייזער זיינען אויך פיל נידעריקער ווי זיי זיינען געוועזן פאַר דער מלחמה. די געשעפטן זיינען אָרעם און די שוי - פענצטער זיינען נישט באַלויכטן אַזוי ווי פאַר דער מלחמה. לויטן „סטיל" פון דער „פאָלקס-דעמאָקראַטיע" פאַרמאָגן נישט די געשעפטן דאָרט די סחורות וואָס א לעבעדיקער מענטש דאַרף האָבן. איר האָט נישט דאָרט קיין עלעגאַנטע שיך - געשעפטן אָדער קראָמען פון מאַנופאַקטור און מעבל. אַזעלכע געשעפטן זיינען „בורזשואַזע" איבערבלייבענישן... דערפאַר אָבער טרעפט איר דאָרט זייער פיל בוכהאַנדלונגען און פון די שוי-פענצטער קוקן אַרויס די ווערק מיט די בילדער פון די מחברים: לענין און סטאַלין, קאַרל מאַרקס און ענגעלס. פּאַליאַקן קוקן אריין און קרימען מיט די נעז. זיי האָבן נישט ליב די דאָזיקע „ליטעראַטור" אָבער זייער גאַס איז צוריקאויפגעשטעלט און איז אין אָוונט שטאַרק באַלויכטן. אויך אויף דער מאַרשאַלקאָווסקי, וועלכע איז טיילווייז געלעגן אין חורבות האָט מען צוריק אויפגעשטעלט א ביסל הייזער.

א ריזיקן בנין האָט מען אויפגעשטעלט אויפן „פּלאַץ פון די 3 קרייצן". דאָס איז דער פּאַלאַץ פון מיניסטעריום פאַר האַנדל און אינדוסטריע. דאָרט זיצט „אונדזער" מיניסטער הילאַרי מינץ, וועלכער פירט אָן מיט דער ווירטשאַפט פון היינטיקן קאָמוניסטישן פּוילן. דאָס איז געוועזן דער ערשטער בנין, וועלכן מען האָט אויפגעשטעלט אין חרובדיקן וואַרשע.

א דאַנק דעם דאָזיקן פּאַלאַץ פאַר האַנדל און אינדוסטריע האָט אויך „פּראָפיטירט" די טויטע גענשע גאַס אין געטאָ, וואָס טראָגט איצט דעם נאָמען פון מרדכי אנילעוויטש. בלויז - שנעל האָט

מען אויף דער דאָזיקער טויטער גאַס אויפגעשטעלט אַ בנין אַ... טורמע, ווייל אין די קאָמוניסטישע לענדער זיינען סוחרים און אינדוסטריעלער די ערשטע קאַנדידאַטן פאַר אַזאַ געביידע.

אין אַ שנעלן טעמפּאָ האָט מען אויך רעמאָנטירט דעם ריזיקן בנין, די צענטראַלע פון די געריכטן אויף לעשנאָ גאַס, ווייל פּראָצעסן איז אַ גרויסע „אינדוסטריע" אין די מדינות, וואָס גייען אין קאָמו־ניסטישע דרכים.

רווישט טאַקע אויף דער לעשנאָ גאַס פון אינדערפרי ביז אין אָוונט מיט פּאָליציאַנטן און ארעסטאַנטן, וועלכע מען פירט פון די פאַרשידענע טורמעס אין געריכט אַריין. אויף דערזועלבער גאַס האָט מען אויך אויפגעשטעלט אין 1949 עטלעכע הייזער - בלאָקן מיט קליינע דירות פאַר אַרבעטער.

ענלעכע בלאָקן האָט מען אויך לעצטנס אויפגעשטעלט אין די פאַרשטעט פון וואַרשע. אָבער אין געטאָ???

די נאַלעווקי - גאַס, וועלכע איז איין פוסטער שטח, באַוואַקסן מיט ווילד - גראָז האָט כאָטש אַ שטיקעלע מזל: זי האָט באַקומען אַ נייעם נאָמען „אוליצאַ באָהאַטערוב געטאַ" (גאַס פון די העלדן פון געטאָ) און דער עיקר — דאָס שילדל מיט דעם נאָמען האָט אויך באַקומען אַ שטיקל מויער וואו מען זאָל עס אָנקלאַפּן. און דאָס איז די מויער פון דער טורמע, וואָס געפינט זיך ביים ראָג דלוגע. פאַראַן אָבער יידישע גאַסן אין געטאָ, וואו כדי אויפצוקלאַפּן דאָס שילדל מיטן נאָמען פון דער גאַס, האָט מען געמוזט אַריינשטעלן אַ סלופּ.

אַזאַ סלופּ שטייט ביי דער אַמאָליקער יידישער גאַס, וואָס איז געווען דער צענטער פון מאַנופאַקטור אין דער גאַנצער פּוילישער הויפּט־שטאָט; און דאָס איז די גענשע גאַס.

דאָרט האָבן די אייזענבערגס מיט די גאָלדשטיינס און ראָ־זענבערגס, געהאַט ריזן - געשעפטן, וועלכע האָבן זיך געבראָכן פון סחורות. איצט איז דאָרט נישט געבליבן קיין שטיקל מויער אויף אָנצוקלאַפּן דאָס שילדל מיטן נאָמען פון דער גאַס.

פאַרהאַן אויך גאַסן, וועלכע האָבן נאָך אינגאַנצן נישט באַ־קומען קיין נאָמען. קיינער רעדט נישט וועגן זיי. זיי זיינען אָפּגע־שטאָרבן אויף אייביק.

ווער פון אונדז געדענקט דאָס נישט די פראַנציסקאַנער גאַס? די גאַס, וועלכע האָט געשפּייזט מיט לעדער גאַנץ פּוילן!

דאָרט אויף יענער גאַס האָבן געוואוינט 6 טויזנט יידן אין

37 גויים. דאָס זענען געווען 37 סטרוזשעס פון די 37 ריזיקע הייזער, וואָס זענען דאָרט געווען. ווייל אַ ייד האָט נישט געטאָרט זיין קיין סטרוזש.

לאַנגע חדשים האָבן די היטלעריסטן געפירט אויף לאַסט־אויטאָס גאַנצע חמרים מיט לעדער. דאָס האָבן זיי צוגערויבט דאָס פאַרמעגן פון די: כאַסקעלבערגס, ליכטענשטיינס, קיפּערס, שיוועקס און לינדנערס, די אַלע וועלכע זענען שפּעטער דורך זיי אויסגע־קוילעט געוואָרן. איצט זעט אויס די גאַס אַזוי ווי אַ רינשטאָק און די ציגל פון די חורבות זענען אַזוי ווי איינגעזונקען געוואָרן. אַז מען האָט געכאַפּט אַ בליק אויף דער ווייסטער פראַנציסקאַנער גאַס איז מען באַהערשט געוואָרן פון אַן אימה און אַ פּחד.

פון 17טן אַפּריל 1946 ביזן 20סטן מערץ 1950, דעם טאָג ווען איך האָב צום לעצטן מאָל געזעגנט די טויטע גאַסן פון וואַרשע־ווער געטאָ, איז מיין פוס קיין איינמאָל נישט געווען אויף דער פראַנ־ציסקאַנער גאַס. און נישט נאָר איך. קיין שום ייד איז דאָרט אַהין נישט געגאַנגען. דאָס זעלבע איז אויך מיט די גאַסן: פּאַווע, דזשעלנע און קאַרמעליצקע. דאָרט איז אַמאָל געווען דער בונדישער „גראַסער־קלוב" און די פּועלי - ציוניסטישע „אַרבעטער - היים". דאָרט האָבן לעאָ ליאָוו און מ. שניאור, אָנגעפירט מיט יידישע פאָלקס - כאָרן. אָפּטמאָל איז מען געשטאַנען אויף די טראָטואַרן און געהערט זינגען יידישע לידער. איצט איז די קאַרמעליצקע איין גרויסער באַרג ציגל, וועלכער איז צוגעדעקט מיט ווילד־גראָז.

פון צייט צו צייט פלעגן מיר צוגיין אויף דער נאַוואַליפּקי גאַס. דאָרט האָט צווישן דעם גרויסן ים פון די חורבות אַרויסגעשטעקט איינער אליין אַ שפּיץ פון אַ קלויסטער...

כ'האָב געזוכט דעם ריזיקן בנין פון סימאָנס פּאַסאַזש;

דאָרט איז געווען די שיל „סיני"; דאָרט איז געווען דער צענטראַלער יידישער האַנדווער - פאַרבאַנד; דאָרט האָט פון אינדער־פרי ביז ביינאַכט געוווישט פון מענטשן, ווייל דאָרט האָט זיך אויך געפינען דער „מכבי", דער גרעסטער יידישער ספּאָרט - קלוב פון פּוילן.

אָבער אומזיסט: אויף יענעם פּלאַץ איז געווען איין גרויסער באַרג מיט צעבראָכענע ציגל.

אַזוי ליגט דאָס אַמאָליקע יידישע וואַרשע אין די חורבות,

פאַרגעסן פון אַלץ און פון אַלעמען.

בלויז איין טאָג אין יאָר האָבן די חורבות פון געטאָ באַקומען אַ תיקון. דאָס איז געווען אין דער יאָר־צייט פון העלדישן אויפשטאַנד פון אונדזער יוגנט אין וואַרשעווער געטאָ.

ביים קבר פון אלחנן צייטלין ע"ה

אין דעצעמבער 1947, באַקום איך אַ בריוו פון אהרן צייטלינען פון ניו יאָרק, אין וועלכן ער שרייבט מיר, אַז לויט די גענויעסטע ידיעות, וואָס ער האָט באַקומען פון פאַרשידענע קוועלעס, איז זיין יונגערער ברודער אלחנן, געשטאָרבן אין וואַרשעווער געטאָ 1942, מיט אַ נאַטירלעכן טויט — אויב מ'קאָן אַ טויט דורך הונגער אָנרופן „נאַטירלעכער טויט" — און איז צו קבורה געקומען אויפן גענשער בית עלמין אין דער „ליטעראַרישער אַלעע" — בעט ער מיך, אַז כ'זאָל זיך באַמיען אָפּצוגעפינען זיין קבר כדי שטעלן אים אַ מצבה.

צום סוף פון דעם דאָזיקן בריוו שרייבט אויך צו עטלעכע ווערטער מיין טייערער חבר משה עלבוים איצטיקער מיט־רעדאַקטאָר פון ניו יאָרקער „פאָרווערטס" דאָס ער איז איבערצייגט אַז ס'וועט מיר געלינגען אָפּצוגעפינען ס'קבר, „ווייל צו קיין אַנדערן האָבן מיר זיך נישט צו ווענדן נאָר צו דיר" און אַז אַלע הוצאות וואָס זענען פאַרבונדן מיטן שטעלן די מצבה וועט זיי אהרן צייטלין דעקן.

אין יענעם דעצעמבער־טאָג איז וואַרשע געווען באַדעקט מיט אַ ווייסן פּראַסטיקן שניי וואָס האָט ממש „באַלויכטן" די חרובע גאַסן פון געטאָ. אינדרויסן האָט מען קיין לעבדיקן מנטש נישט געזען, אַזוי, אַז פון מיין פענצטער אין רעדאַקציע „דאָס נייע לעבן" וואָס האָט זיך געפונען אויף טלאָמאַצקע אין בנין פון היסטאָרישן אינסטיטוט (אין־שכנות מיט דער חרובער סינאַגאָגע), האָט מען גלייך „אַריבערגעקוקט" צום גענשער בית עלמין, וואָס איז אויסגעקומען זייער נאָענט.

אָבער דוקא אויפן בית עלמין איז געווען אַ לעבהאַפטע באַוועגונג: אַ גרופּע דייטשישע געפאַנגענע האָט געאַרבעט ביים אַראָפּרוימען דעם שניי וואָס האָט פאַרשאָטן אַ סך מצבות; פון דער ווייטנס איז געשטאַנען אַ פּוילישער זעלנער מיט אַן אויטאָמאַט, אָבער ער האָט

זיך כמעט נישט אומגעקוקט אויף זיי. געקאָמאַנדעוועט מיט די דייטשן האָט אַ... ייד, דער אויפזעער פון בית עלמין.

דערהערנדיק מיין בקשה האָט ער געזאָגט, אַז ס'וועט זיך לאָזן מאַכן: „די יעקעס וועלן דאָ אַרבעטן עטלעכע וואָכן און פאַר אַ ציגאַרעטל קאָנט איר זיי קויפן", צוגעבנדיק, אַז זיי זענען נישט קיין עם־עם־לייט, נאָר פּשוטע זעלנער.

דער פּוילישער שומר האָט נישט פּראָטעסטירט, ווען איך האָב אַלעמען געטיילט ציגאַרעטן און עס איז געבליבן, אַז גלייך אויף צו־מאָרגנס וועט מען אָנהייבן באַזייטיקן דעם שניי פון די קברים אין דער „ליטעראַרישער אַלעע".

אויפן 4טן טאָג באַקום איך אַ טעלעפאָן, אַז מ'האָט געפונען דאָס קבר. איך לויף שנעל אויפן בית עלמין, דער אויפזעער לויפט מיר אַקעגן מיט אַ שמחה און אויך די דייטשן פרייען זיך.

די „ליטעראַרישע אַלעע" האָט איצט גאָר אַן אַנדער אויס־זען ווי מיט 4 טעג צוריק: דער שניי פון די גרויסע מצבות איז אָפּגע־רוימט, איך זע קלאָר נעמען: „ה. ד. נאָמבערג", „אברהם גאָלדבערג", אַקעגנאיבער — דער אהל פּרץ.

אַביסל וויטער פּאָרען זיך די דייטשן ביים אויפשטעלן אַ מצבה, אַ שווערע.

דער אויפזעער קלערט מיר אויף, אַז נאָך איצט קומען ביי־נאַכט פּוילישע שאַקאַלן און וואַרפן אום מצבות, ווען די מצבה גע־הער איז שווער צו וויסן, ווייל זיי גנבענען אַראָפּ דעם מאַרמאָרמענעם טאָוול מיטן נאָמען פון מת...

כ'גיי צוריק צום קבר פון אַלחנן צייטלין און וואָרן דעם אויפ־זעער, אַז ער זאָל אַכטונג געבן, ווייל כ'האָב מורא פאַר די שאַקאַלן.

— „זיי" גנבענען נאָר דעם מאַרמאָר פון טייערע מצבות, „ברעטלעך" דאַרפן זיי נישט.

איך בין אָבער אַלץ נישט רואיק און וויל מיר מאַכן אַ סימן נעבן וועמען אַלחנן ליגט, אָבער די שכנותדיקע קברים, זענען הוילע ברעגלעך אָן מצבות און אָן נעמען.

איך בייג זיך אַראָפּ צו אַזאַ שכנו(תדיק בערגל, וואָס האָט יאָ עפּעס אַ „ברעטעלע" אָבער באַשאָטן מיט שניי.

— פראַנץ, קאָם הער! — רופט דער אויפזעער איינעם אַ דייטש — ער זאָל אָפּרוימען דעם שניי.

איך לייען דעם פּ" נ" און ווער דערציטערט:

„אברהם ראָזענפעלד".

ווי איז מיר! ס'איז דאָך באַנטשע, דער פּעליעטאָניסט פון „מאָמענט" מיט וועלכן כ'בין געזעסן צוזאַמען אין רעדאַקציע 18 יאָר.

ווען כ'האָב שפּעטער דאָס אַלץ דערציילט אין רעדאַקציע „דאָס נייע לעבן", האָט מען מיר געזאָגט, אַז אברהם ראָזענפעלדסביידע זין האָבן געהערט צו דער יידישער קאַמפּס - אָרגאַניזאַציע און זענען געפאַלן ווי העלדן בעתן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, און דאָס האָבן זיי נאָך באַוויזן אויפצושטעלן דאָס קליינע מצבהלע פאַר זייער פאָטער, וועלכער האָט געהאַט „מזל" צו שטאַרבן ערב דער שרעקלעכער אַקציע קיין טרעבלינקע, דעם 22סטן יולי 1942.

די ידיעה, אַז מ'האָט געפונען דאָס קבר פון אלחנן צייטלין, האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט אין די שרייבער - קרייזן און געמאַכט אַ רושם. רחל אויערבאַך קלינגט מיר פון לאָדזש: היות ווי איך האָב מצליח געווען צו געפינען אלחנן צייטלינס קבר, זאָל איך זיך באַמיען אויך צו געפינען קיפּניסעס קבר, וועלכער איז אויך געשטאָרבן אין געטאָ און געקומען צו קבר ישראל אין דער „ליטעראַרישער אַלעע".

כ'האָב איר צוגעזאָגט, אָבער לײַדער האָב איך דאָס קבר פון דעם פּעליעטאָניסט פון „היינט" און מחבר פון די באַרימטע „כעלעמער מעשיות", נישט געפונען.

צו אהרן צייטלינען האָב איך נאָך אין דעם זעלבן טאָג טעלעגראַפירט, אָבער מיטן שטעלן די מצבה, האָט מען געמוזט אָפּוואַרטן. איבער וואַרשע האָבן געגומען פאַלן געדיכטע שנייען מיט זאַווערוכעס, וואָס האָבן אוממעגלעך געמאַכט ס„שטעלן די מצבה.

אין משך פון די שווערע ווינטער - חדשים האָב איך אין מיין קאָרעספּאָנדענץ מיט אהרן צייטלינען באַקומען צוגעשיקט דעם גענויען טעקסט פאַר דעם מצבה - אויפשריפט פאַר זיין ברודער, ווי אויך אַלע אַנדערע אויסגאַבן דערצו.

קיין יידישע מצבה - קריצער איז אין דער איצטיקער וואַרשע, די אַמאָליקע עיר ואם בישראל — נישט געווען. אויך די דאָזיקע פרנסה האָבן די פּאָליאַקן איבערגענומען.

דער אויפזעער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז „זיי" מאַכן עס גאַנץ גוט, אָבער ער האָט מיר געעצהט, נישט צו מאַכן קיין שטייענדיקע מצבה, פיל פּראַקטישער איז אַ סאַרקאָפאַג פון שווערן מאַרמאָר אַרומגעמויערט מיט צעמענט און מיט ציגל און מיט אייזערנע שטאַכעטן

אַרום, אַז די כּוליגאַנעס זאָלן עס נישט קאָנען רירן.

אהרן צייטלין האָט מסכּים געווען און סוף זומער איז די מצבה פאַרטיק געוואָרן.

צו יענער צייט הארבסט 1948, האָבן שוין אַ סך יידישע שרייבער געהאַט פאַרלאָזן פּוילן און אַנדערע האָבן זיך אויך געגרייט אין וועג אַריין. אָבער עטלעכע צענדליק שרייבערס און קולטור־טוערס זענען נאָך געווען. איך האָב דעריבער געוואָלט מאַכן ווי עס פירט זיך ביי אונדז יידן: אָפּריכטן אַן אזכּרה אויפן קבר מיט אַ חזן און זאָלן טאַקע די יידישע שרייבער און סתּם יידן קומען צו דער אזכּרה. און פּאַרוואָס טאַקע נישט קיין הספּד לכּבוד דעם שרייבער און פּובלי־ציסט אלחנן צייטלין און לעצטער סעקרעטאַר פון טלאָמאַצקע 13, וועלכער האָט בעת די היטלעריסטישע באָמבעס זענען שוין געפאַלן איבער וואַרשע, נישט פאַרגעסן אָן קיין איינעם פון אונדז און צעטיילט דאָס געלט פון דער קאַסע בכדי מיר זאָלן האָבן מיט וואָס צו לויפן אין וועג?...

אַלע האָבן מסכּים געווען מיט מיין פּלאַן, אַפילו די שרייבערס קאָמוניסטן, אָבער פּלוצלינג איז געשען אַ מכשול:

אהרן צייטלין האָט אין „מאָרגן זשורנאַל" פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין וועלכן ער האָט מיט יידישן פלאַם־און־פייער אַנגעגריפן די מיליאָנען פּוילישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן אַזוי גלייכגילטיק צוגעקוקט ווי די היטלעריסטן האָבן געמאָרדעט די יידן.

דוכט זיך, אַ גאַנץ ערלעכער אַרטיקל פון אַ יידישן שרייבער, וועלכער האָט אַרויסגעבּרענגט דאָס געשריי וואָס האָט געטליעט אין יעדן איינעם פון אונדז.

אָבער פּוילן, די מדינה ביי דער ווייסל, איז שוין דעמאָלט געלעגן פעסט אין די סטאַליניסטישע לאַפּעס און „אוואַנסירט" פון „פאָלקס - דעמאָקראַטיע" צום רויטן „סאָציאַליזם".

אהרן צייטליר האָט תּיכּף באַקומען דעם טיטול „פאַשיסט": דער „מאָרגן־זשורנאַל" — „מלחמה צינדערישע צייטונג" און איך וואָס בין דעמאָלט געווען דער סטאַבילער קאָרעספּאָנדענט פון „מאָרגן־זשורנאַל", האָב באַקומען דעם באַשיידענעם טיטול „רעאַקציאָנער".

און ווער ס'איז אַביסל באַקאַנט מיט דעם פסיכישן טעראָר פון אַ קאָמוניסטיש לאַנד, וועט זיך נישט וואונדערן וואָס אויך די שריי־בערס נישט - קאָמוניסטן, האָבן זיך אויפגעהערט צו אינטערעסירן מיט

דער אזכרה פאַר אלחנן צייטלינען. עטלעכע פון מיינע שרייבער־פריינד (נישט־קאָמוניסטן פאַרשטייט זיך) האָבן מיך געראָטן צו זיין פאָרזיכטיק.

„באָרענשטיין, האָסט געשטעלט אַ מצבה פאַר אלחנן צייטלי־נען, דאָס איז אַ גרויסע זאַך. אָבער, זאָלסט נישט איינרייסן מיט די יעווסעקעס: האָסט שוין פאַרגעסן, אַז דו ביסט געווען אין רוסלאַנד? פוילן איז דאָס זעלבע... געדענק, מ'קאָן דיך נאָך איינזעצן אויך!"

איך האָב אָבער נישט געפאָלגט, ווייל ערשטנס האָב איך פאַר די יידישע קאָמוניסטן קיינמאָל נישט באַהאַלטן, אַז איך בין געווען און פאַרבליבן אַן אַלגעמיינער ציוניסט. אַזוי אַז דער טיטול „רעאַקצי־אָנער" האָט מיך נישט שטאַרק איבערראַשט. צווייטנס איז מיין פּאָזי־ציע געווען אַ פעסטערע פון אַנדערע זשורנאַליסטן און שרייבערס, ווייל איך בין אויך געווען דער שטענדיקער קאָרעספּאָנדענט פון תל־אביבער „הארץ", פון „די אידישע צייטונג" אין בוענאָס איירעס, פון דער יידישער צייטונג אין יאָהאַנעסבורג א"א.

דאָס האָט מיר געגעבן אַביסל קוראַזש. כ'בין אַוועק צום דירעקטאָר פון „דזשאָינט" אין וואַרשע, ה' וויליאַם ביין, וועלכער האָט פאַרמאָגט צוויי אויטאָמאָבילן; אַ מנין יידן מיט אַ חזן, זענען מיר אַראָפּגעפאָרן אויפן גענשער בית עלמין, מ'האָט געמאַכט אַן הזכרה און איך האָב געזאָגט קדיש. ;

דער דירעקטאָר פון „דזשאָינט" האָט נאָך געמאַכט פאָטאָגראַ־פישע אויפנאַמעס פון דער שיינער מצבה פון אלחנן צייטלין, וועלכע כ'האָב געשיקט קיין אַמעריקע.

זונטיק, דעם 19טן מערץ 1950, בין איך געווען צום לעצטן מאָל ביים קבר פון אלחנן צייטלין, דער זון פון גרויסן שרייבער און דענקער, ר' הלל צייטלין זכרונו לברכה.

אין יענעם טאָג זענען זייער פיל יידן געווען אויפן גענשער בית עלמין, אויך זיי, פּונקט ווי איך, זענען געקומען צום לעצטן מאָל אַ קוק־טון אויף די קברים פון זייערע נאָענטע און פריינד.

ס'זיינען געקומען גאַנצע משפחות. אָבער מערקווירדיק: די פּנימער זענען נישט געווען טרויעריקע. ביים אַרויסגיין פון טויער האָט עפּעס אַ פרוי געווישט די אויגן.

פערל! וואָס וויינסטו? שוין, פאָרסט דאָך שוין מאָרגן אַוועק פון דעם פינצטערן לאַנד!

און טאַקע צומאָרגנס, מאָנטיק דעם 20סטן מערץ 1950, איז אויף דער בריק איבערן גדאַנסקער וואָקזאַל געשטאַנען אַ המון פון עט־לעכע טויזנט פּאָליאַקן, וועלכע האָבן מיט כעס און מיט קנאה אַראָפּ־געקוקט צו אַ לאַנגן צוג וואָס איז געווען איבערפולט מיט בלויז יידן.

דער צוג איז געגאַנגען ביז ווענעציע כדי איינצושטייגן אין דער שיף „קוממיות" וועלכע איז אָפּגעשוואומען קיין ישראל.

וועגן אַ דראַמאַטישן משפּט איבער אַ יידישן שרייבער אין וואַרשע

ווען איך בין אין 1950 געקומען קיין ישראל — און געקומען בין איך דירעקט פון וואַרשע — האָט זיך צו מיר געווענדעט רחל אויערבאַך, צי איך וואָלט מסכים ־ געווען צו נעמען אַ וואָרט וועגן דעם משפּט איבער דר. מיכאל וויכערט, וועלכער האָט זיך נאָר וואָס פאַרענדיקט אין וואַרשע.

„נעמען אַ וואָרט" האָט געמיינט: אַרויסטרעטן אויף אַן עפנ־טלעכן אָוונט אָדער שרייבן אין צייטונג וועגן משפּט.

אָבער דאָ געפין איך פאַר נייטיק צו געבן אַ שטיקל הקדמה:

דר. מיכאל וויכערט, אַ באַקאַנטער יידישער שרייבער אין פאַר־מלחמהדיקן פּוילן, געוועזענער פּאָרזיצער פון פּען ־ קלוב אויף טלאָמאַצקע 13; גרינדער און רעזשיסער פון פּאָפּולערן יידישן „יונג־טעאַטער" וואו ער האָט זיך באַמיט צו באַזייטיקן שונד און בכלל דר. וויכערט, דער קעמפער פאַר יידישער שפּראַך און קולטור, איז געמשפּט געוואָרן, פאַר קאָלאַבאָראַציע מיט די דייטשן אין דער צייט פון שרעקלעכן חורבן.

לאַנגע וואָכן האָט געדויערט דער פּראָצעס, וועלכער איז פאָר־געקומען אין בנין פון צענטראַל ־ קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן. אויף שעננאַ 60.

אויף מיר איז געפאַלן דער גורל צו זיין דער איינציקער באַ־ריכטס ־ שטאַטער, פאַר דער צייטונג „דאָס נייע לעבן", (דער אָרגאַן פון צ. ק. פון די יידן אין פּוילן) און פון מיינע באַריכטן אין דער צייַ־טונג, וועלכע איז דערשינען דריי מאָל אין דער וואָך, איז די יידישע

עפנטלעכקייט געוואויר - געוואָרן וועגן גאַנג פון דאָזיקן טראַגישן משפּט.

איך האָב זיך שטרענג די מי געגעבן צו זיין נייטראַל, וואָס איז מיר ווייזט אוים געלונגען, ווייל דער שעף - רעדאַקטאָר פון „דאָס נייע לעבן", אַן אַלטער קאָמוניסט, האָט נישט געענדערט אַפילו קיין איין וואָרט פון מיינע באַריכטן.

עס זיינען אויך נישט געווען קיין שום טענות אָדער הכחשות פון די צדדים.

דאָס געריכט איז באַשטאַנען פון פאָרשטייער פון אַלע פּאַרטייען (אויב מען האָט געקענט אין פּוילן, סוף 1949, ריידן וועגן פּאַר־טייען). יעדנפאַלס, דער פאָרזיצער פון געריכט איז געווען אַדוואָקאַט ראַגאַזשינסקי פון לאָדזש, אַן אַלגעמיינער ציוניסט.

אַלס באַשולדיקער מצד דעם צענטראַל - קאָמיטעט איז אַרויס־געטראָטן דר. ווילק (אַ קאָמוניסט) און אַלס פאַרטיידיקער — דר. קאַברינער (אַן אומפּאַרטייאישער).

עס זיינען אויסגעהערט געוואָרן לערך 200 עדות.

די לעצטע סעסיעס האָט דאָס געריכט אָפּגעהאַלטן אין קראָקע, ווייל דאָרט האָבן זיך געפינען אַ גרעסערע צאָל יידן, וועלכע זיינען דורכגעגאַנגען דאָס נאַציסטישע גיהנום אין לאַגער פון פּלאַשאוו (דער שטח וואו דער אָנגעקלאָגטער איז געווען אַקטיוו אין זיין הילפס־טעטיקייט).

אויך די געריכטס - פאַרהאַנדלונגען אין קראָקע האָב איך ביינעוואוינט, אַזוי אַז איך בין געווען דער נישט - אָפיציעלער פּראָטאָ־קאָליסט פון גאַנצן פּראָצעס איבער דר. מיכאל וויכערט.

און דעריבער האָט די איידעלע שרייבערין רחל אויערבאַך, וועלכע איז אַגב דורכגעגאַנגען דאָס נאַציסטישע גיהנום אויף דער אַרישער זייט, זיך געווענדעט צו מיר.

איך האָב איר פאָרשלאָג תיכף אָנגענומען, אָבער די אחריות פאַרן גורל פון דר. וויכערט מיט זיין פאַמיליע, וועלכע זיינען דעמאָלט נאָך געווען אין קראָקע, האָט אונדז אָפּגעהאַלטן פון נעמען אַ שטעלונג צום משפּט, ווייל מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז אין יענער צייט איז שוין די מדינה ביי דער ווייסל געשטאַנען אויף אַ „הויכער" לעניניס־טישער מדרגה און האָט שוין אַפילו „אַוואַנסירט" פון דער „פאָלקס־דעמאָקראַטיע" צום „סאָציאַליזם".

מען האָט פּשוט מורא - געהאַט צו באַרירן דעם דאָזיקן

טראַגישן ענין און די פּאַרזיכטיקייט האָט אָנגעהאַלטן לאַנגע יאָרן אַפילו שוין אַ שטיק צייט נאָכדעם ווי דר. ווייכערט מיט זיין פאַמיליע האָבן עולה - געווען קיין ישראל.

דער טראַגישער משפּט איז ענדלעך ארויס פאַר דער עפנטלעכקייט. אַ דאַנק אַ בוך געווידמעט דעם שרעקלעכן חורבן.

דאָס בוך איז דערשינען אין גוט - באַקאַנטן פאַרלאַג „מנורה" אין תל - אביב און דער מחבר איז נישט קיין אַנדערער ווי דר. מיכאל ווייכערט.

דאָס בוך האָב איך נישט געזען, נאָר אין תל-אביבער „לעצטע נייעס" איז דאָ אַ ברייטע אָפּהאַנדלונג פון שרייבער און פּובליציסט שמעון קאַנץ, אונטער דעם טיטל: „זכרונות און דאָקומענטן פון גרויזאַמערווירקלעכקייט".

מיכאל ווייכערט, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען צו געבן די כראָניק פון יענער צייט, איז אַליין אַ דראַמאַטישע געשטאַלט. ער האָט אויף אַן אומגעוויינלעכן אופן איבערגעלעבט די אָקופּאַציע, איז געקומען אין קאָנפליקט מיט דער יידישער אונטערערדישער קאַמפּס - אָרגאַניזאַציע. באַלד נאָך דער מלחמה איז קעגן אים פאַרפירט געוואָרן אַ פּראָצעס פאַר קאָלאַבאָראַציע מיט די דייטשן. דאָס פּוילישע געריכט האָט אים באַפרייט פון יעדער שולד. שפּעטער איז אויף זיין אייגענער פאָדערונג פאָרגעקומען דער פּראָצעס פאַר דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, פון וועלכער ער האָט געהאָפט צו באַקומען די פולע רעהאַביליטאַציע, אָבער דאָס געריכט פונעם יידישן קאָמיטעט אין וואַרשע האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די פאָרשטייער פון דער אונטערערד און האָט פאַראורטיילט די שטעלונג פון דר. מיכאל ווייכערט, וועלכע ער אַליין הערט נישט אויף צו פאַרטיידיקן ביזן היינטיקן טאָג, האַלטנדיק זיך ביים שטאַנדפּונקט, אַז דאָס לעבן פון אַ מענטש איז הייליקער פון אַלע טעאָריעס און ווייזט אַלץ, אַז מיט זיינע האַנדלונגען האָט ער אָפּגעראַטעוועט טויזנטער יידן פון טויט.

ווען מיר זיינען אין 1946 געקומען פון רוסלאַנד קיין פּוילן, האָט מען אונדז דערציילט, אַז אויף דר. ווייכערט איז דורך דער

יידישער אונטערערדישער קאַמפּס - אָרגאַניזאַציע, אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַ טויט - אורטייל. מען האָט אונדז אויך איבערגעגעבן, אַז ער האַלט זיך איזאָלירט פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן און וואַרט אויפן משפט.

ווען איך בין איינמאָל געקומען קיין לאָדזש אין רעדאַקציע „דאָס נייע לעבן", האָב איך אים פלוצלינג דערזען, ווען ער איז אַרויס פון רעדאַקציע - קאַבינעט; ער האָט פונדערווייטנס בלויז אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ אַלס אַ באַגריסונג, און איז שנעל אַוועק. נאָך אים, זיינען אַרויס פון קאַבינעט דער פּאָעט דוד ספארד און מירסקי.

— „איך ווייס נישט פאַרוואָס זאָל מען פייניקן אַ מענטש?; ווייכערט וויל אַן עפנטלעכן משפט, זאָל מען אים געבן".

דאָס זיינען געווען די ווערטער פון ספארדן, וועלכער איז דע־מאָלט געווען דער סעקרעטאַר פון „קעמערל".

אָבער פון יענעם מאָמענט זיינען אַריבער קנאַפּע 3 יאָר ביז דעם משפט, און דאָס ווייזט, אַז אין יידישן סעקטאָר פון דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי אין פוילן זיינען געווען קעגנער פון אַ רעהאַבילי־טאַציע - פּראָצעס.

איינער פון די הויפּט - עדות מצד דער באַשולדיקונג איז געווען דר. א. בערמאַן (געוועזענער פּאַרזיצער פון צ. ק. פון די יידן אין פוילן, אַ געוועזענער לינקער פּועלי - ציוניסט, וועלכער איז איצט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ישראל).

זיין פאַרהער האָט געדויערט 2 שעה; ער האָט אונטערגעהאַלטן די באַשולדיקונג אַז דר. ווייכערט האָט מיט זיין הילפס - אינסטיטו־ציע געשאַפן אין אויסלאַנד דעם פאַלשן איינדרוק, אַז אין פוילן לעבן יידן און האָבן די מעגלעכקייט צו געניסן פון הילף.

ער האָט אויך איבערגעגעבן, אַז פון דער יידישער אונטערער־דישער קאַמפּס - אָרגאַניזאַציע, האָט מען געשיקט שליחים קיין קראָקע און געוואָרנט דעם אָנגעקלאָגטן, אַז ער זאָל אָפּשטעלן זיין הילפס־טעטיקייט און זיך אַליין צוריקציען אין דער אונטערערד, נאָר דר. ווייכערט האָט זיך דעם באַפעל נישט געוואָלט אונטערוואַרפן.

כ'געדענק אויך דעם עדות וואָיטשיק, אַ לינקער פּאָלאַק, וועל־כער איז דורך דער יידישער קאַמפּס - אָרגאַניזאַציע געשיקט געוואָרן צום אָנגעקלאָגטן קיין קראָקע. אָבער ביים פאַרהער האָט ער זיך אַזוי געפּלאָנטערט, אַז ס'איז שווער געווען עפּעס פון אים אַרויסצובאַקומען (אַ סברה, אַז ער איז געקומען אין געריכט אריין נאָך אַ כוסה...).

בעת דער געריכטס - פאַרהאַנדלונג אין קראָקע איז געקומען א גרויסער יידישער עולם, אזוי אז דער זאַל איז פול געווען.

פון די ערשטע עדות איז דערשינען א יונגע פרוי מיטן נאָמען אסתר שענירער.

פּאָרזיצער: איר זענט א משפחה מיט שרה שענירער? (געווען פאַר דער מלחמה, א פרוי א צדיקת אין קראָקע, מיטן נאָמען שרה שענירער — י. ב.).

עדות: — יאָ.

פּאָרזיצער: — וואָס האָט איר געטאָן אין פּלאַשאוו?

עדות: — כ'האָב געאַרבעט אין קיך.

פּאַרטיידיקער: — די גאַנצע צייט האָט איר געאַרבעט אין קיך?

עדות: — ניין, פאַר דעם האָב איך געהאַט אַן אַנדערע אַרבעט; כ'האָב געשלעפּט ציגל (א באַוועגונג אין זאַל).

פּאַרטיידיקער: — ווען איר וואָלט כסדר געאַרבעט ביי די ציגל, וואָלט איר אויסגעהאַלטן ביז דער באַפרייאונג?

עדות: — ניין.

פּאָרזיצער: — וואָס ווייסט איר וועגן דר. ווייכערט?

עדות: — איך האָב אים פּערזענלעך נישט געקענט, נאָר מען האָט געשמועסט אין לאַגער, אַז עס איז דאָ אַ יידישער דאָקטאָר, אַ שרייבער, וועלכער שמוגלט אַריין ברויט און מעדיקאַמענטן.

פּאַרטיידיקער: — דאָס וואָס די דייטשן האָבן אייך אוועקגענומען פון די ציגל און געשיקט אין קיך אַריין, איז געווען אַלס רחמנות!

עדות: — ניין. דאָס האָט זיך פאַר מיר געסטאַרעט דר. ווייכערט.

זייער לאַנג האָט געדויערט דער פאַרהער פון א בעקער, א פּאָליאַק, וועלכער האָט דערציילט ווי שווער ס'איז אָנגעקומען אַריינצושמוגלען דאָס ברויט אין לאַגער אַריין; על־פּי־רוב האָט מען דאָס געטאָן אינמיטן דער נאַכט, מיט דער הילף פון אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן געאַרבעט מחוץ דעם לאַגער.

אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן בוך שרייבט שמעון קאַנץ, אַז דער מחבר „דעקט פאַר אונדז אויף די לאַבאָראַטאָריעס פון דייטשער גרויזאַמקייט און אין אַלע זיינע מעשים איז דאָ די עקשנות פון ניט און־

טערגעבן זיך, אפילו פאר דעם שווערן פרייז פון מיטאַרבעטן מיט די דייטשן".

שמעון קאַנץ ציטירט אויך דאָס „לעצטע וואָרט". וואָס דר. ווייכערט האָט געזאָגט פאַרן פוילישן מלוכה - געריכט דעם 5טן יאַנואַר 1946.

„איך בין געווען און כ'בין גליקלעך, וואָס איך האָב זוכה־געווען לפי מיינע כוחות בייצוטראָגן צו פאַרלייכטערן אין די לעצטע חדשים פון זייער לעבן דעם גורל פון די, וואָס זיינען אומגעקומען מיט א מאַרטירער - טויט און צום סוף דערהאַלטן ביים געזונט און לעבן יענע, וואָס זיינען ניצול - געוואָרן; קיין שום פרייז ווייזט מיר נישט אויס צו זיין צו הויך; נישט דער דאָזיקער פּראָצעס, וואָס אין אים דאַרף איך מיך פאַרענטפערן פאַר מוראַדיקע בלבולים, אויסגע־זויגענע פון די פינגער, נישט די צען חדשים פאַרבראַכטע אין־תפיסות, נישט דאָס פאַרשווארצן מיר דאָס פּנים פאַר דער עפנטלעכער מיינונג אין לאַנד און אויסלאַנד, וואָס וועט אָנהאַלטן אזוי לאַנג ביז דער גאַנצער אמת וועט נישט אַנטפּלעקט ווערן".

אַרום דעם טראַגישן משפּט האָבן אויך געשפּילט א ראָלע מאָמענטן פון פּסיכאָלאָגישן כאַראַקטער; עם זיינען למשל באַקאַנט פאַלן ווען דורך טויזנטער נסים זיינען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן גאַנצע יידישע משפּחות, ווי די באַוואַסטע וואַרשעווער משפּחה פון אינזש. זיידענבייטל, וואָס איז באַשטאַנען פון זיבן פּערזאָן. איך האָב געטראָפן אין וואַרשע דעם באַרימטן יידישן דאָקטאָר קעניגשטיין מיט זיין פרוי; ביידע, אין טיפן עלטער פון איבער 80 יאָר זיינען געקומען אויפן גענשער בית־עלמין און גוטמוטיק באַטראַכט זייער „פאַמיליען־גרוב", וואָס זיי האָבן געקויפט נאָך פאַרן חורבן (די קעניגשטיינס זיינען באַשיצט געוואָרן דורך די אַרטיסטן פון דער וואַרשעווער אָפּערע ווען ער האָט געהיילט אומזיסט און די פאַמיליע זיידנבייטל איז געראַטעוועט געוואָרן א דאַנק דעם פוטבאָליסט פון ספּאָרט - קלוב „פּאָלאָניא" טאַדעאוש גראַבאָווסקי.

אמת, אַזעלכע פאַלן זיינען ליידער געווען געציילטע אָבער דאָס זיינען דאָך געקליבענע פאַלן.

אויך ביי ווייכערטן האָט זיך אָפּגעראַטעוועט זיין פאַמיליע; אָבער דאָ האָט מען שוין איבערגעגעבן אז ער האָט גענאָסן פון ספּע־

ציעלע פּריווילעגיעס מצד היטלערס גענעראַל - גובערנאַטאָר האַנס פראַנק (אַ געהאָנגענער נאָכן נירענבערגער פּראָצעס) ווייל ווייכערט זאָל האָבן געלערנט מיט אים אין איין שולע און אַפילו געזעסן אויף איין באַנק. אויפן משפּט אין וואַרשע האָט ווייכערט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז דאָס איז אַ בלבול, ווייל פראַנק איז געווען מיט 10 יאָר עלטער פון אים און דאָס געריכט האָט די דערקלערונג גענומען צו קענטעניש.

דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע געריכט אין וואַרשע האָט אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל לויט וועלכן דר. מיכאל ווייכערט ווערט פאַרמשפּט פאַר קאָלאַבאָראַציע מיט די דייטשן, אויסגעשלאָסן צו ווערן פון דער יידישער געזעלשאַפט אויף 2 יאָר. דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע געריכט האָט אָבער אויך אָנערקענט, אַז דער אָנגעקלאָגטער האָט פון זיין אַקטיוויטעט נישט געצויגן קיין מאַטעריעלן נוצן פאַר זיך.

ס'איז אָנגענומען, אַז אַ פּסק-דין פון אַ געריכט, קריטיקירט מען נישט, בפרט נאָך, אַן אורטייל פון אַ געזעלשאַפטלעכן געריכט, אָבער אַז מען וועט מיך פרעגן: צי האָט ווייכערט געראַטעוועט יידן פון טויט, וועל איך מיט אַ רואיק געוויסן, ענטפערן מיט אַ קאַטעגאָרישן יאָ!

יצחק באָרענשטיין

קדיש נאָך אַ געטאָ - פּאָליציאַנט

אין 1947 און 1948 זענען פאָרגעקומען אַ סך געזעלשאַפט־לעכע משפּטים און נישט בלויז אין ווארשע נאָר אויך אויף דער פּראָווינץ.

אין לאָדזש האָט מען געמשפּט אַ פּארשוין, האָט מען געמוזט האַלטן ארום אים אַ שטרענגע וואך; דער המון האָט אים געוואָלט לינטשן אויפן אָרט.

און ווען דאָס געריכט האָט געפּסקנט: „12 יאָר חרם!", האָט דער עולם פּראָטעסטירט:

— „אַזאַ מוסר, דאַרף מען איבערגעבן צום פּוילישן געריכט!"

— צוליב **אים** האָט מען דאָך דערשאָסן מיין זון מיין חיימען!"

אָבער דאָס מלוכה - געריכט האָט אין יענער צייט קיין השק נישט געהאַט צו משפּטן יידן פאַר קאָלאַבאראַציע מיט די דייטשן;

אגב איז דאָס פּוילישע געריכט געווען געניוג „באַוואָרפן מיט אַרבעט";

די תּפיסות זענען פול געווען סיי מיט פאַשיסטן פון „אַ. ק."
(„ארמיאַ קראַיאָוואַ"), וועלכע מען האָט געשלעפּט פון די וועלדער, און סיי מיט שטאָטישע „קאָנטער - רעוואָלוציאָנערן" און „שפּעקולאַנטן".

אין ווארשע האָב איך בייגעוואוינט דעם פּראָצעס פון פאַר־מלחמהדיקן טרויעריקן בארימטן „מישלעניצער העלד", דער פּאָגראָמש־טשיק אדאָם דאַבאַשינסקי מיט זיינע ענדעקישע חברים;

דאָבאַשינסקי האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף היטלערן און האָט מיט זיין כוליגאַנישער באַנדע שוין פאַר דער מלחמה פּאָג־

ראַמירט דאָס יידישע שטעטל מישלעניץ נעבן קראָקע;

כמעט אין דערזעלבער צייט איז פאָרגעקומען אין וואַרשע נאָך א גרויסער פּאָליטישער פּראָצעס אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק זענען געזעסן מענער און פרויען פון דער אַמאָליקער פּוילישער אַרמיי־טאָקראַטיע;

דער הויפּט־אנגעקלאָגטער יאַן מאַרשעוווסקי, א באַרימטער טעניס־שפּילער פון דער אַמאָליקער פּוילישער רעפּרעזענטאַנץ, איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט; אויך דאָבאַשינסקי איז פאַרמשפּט גע־וואָרן צום טויט.

דער פּאָגראָמשטשיק האָט זיך זיכער נישט פאָרגעשטעלט, אַז א יידישער אַדוואָקאַט מאַשלאַנקא (דער גרעסטער אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן) וועט זיין זיין פּאַרטיידיקער; אָבער אויך מאַרשעוווסקיס פּאַרטיי־דיקער איז געווען א ייד, דער פאַרמלחמהדיקער זשורנאַליסט פון „נאַש פּזשעגלאָנד", א שוואָגער פון רעדאַקטאָר נתן שוואַלבע, העניריק נאָוואָגרודזקי.

וואָס שייך די מיטגלידער פון יידישן געזעלשאַפטלעכן געריכט, האָבן זיי נישט געפאָדערט, אַז דער אָנגעקלאָגטער זאָל זיין א צדיק; זייער צוגאַנג איז געווען אַז א ייד אין געטאָ צי אין לאַגער האָט, כדי צו ראַטעווען זיין לעבן געמעגט טוען אַזעלכע זאַכן, וואָס וואָלטן אין נאָרמאַלע צייטן פאַררעכנט געוואָרן פאַר פאַרברעכנס;

דאָס געריכט פלעגט „אוועקקוקן", ווען מען האָט גערעדט וועגן א פרוי, וואָס האָט זיך אויפגעפירט, נישט ווי עס פּאַסט פאַר א יידישער טאָכטער; פאַרפאַלן, געווען אַזאַ ביטערע צייט, ווען יעדער האָט געזוכט צו ראַטעווען ס'לעבן; **דאָס** האָט אָבער בשום אופן נישט געטאָרט געמאַכט ווערן **אויפן חשבון פון א צווייטן ייד**; פאַר **אַזעלכע** חטאים, האָט דאָס געריכט זייער האַרב באַשטראָפט.

14 טעג האָט געדויערט דער משפּט פון דער עסטראַדע־זינגערין וויערא גראַן;

דער באַשולדיקונגס־אַקט האָט איר פאָרגעוואָרפן, אַז זי זאָל האָבן קאָלאַבאָרירט מיט „געסטאַפּאָ" און געטראָגן א פּאָקענעם מאַנטל,

נאָכדעם ווי מען האָט שוין ביי אַלע יידן אין וואַרשעווער געטאָ געהאַט צוגענומען אַלע פוטערנע מלבושים.

בעתן משפט אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען אַ בלבול מצד צוויי יידן, אייגנטימער פון אַ נאַכט - לאָקאַל אין געטאָ, צוליב דעם, וואָס וויערא גראַן, האָט נישט אויפגעטרעטן ביי זיי נאָר ביי די קאָנקורענטן... פאַרשטייט זיך, אַז דאָס געריכט האָט אַרויסגעטראָגן אַ באַפרייאונגס - אורטייל.

אַ באַזונדערער כעס איז געווען ביי די לעבנגעבליבענע יידן, צו די געטאָ - פּאָליציאַנטן.

— „איר האָט נישט אַמאָל אָנגעטראָפן אויף איינעם מיטן נאָמען פּרעסער?"

— מיר מוזן דעם ימחשמוניק פּאַקן!"

דאָס זענען ריישער יידן געלאָפן פון שטאָט צו שטאָט און געזוכט דעם געטאָ - פּאָליציאַנט, פּרעסער, וועלכער האָט אין טאָג פון דער „קינדער - אַקציע" אין זייער שטאָט, אָוועקגעכאַפּט יידישע קינדער פון זייערע מאַמעס, און איבערגעגעבן צו „געסטאַפּאָ".

אָבער נישט אַלע געטאָ - פּאָליציאַנטן זענען געווען אַזוי ווי יענער פון ריישע.

בעת אַ געזעלשאַפטלעכן משפּט איבער אַ פּאָליציאַנט פון אָטוואָצקער געטאָ, האָבן יידן אַ סך דערציילט וועגן אַ פּאָליציאַנט ווילענדאָרף, אָדער ווי זיי האָבן אים גערופן, „זעליקס זון";

זעליק ווילענדאָרף איז געווען אַ פרומער ייד אַ מאַזשיצער חסיד, אַ באַקאַנטער נאָמען אין שטאָט אָבער די קינדער זענען נישט געגאַנגען אין זיינע דרכים, און געהאַט האָט ער אַ סך קינדער שוין דערוואַקסענע און יענער זון דער פּאָליציאַנט איז געווען אַ קאָמוניסט און נישט איינמאָל געזעסן אין תפיסה.

אין דער נאַכט אויפן 18טן אויגוסט 1942, ווען ער האָט זיך דערוואוסט אַז אויפן וואָקזאַל שטייען שוין גרייט די וואַגאָנעס כדי

אוועקצופירן די יידן קיין טרעבלינקע, איז „זעליקס זון" ארומגעלאָפן און געזאָגט די יידן, אַז זיי זאָלן זיך באַהאַלטן אין די וועלדער, ווייל מאָרגן אינדערפרי, וועט מען אַלע יידן אַוועקפירן.

— איך מיט מיין ברודער האָבן אים געפאָלגט און מיר זענען ביינאַכט אַנטלאָפן ביז הינטער קאַלאַביעל און דאָרט זענען מיר אריין צו אַ פּויער.

— וואו איז „זעליקס זון"?

— ער לעבט נישט מער.

— ער האָט צוזאָמענגענומען בעת דער „אַקציע" אוועקגעשליידערט דאָס פּאָליציייאישע היטל און דער ערשטער אריין אין וואַגאָן, אָבער די דייטשן האָבן אים דערשאָסן אויפן אָרט;

ווען ס'פאַלט אוים זיין יאָרצייט צינדן מיר אָן אַ ליכט און זאָגן קדיש.

— איר זענט געווען זיינע קרובים?

— ניין, מיר האָבן געוואוינט בלויז אויף איין גאַס, אויף דער גורנע גאַס... פון זעליקל'ס שטוב האָט זיך קיינער נישט געראַטעוועט;

ס'איז פון זיי קיינער נישט געבליבן.

★

Composto e impresso na
TIPOGRAFIA FRANKENTHAL
R. Três Rios, 259 - 32-8867 - S. Paulo